STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02714

# ALE VERK

## Mendele Mokher Sefarim

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג

מענדעלע

ווארשע

# אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

## נײַנצעהנטער באַנד

נײַע פערבעסערטע אויסגאַבע

בעזאַרגט: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשאַ, נאָוואָליפּקי 7

1 9 2 8

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

# שלמה ר׳ חיים׳ס

(צווייטעס בוך)

פערלאג „מענדעלע", ווארשא

1928

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

# אינהאַלט:


שלמה ר׳ חיים׳ס

פון מיין ספר הזכרונות I

" " " " II

" " " " III

שטריכען צו מיין ביאָגראַפיע

# שלמה ר׳ חיים׳ס

(צווייטעס בוך)

אין דעם איצטיגען באַנד XIX געהט אריין דאָס צווייטע בוך דער ווייטערדיגער המשך, פון מענדעלע מוכר ספרים׳ס לעצטען בוך „שלמה ר׳ חיים׳ס“, וואָס איז אַ קינסטלערישע בעשרייבונג פון מענדע־לע׳ס אייגענעם לעבען. דער אָנהויב פון „שלמה ר׳ חיים׳ס“, דאָס ער־שטע בוך (אין 17 קאַפּיטלעך), איז אַריין אין פריהערדיגען באַנד XVIII. אין דער ביז־איצטיגער מענדעלע־אויסגאַבע האָט דאָס צווייטע בוך גע־טראָגען דעם נאָמען „מיין לעבען“. אין דעם צווייטען בוך שילדערט מענדעלע מוכר ספרים דאָס ווייטערדיגע לעבען פון שלמה׳לען. ר׳ חיים, שלמה׳לעס פאָטער, איז געשטאָרבען, און פאַר׳ן בחור׳ל, דעם יתום, הויבען זיך אָן שווערע וואנדער־טעג. מיר טרעפען שלמה׳לען אין שטעד־טעל ט—ק, אין דער ישיבה, וואוהין עס טראָגט איהם די נויט. מענ־דעלע שילדערט דאָ פאַר אונז דעם בית־המדרש, די ישיבה, די ישיבה־בחורים, מיט וועלכע איהם איז אויסגעקומען צו בעקענען זיך אין זיין אייגענער יוגענד. אַ בעזונדערער טרויער און אונבעהאָלפענקייט ליגט אויסגעגאָסען אויף די קאַפּיטלען. ווי זאָגט ש. י. אבראמאָוויטש אין זיין הקדמה צו „שלמה ר׳ חיים׳ס“, אין זיין „אמר מענדעלע“: „דער שריי־בער זוכט, קלייבט־צו די פאַסענדיגע ווערטער, זעצט זי, ווי פּערעל איינס צום אַנדערען מיט ישוב־הדעת, מיט דער כוונה, אַז דער גייסט און די צורה זאָלען ווי די נשמה מיט׳ן גוף פּאַסען איינער צום אַנדע־רען, נישט־מעהר נישט ווייניגער וויפיעל מען בעדאַרף“.

דאָס צווייטע בוך „שלמה ר׳ חיים׳ס" פערטאָגט אין יודיש אַ דריה קאַפּיטלען, וואָס מענדעלע האָט שוין נישט בעוויזען איבערצוזעצען זיי אין יודיש. דער העברעאישער טעקסט פון צווייטען בוך (אין העברעאישען הייסט עס ביי מענדעלען „בימים ההם") ווערט פערענדיגט מיט דעם אָרט, וואו עס פערענדיגט זיך אין יודישען דער נייטער קאַפּיטעל. אַזוי־אַרום האָבען מיר מענדעלעס אויטאָביאָגראַפּיע־ערצעהלונג, אָנהויבענדיג פון׳ם צעהנטען קאַפּיטעל, בלויז אין יודיש.

נאָך „שלמה ר׳ חיים׳ס" געהען אַריין אין דעם איצטיגען באַנד די צוויי שילדערונגען פון מענדעלע „פון מיין ספר הזכרונות" און „פון ספר הזכרונות" (איבערגעזעצט דורך ב. עפּעלבוים). מיר האָבען צוגעגעבען איצט די שילדערונג „פון מיין ספר הזכרונות", וואָס איז דורך מענדעלע׳ן גופא פערקירצט און בעאַרבעט געוואָרען און געדרוקט געווען אין „יודישע וועלט" (פערלאַג ב. קלעצקין 1915).

צום סוף פון איצטיגען באַנד קומען אַריין מענדעלעס ביאָגראַפישע נאָטיצען, וואָס זענען דורך מענדעלען אָבגעדרוקט אין העברעאישען זאַמעלבוך, אין נ. סאָקאָלאָוו׳ס „ספר הזכרון" (ווארשא, תרמ״ט — 1889) אונטערען נאָמען „רשימות לתולדותי". די נאָטיצען זענען איבערגעזעצט אין יודיש דורך ב. עפּעלבוים.

נ. מ.

# צווייטעס בוך

## א.

אויף אַ גלייך פריי פעלד, אַ ניין, צעהן וויערסטליך פון ק... וואַרפט זיך אין די אויגען נאָך פון־דערווייטענס עפּיס אַ שטי־קעל ישוב, אינגאַנצען גרויס ווי אַ גענייץ. אַריינקומענדיג אַהין דערקענט מען באַלד, אַז דאָס איז אַ יודיש שטעדטיל. אַ סימן דערויף האָט מען אין דעם מאַרק מיט קלייטען, אין דעם שולהויף, וואו עס געפינט זיך אַ שולכען מיט אַ בית־מדרש׳ל און אין דער באָד להבדיל מיט אַ מקוה—דריי זאַכען אַזוינע, וואָס ווי באַלד אַ מנין יודען קלויבט זיך צונויף, וואוינען צוזאַ־מען, איז אוממעגליך צולעבען אָהן זיי ווי אַ פיש אָהן וואַסער.

ט—ך הייסט דאָס שטעדטיל! עס זענען אין דעם דאָ עט־ליכע מנינים יודען.

און צו די עטליכע מנינים איז אין־אָנהויב זומער נאָך צו־געקומען נאָך אַ נפש — אַ בחור׳ל, אַ פרעמדער, וואָס זיצט דעם גאַנצען טאָג אין בית־המדרש און לערענט.

איז דען ט—ך אַ מקום תורה? געפינט זיך דען דאָרט אַ ישיבה? — ניין, און נאָך אַמאָל, ניין! די יודען, וואָס געפינען

זיך דאָרט בעדאַרפען פרנסה. קוים אָפּגעדאַווענט בלייבט דאָס בית־המדרש ליידיג. דער שולהויף אָפּגערוימט, נישטאָ קיין פוס פון אַ מענשען, גלייך ווי אויסגעשטאָרבען, דער עולם איז זיך פונאַנדער געגאַנגען, דער אַ היים, יענער אין מאַרק. איטליכער צו זיינע געשעפטען.

נישט דער תורה צליעב איז דאָס בחור׳ל פון דער פרעמד אַהער געקומען — ער איז געקומען, גאַנץ פשוט, צוליעב דעם עסען, דאָס הייסט, ביי יעדען פון די שטאָדט בעלי־הבתים צו־עסען אַ באַשטימטען טאָג אין דער וואָך.

געקומען איז ער אַהער נישט מיט זיין אייגענעם ווילען, עס האָט געטריבען איהם די נויט. די מוטער זיינע, שרה, אַ אלמנה מיט קליינע קינדער, אָהן שום מיטעל צום לעבען, זי נעביך האָט זיך געמאַכט האַרץ און געשיקט דאָס ליבסטע קינד איהר׳ס, דאָס עלטסטע צווישען די קליינע קינדער, אַהער אין שטעדטיל, רעכענענדיג אויף דער התקרבות פון אַ פּאָר בעקאַנטע דאָרט.

שלמה׳לע הייסט דאָס בחור׳ל, רב חיים׳ס אַ זוהן — אָט צו־וואָס נעביך ער איז געקומען!

די ערשטע צייט נאָך רב חיים׳ס טויט איז, ווי עס פיהרט זיך ביי יודען, געווען די צייט פון טרייסט, מנחם זיין, טרייס־טען, איז דאָך אַ מצוה און קאָסטען קאָסט זי קיין גראָשען, טאָ ווער־זשע זאָל נישט וועלען זי מקיים זיין? עס עפענט זיך ביי יעדען אין מויל אַ קוואַל פון טרייסט. אַפילו נישט קיין גרויסער בעל־דברן ווערט בערעדעוודיג. מען ווייזט־אָן אויפ׳ן רבונו של עולם, פאַרזיכערענדיג אַז ער איז אַ בטוח, לי הכסף ולי הזהב, ער האָט און האָט גאָלד און זילבער, ער איז בעגלויבט, בישקשה! אַלע ווייסען טאַקי, אַז די נחמות זענען נאָר פוסטע ווערטער, האָבען אַזאַ האַפט ווי די זיסע חניפה־ריידעליך; פונ־דעסטוועגען ווירקען זיי, מעהר אָדער וועניגער, מען לאָזט זיך איינרעדען. ווי אַ האָניג־טייגעל צו אַ געשוויר זענען די טרייסט־ווערטער צו שרה׳ס געשוואָלען האַרץ, עס עפענט זיך די וואונד און אַלסדינג, וואָס דאָרט האָט זיך אָנגעקליבען, וואָס האָט

געדריקט, געשטאָכען אַזאַ צייט, זעצט אַרויס אין בלוטיגע טרעה־רען איהר פון די אויגען. ביטערע זיפצען רייסען זיך פון דער אלמנה׳ס האַרץ אַרויס און אַ שיין פון גליבען, פון האָפנונג גנב׳ט זיך אַהינצו אַריין.

טרייסטווערטער צו אבלים — דאָס זענען פאַרפאַרבטע, אין קאָלירען־שפּילענדיגע וואָלקענס ביים אָבשטאַרבען פונ׳ם טאָג, וואָס איז אָבער נאָר אויף אַ ווײַלע. באַלד טרעט אריין די נאַכט — און שטאָק־פינסטער ווערט אַרום און אַרום! שרה האָט אין אַ קורצער־צייט אַרום דערפיהלט דעם ביטערען טעם פון עלענד, פון דלות און נויט, ווי שלעכט ס׳איז צו זיין איהר — אַ פערלאָזענע וויסטע אלמנה, און די קינדער — פערוואָהרלאָזטע יתומים. און אויסגעלאָשען איז אין איהר דער שיין פון האָפנונג געוואָרען!

ווי אַ פינסטערער וואָלקען ליגט דער יתום אויף שלמה׳לען, ליגט אויף איהם און אין איהם איינגאַנצען. איהם איז אָבגע־שטאָרבען אי דער פאָטער, אי די וועלט מיט איהם אינאיינעם. איינגאַנצען די נאַטור, מיט איהר ערד און הימעל, מיט פעלדער און ווינטע, מיט זון, לבנה און שטערען — איז פאַר איהם טויט. עס רעדט נישט צום האַרצען, עס שמייכעלט נישט, עס קינצעלט נישט, עס ציהט צו זיך נישט, וועקט נישט קיין געפיהלען, גאָר נישט דאָס, וואָס פריהער. ס׳איז נאָר עפּיס אַ גולם, פאַרביגע בעקעליך, בלויע אייגעליך — אַ גוף אָהן אַ נשמה.

שאָקלענדיג זיך איבער דער גמרא מיט אַ שטיל־אומעטיגען ניגון׳דיל, פערברייננגט שלמה׳לי אַליין די צייט אין דעם לייי־דיגען בית־המדרש. אַז עס ווערט איהם נמאס צו שאָקלען זיך זיצט ער דאָרט אויף דער באַנק פערגליווערט, אויסשטעלענדיג אַ פּאָר אויגען, קיין ריהר זיך נישט צוטהון. אָדער ער געהט אַרויס אויפ׳ן שולהויף, וואו חוץ איהם איז נישטאָ קיינער, שטעהט, געניצט, קוקט פערגליווערט אין איין זייט, נישט צו־וויסען וואָס און וואו ער איז. אַ פערשייטע פליג, אַ זלידנע קומט זשווזשענדיג, שטעלט זיך איהם אויפ׳ן שפּיץ נאָז — און עס זאָל דאָס איהם אַרען! אַ גאָנער מיט זיין פעקיל קליינוואַרג

שהוט זיך אַ ווייז אויפ'ן שולהויף, שטרעקט אויס, באַלד ביי'ם אַריינגאַנג, דאָס העלזעל, גאָגאָטשעט אָב אַ „מה־טובו" בלשון ונוסח געגזענש — און עס זאָל דאָס איהם אָנגעהען! בהמות, ציגען, געהן, לויפען שוין פון פעלד, אויפהייבענדיג זיילען שטויב, דאָס קול פונ'ם בוהאַי לאָזט זיך הערען פון איין עק שטעדטיל ביז דעם אַנדערען, אויך דער קהל'שער באָק לויפט אין זיין רוה אַריין, גלייך צו דער ווייבערשער שוהל — און ער זאָל זיך עס כאָטש אַ ריהר טהון! ער שטעהט, שטעהט ביז דער שמש קומט־אָן, גיסט אַריין וואַסער אין האַנדפאַס, הענגט־אויף דעם אויס־געטריקענטען, דעם גאַנצען עולם'ס איינציגען האַנטוך און דער־מאָהנט איהם, אַ ציה־געבענדיג איהם פון הינטען ביי'ם אַרבעל, אַז באַלד וועט דער עולם זיך פאַרקלויבען צו מנחה.

דאַוונען—דאָס איז געווען אַ ליכדיגער שטראַהל, וואָס האָט, דורכשלאָגענדיג זיך דורך די וואָלקענס מרה־שחורה, אַ שיין גע־טהון אין זיין פאַרפינסטערטער, פאַר'יתום'טער נשמה. פון ט—ץ האָט ער ניט געשעפט קיין תורה, דערפאַר אָבער איז איהם דאָרט אַריין אין טעם דאָס דאַוונען... דאָס איז געווען אַ חסידיש דאַוונען, מיט אַ ברען, דאָ, אין ט—ץ, האָט ער דאָס ערשטע מאָל געזעהן חסידים, און וועלכע אין ק... איז קיין זכר נישטאָ, און איבער וועלכע עס געהען דאָרט אַרום מימרות, מיאוסע מעשיות פון פאַרביסענע מתנגדים ווי איבער פושעי־ישראל, ווי ל־דע ברואים, מיני בהמות, דער בעל־הבית, ביי וועלכע ער האָט געגעכטיגט און געגעסען שבת, דעם טאַטענס, עליו השלום, אַ גוטער פריינד, איז אַ חסיד און דאָך אַ יוד, און נאָך אַ הייסער יוד, אַ פיינער מענש־אַ יוד! שלמה'לע האָט געדאַווענט וואו דער בעל־הבית, אין אַ חסידיש שטיבעל, און די גאַנצע הנהגה דאָרט אי דאָס דאַוונען איז איהם געווען צום האַרצען, דאָס שטעדטיל ט—ץ האָט זיך פאַרדינט ביי שלמה'לען דערמיט, וואָס ס'האָט דעם ערשטען שטויס געגעבען דעם שכל זיינעם אין דעם ענין פונ'ם בעטראַכטען דאָס יודישקייט, וואָס איז שפעטער מיט דער צייט זיך געגאַנגען ביי איהם אַלץ ווייטער, ווייטער, ט—ץ איז געווען פאַר שלמה'לען אַ נייע ענטדעקונג, ווי אַ ענדעקטע אינזעל,

אַ שטייגער, אין ים איקינוס. חסידים זענען טאַקי אויך יודען! אָבער דאָך איז דאָ אַ חילוק צווישען זיי און מתנגדים, צווישען וועלכע ער איז אויפגעוואַקסען ביז אַ הער אין זיין שטעדטיל, אין אַ מתנגיד שטעקט אַ פאַרפרוירענע נשמה, ביי איהם איז גאָר קאָפּ, האַרץ — אייז־קאַלט. זיין לערנען, זיין דאַווענען אין גאָר בכתוב, ווייל אַזוי שטעהט געשריבען. ער איז ווי אַ עהרלי־כער בעל־חוב, וואָס צאָהלט פינקטליך אויף אַ וועקסעל. על פי דין בעדאַרף מען דאָס—נו, טהו איך מיין שולדיגקייט און פטור. זיין גאָט איז אַ בייזער, ווי באַלד עפּיס ניט אַזוי, געפיגט ער זיך בעליידיגט, ווערד ברוגז, שטאַרק אָנגעצונדען און בעשטראָפט. דאָ, אויף דער וועלט, איז דער מתנגיד אַ קאַלטער, דערפאַר דאָרט אַ גיהנם האָט ער פלאַם־פייער, מלאכי־חבלה אָהן אַ צאָהל. מען ברענט, מען פייניקט, מען טהוט־אָן כל־המיני יסורים אַ שרעק! אַקעגען־זשע דער חסיד, ווי שלמה׳לע האָט עס געזעהן אַ ציגד דאָ, איז הייס. דער עיקר איז ביי איהם אין עבודת־הבורא — שמחה: ישמח ישראל בעושיו — אַ יוד בעדאַרף זיך פרעהען מיט זיין באַשעפער, מיט אַזאַ גאָט, מיט אַזאַ גוטען, דערבאַרעמדי־גען פאָטער ווי ער איז. „בשעת דאַווענען טאָר מען קיין שום דאַגה נישט האָבען, אַפילו די דאַגה פאַר די עבירות, וואָס מען איז בעגאַנגען, אויך נישט". אָט אַזוי זאָגט דער אר״י הקדוש. דאָ, אין שטיבעל, דאַווענט זיך מיט חשק, עס געהט אַרויס אַ „הודו", אַ „כגוונא" אַ „ידיד נפש" קנאַקענדיג, אַיך לעבעדיג.

ידיד נפש אב הרחמן:

ליבעהאַרציגער, דערבאַרמיגער פאָטער דו מיין!
בייג מיך, דיין קנעכט, צוטהון דעם ווילען דיין.
פאַר דיר אין מקום קדוש קניען, זאָל געשווינד
דיין קנעכט אַהין פלינק לויפען ווי אַ הינד.
זיין זיס זאָל איהם דיין ליבשאַפט מעהר אַ סך
פון האָניג און פון איטליכער געשמאַקער זאַך.

אָ, וועלט־בעשיינער, שענהייטסקוואַל אין איהר!
מיין זעל געהט אויס פאַר ליבשאַפט, לעכצט צו דיר.
אָ, גאָטעניו, אָ, הייל

איין לעכצענדיגע זעל!
דיין מילדען בליק איהר ווייזען וועסטו נאָר,
געזונד און שטאַרק און גליקליך ווערד זי גאָר.
באַרמהאַרציגער! אָ, שפּרודלען זאָל געלינד
ס'רחמנות דיינס אויף דיין געליבט וואויל קינד.
פון לאַנג שוין טאַקי לעכצט מיין זעל און שמאַכט
צוזעהן דערלעבען דיין גרויס־הערליכע מאַכט.
אָט דאָס איז טיעף פון האַרצען מיין בעגער,
דערבאַרם זיך זשע און נישט פערבאָרג זיך מעהר.
ענטפּלעק זיך, אָ, און שפּרייט, מיין ליבער
דיין פרידען, ווי אַ בײדעל אויף מיר אַריבער!
די וועלט די גאַנצע אומעטום,
וועט ליכטיג ווערען פון דיין רוהם.
און אַלע מיר דאָ וועלען
פון דיר גאָר אָנקוועלען.
טאָ גיכער־זשע דיין גנאָד! געקומען שוין די צייט,
פון אונז ווי פריהער מאַכען לייט.

דאָס דאַוונען אָבער — אָט דער ליכטיגער שטראַהל, האָט אַ שיין געטהון אין שלמה'לעס נשמה נאָר אויף אַ ווײלע, אַזוי שטאַרק בעטריבט איז זי געוועזן. די איבעריגע צייט איז שלמה'לע געוועזן די־רשלאָגען, תמ'עוואַטע, פערשלאָפען, עפּיס נאָר טאַקי אַ גולם.

ס'איז אָבער געוועזן צייטען, ווען שלמה'לעס האַרץ איז געוועזן וואַך, אַ הייסער שטראָם פלעגט איהם דורכלויפען איבער דעם לייב און עס האָט איהם געפלאַמט דאָס פנים. אַ פעטע רויטע באַק מיט אַ פערמאַכט בלינד אויג האָט זיך איהם געדאַכט טראָגט זיך, שוועבענדיג אין דער לופט צו איהם אַקעגען. די דאָזיגע מיט דעם אויג האָבען געקעהרט דער טאָכטער פונ'ם בעל־הבית, וואו ער פלעגט נעכטיגען — אַ געזונדע, אַ דיקע, אַ בעלייבטע, ברייטביינערדיגע בתולה. שלמה'לען וואָלט די בתולה, ווי זי איז אינגאַנצען, לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען. מילא איז זי אויף איין אויג אַ בלינדע, וואָס מאַכט עס אויס? די צרה איז

אָבער אָט וואָס — מען וויל, ווי ער האָט זיך דערוואוסט, זי זאָל זיין פאַר איהם אַ כלה, און דאָס האָט איהם שוין טאַקי גוט געאַרט. עס פלעגט זיך איהם פאָרשטעלען איהר געשטאַלט, און פאַר גרויס פערדראָס איהם צעקאָכען — געה, האָב נאָך אַלע זיכען גאָר חתונה פאַר צרות! און נאָך מיט ועמען? מיט אַ בלינדער מויד! עפּיס נאָר ווי אויף צו להכעיס פלעגט איהם קומען דענסטמאָל אויפ׳ן געדאַנק פראַדיל, די שענע, ליבע פראַדיל. אַ פערגלייך אַביסעל צוזאַ היגרת און פראַדיל!... מעשה־שטן פלעגט זיך איהם צעשפּיעלען די געבליטען און דאָס בלוט איז איהם אַריין אין פּנים.

ס׳איז אויך צייטענווייז אָנגעפאַלען אויף שלמה׳לען אַ ביינקעניש נאָך דער היים, נאָך דעם שטעדטיל, נאָך אַלסדינג, וואָס אַ מאָל דאָרט אין די גוטע יאָהרען. ער זיצט איבער דער גמרא איינער אַליין אין בית־המדרש, ער בייגקט, איז פערטיפט אינווענינ אין זיך און פערטראַכט. דאָס גאַנצע שטעדטיל ק... מיט די הייזער, מיט די מענשין דאָרט און מיט דער גאַנצער נאַטור אַרום און אַרום קריכען אַרויס ווי טויטע פון די קברים און קומען איינע נאָך די אַנדערע צו איהם אין חלום. עס קומט די „קוזניע״ מיט אַ הידען, אַ בלאָזען און מיט זיילען פייער. עס קומט אַ אויסמישעניש — מענשען בעקאַנטע, עופות און בהמות, טראָחים דער פויער, די אינדיצקע, די קוואַצקע מיט הינדעלעך אויך אינמיטען. עס קומען זאַגגען ווייץ און קאָרען, זיי שושקען זיך און טראָגען איהם אונטער, בוקענדיג זיך מיט די קעפּליך, זיסע פעלד ריחות. עס קומען האָפערדיג דער אַלטער, בעיאַהרטער וואַלד, בעגלייט פון אַ קאַפּעליע שפּיל־פויגעליך, און איז איהם מכבד מיט רויטע און שוואַרצע יאַגעדעס. אויך די זון, די גרויסע פּרינצעסען, ווינקט צו איהם ליבליך אַראָב פונ׳ם בלויען הימעל, אונטערוואַרמענדיג, איינגעבענדיג איהם עפּיס אַ חשק און ציהעט און ציהעט איהם, ציהעט ערגיץ צאַהין, אין די שענע ערטער — אויף בערג און טהאָלען.

און בשעת אַזאַ ביינקעניש, טהוט זיך שלמה׳לע מיט אַ מאָל אַ כאַפּ־אויף, לויפט צעקאַכט אַרויס פונ׳ם בית־המדרש און לאָזט

זיך געהן געשווינד מיט דעם וועג אַ היים, אַ היים. נאָר אינמי־טען וועג קומט איהם אַרויף אויפ׳ן געדאַנק די צרות אין דער היים. די מאַמע נעביך דאַרבט, אַרבייט איבער די קרעפּטען ווי ס׳איז אַרויסצובריינגען דאָס טרוקען שטיקעל ברויט. די קינדער־ליך דאַרען־קוואַרען, קומען נעביך אָב. די ווירקליכקייט איז גובר, די פאַנטאַזיע זיינע נעהמט אָב ביי איהם דעם קוראַזש. ער שטעלט זיך פּלוצים אָב, בעוואַשט זיך מיט טרעהרען און קעהרט זיך אום פאַמעליכען, אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ, צוריק אין בית־המדרש אַריין.

נאָר איינמאָל, סליחות צייט, איז דאָס ביינקעניש זיינס געוועז גרויס אַ שרעק, און די פאַנטאַזיע האָט זיך איהם צו־שפּילט. עס האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט די דאָזיגע צייט מיט די אַלע ימים־טובים און דעם גאַנצען טהועכטס דענסטמאָל, ווי דער שטייגער איז תמיד געוועז אין דער היים. עס האָט איהם זיך פאָרגעשטעלט די ימים־נוראים טעג מיט ישובניקעס, וואָס פאָהרען אַריין אין שטאָדט און מיט דעם גאַנצען טאַראַראַמען זיך דענסטמאָל; דער פרעהליכער יום־טוב, סכות, דאָס מאַכען און דאָס זיצען אין סוכה; אויך די שמחת־בית־השואבה־נעכט אין בית המדרש אין קלויז, ווי מען איז מכבד מיט אַ פּסוק פון אתה־הראית, פון שיר־המעלות, און נאָך איטליכען שיר־המעלות זינגען און טאַנצען גרויס און קליין, אַלע אינאיינעם. מען איז זיך מתיר אַפילו נעהמען דענסטמאָל אין מקום קדוש אַ קאַפּעלע משקה. היינט די הקפות מיט תורות און פאָהנען אַרום בימה. די עליות און לעקיך איטליכען — שמחת־תורה. פאָרשטעלענדיג זיך דאָס אַלסדינג האָט ער זיך שטאַרק פערביינקט, ווי קיינמאָל נישט אַזוי, און פאַר גרויס ביינקעניש איז ער אַ צעקאָכטער אַרויסגעשפּרונגען פון בית־המדרש, וואו עס האָט געהערשט אַ אומעטיגע שטילקייט ווי אין אַ לעדיג נישט בעוואוינט הויז, און די פיס זענען ווי פון זיך אַליין געלאָפען מיט אימפּעט אויפ׳ן וועג, וואָס פיהרט אַ היים. די פאַנטאַזיע זיינע האָט אַצינד גובר געוועזן די ווירקליכקייט, זי האָט איהם אויף איהרע אָדלער־פליגעל געטראָגען און געבראַכט אין הויז אַריין, צו דער מאַמען,

פערשוויצט, פערסאפּעט, אין איין אָטהעם.
די מאַמע מיט דעם קינד האָבען בײם בעגעגעניש זיך אָנ-געקוקט און בעוואַשען זיך מיט טרעהרען. דאָס זענען געווען בי-טערע טרעהרען, וואָס אַ נויטבעדערפטיגע אָרעמע אלמנה און אַ הייס-געליבט, פערוואָגעלט קינד פערגיסען בײדע בײם צוריק-קעהרען זײנעם שוואַך, מיד, הונגעריג פונ'ם פערוואָגלעניש, אָנ-קומענדיג צו איהר הילף, זי די מאַמע, וויינט — אָך און וועה איז דער מוטער, וואָס קען נישט האַלטען בײ איהר טיש איהר קינד, און דאָס קינד וויינט — אָך און וועה איז דעם קינד, וואָס קומט אויסרייסען דעם לעצטען ביסען בײ דער אָרמער מוטער!

בעהיט זאָל מען ווערען, רבונו של עולם, פון אַזאַ עלענד, וואָס שלמה'לע האָט דערפיהלט ביים צוריקקומען אַ היים, צו זיך אין שטעדטיל. עלענד איז דאָך בכלל אַ ביטערע זאַך, נאָר עלענד צו עלענד איז נישט גלייך. ס'איז דאָ אַ עלענדער צושטאַנד, וואָס גלאַט ער אַליין פאַר זיך גענומען, גאָר אָהן שום פערגלייך מיט דעם וואָס פריהער, איז געווענ ביטער. אָך און וועה איז נעביך דעם שלימזלדיגען, וואָס האָט קיינמאָל אין זיין לעבען קיין גוטע שעה נישט געהאַט; וואָס איז פון כל-ימיו עלענד ווי אַ שטיין, פרעמד אין דער וועלט. נאָר פון פרעמדקייט צו פאַרפרעמדקייט איז אַ גרויסער חילוק. חוץ דעם ביטערען טעם וואָס פרעמד-זיין האָט אין זיך, האָט דאָס פרעמד-ווערען נאָך אַ שאַרפערען טעם דערצו — אַ ביטערקייט אַ שרעקליכע, וואָס פאַרשאַרפט זיך אַלץ מעהר און דורך פאַרגלייכונג די שלעכטע אומשטענדען אינ'ם עלענד מיט די גוטע, וואָס אַמאָל, אין יענע גליקליכע יאָהרען. און אָט פון אַזאַ מין עלענדקייט איז שלמה'לעס געווען! איטליכע זאַך, איטליך בעגעגעניש האָט איהם דערמאָהנט אין דאָס וואָס פריהער. און אין פערגלייך דערמיט, וואָס אַצינד האָט איהם פערפינסטערט, פערביטערט דאָס לעבען.

אפילו גאָר אין גוטע אומשטענדען מאַכט זיך זעהר אָפט מיט מענשען, וואָס פערבייגעהענדיג, פאַר אַזאַ אָרט, וואו ער האָט אַמאָל געוואוינט, פערבראַכט די יאָהרען צווישען בעקאַנטע, אינאיינעם מיט די זייניגע, און דערזעהענדיג פאַר זיך דאָרט אַ גאַנצע פערענדערונג, עפּיס אַזוי אַז ער און אַלסדינג דאָרט קו־מען אויס איינע די אַנדערע ווילד־פרעמד — גיט עס איהם אַ ציפּ ביי דער נשמה, בעפאַלט עס איהם אַ מרה־שחורה און עס בלייבט ביי איהם, אויף וויטער אויסצואווייכען יענעם אָרט. אָט אַזעלכער קען כאָטש אַביסעל זיך פאַרזעצען אין שלמה׳לעס לאַגע, כאָטש אַביסעל פיהלען שלמה׳לעס האַרץ.

די פאַנטאַזיע שלמה׳לעס, וואָס האָט איהם געטראָגען פונ׳ם שטעדטיל ס—ץ, וואו ער האָט אַזוי שטאַרק נעביינקט אַ היים—איז באַלד ביי זיין קומען אַהינצו פערשווינדען געוואָרען ווי אַ רויך און עס האָט פאַר איהם זיך ענטפּלעקט די ביטערע ווירקליכקייט אין איהר שרעקליכער מאַכט. דאָס הויז, וואו עס האָט אַמאָל איהם זיך גוט געלעבט, האָט אויסגעזעהן פערוואָהרלאָזט, וויסט, דאָרט, וואו עס האָט ביים פאָטער׳ס לעבען געקאָכט, גערוישט פון מענשען; וואו עס פלעגט פאָרקומען פערזאַמלונגען, אַסיפות וועגען שטאָט־זאַכען; וואו אַ שבת, אַ יום־טוב האָט געלויכטען, געזינגען אין איטליכס ווינקעלע! וואו עס האָט זיך געהערט דברי־תורה, געטליך־יודישע, האַרצריהרענדיגע זמירות — איז היינט שטיל, אומעטיג ווי אויף אַ בית־עולם. עס טרויערען די וואַנד, עס וויינט איטליכס ווינקעלע, פעריתום׳ט איז דעם טאַטענס צימער, אַלסדינג דאָרט זעהט אויס עלענד. מען זעהט נישט קיין פּוס פון פריה־ערדיגע איינגעהער, בעקאַנטע, גוטע פריינד, גוט־יום־טוב ביטער זענען ווי אויסגעטריקענט געוואָרען. עס זיפצט די מוטער, די אלמנה, עס דאַרבען די קליינע קינדער, יתומים׳ליך, און צווייטע, צושפּרייטע זענען די עלטערע, אויסגעגעבענע קינדער.

און אָט דאָס הויז, דאָס איינציגע שטיקעל ירושה, דאָס איינציגע אָנהאַלטעניש פון די יתומים, נעביך, איז אויך נישט זיכער געווען עס זאָל בלייבען זייערס — ס׳איז געשטאַנען פער־קויפט צו ווערען עפענטליך פאַר׳ן פאָטערס חוב. ער, עליו־השלום,

האָט אין אַ שלעכטער צייט, נישט היינט געדאַכט, זיך געשטעלט, אויפגעהערט צאָהלען ראַטעס פאַר דער טאַקסע פון פלייש, וואָס ער האָט געהאַלטען. בייזע מיילער, וואָס פאַר רב חיים׳ס לעבען האָבען זיי געשטומט, געהאַט דרך-ארץ, זענען מיאוס אָנגעפאַלען אויף איהם דערפאַר נאָך זיין טויט. ווי דער שטייגער איז פון קליינע מענשליך, קאָכלעפעלעך אומעטום. וואָס קניען, בויגען זיך פאַר דעם שטאַרקערען, קריכען פאַר איהם ווי אַ וואָרם, לויבען, זינגען איהם מה-יפית כל-זמן ער איז דאָ, כל-זמן זיי פיהלען זיין מאַכט, און שטעלען זיך-אויף, פערדרייסען דעם קאָפּ, עפענען אַ מויל און בילען אַז ער ווערט אויס, שוין מעהר נישטאָ;

מען ווייסט, אמת, די נאַטור פון בילער. קיין סכנות אינ׳ם איז נישטאָ. דאָך וואָלט נישט געשאַדט ווייזען זיי אַ שטעקען — אַ זאַס! דאָס בילען גרילצט אין די אויערען, רייצט נערווען. טפו!

אַ ראש-השנה, נאָך וועלכען עס האָט שלמה׳לען פונדערווייטענס זיך אַזוי שטאַרק געביינקט, פאַרשטעלענדיג זיך ווי געווען ער איז אַ מאָל — האָט שלמה׳לע אין דער היים געהאַט גע-ביך אַ פערשטערטען. געוועהנטליך האָט דענסטמאָל אין דער היים זיך געקאָכט, אויף געוועזן דאָס גאַנצע הויז. חנא מליניצער, דער פון דער מיהל, פלעגט אויף אכסניא ימים-נוראים קומען פונ׳ם ישוב מיט דעם הויזגעזונד, גרויס און קליין, אָנגעזעצט אין אַ היבשען וואָגען מיט די בעבעכעס, מיט זעק קאַרטאָפעל, זעקליך גרויסע רויטע מעהרען אויף צימעס און מיט פריש-צאַפּעלדיגע העכט, פונ׳ם טייך, פאַר זיך פאַר רב חיים׳ס גע-זונד. די אַלטע שקאַפּע, די זקנה, פלעגט זיך מטריח זיין שלע-פּען אָט דעם בייכיגען, פול אָנגעשטאָפּטען וואָגען, אָבשטעלענדיג זיך צו-ווייִלען אויפ׳ן וועג, אין אַריינגעפאָהרען אין שטאָדט איז זי האָפּענדיג, בגראַנדע. זי הייבט פיסליך, העצקעט זיך, לויפט, און צוציק, דער הונד, יאָגט זיך, פערדרייסענדיג דעם ווײדעל, איהר פאָראויס מיט דער בשורה: מען פאָהרט, מען פאָהרט, מיר זענען שוין דאָ! אַזוי איז געווען אַמאָל, דאָס יאָהר אָבער איז חנא מליניצער אויף אכסניא נישט געקומען. אַ ברודער זיינער

האָט פונ׳ם ישוב זיך בעזעצט אין שטאָדט, אין אַ אייגען הויז, איז ער ביים ברודער איינגעשטאַנען.

שטאַרק האָט זיך געלאָזט פיהלען חנא-מליניצערס נישט קומען מיט דעם גאַנצען פעקיל זיינעם, אומעטיג, פערלאָזען האָט זיך געפיהלט איטליכער אין שטוב אָהן דעם טאַראַראַם פון די אָנגעפּאָחרענע ישובניקעס ערב-ראש-השנה. קיין לעבעדיג בעשע-פעניש, אַ הונד אַפילו, האָט מען דעם טאָג אין די אויגען נישט געזעהן. נאָר אויף הונד אָבער איז קיין קשיא נישט: ס׳איז גאַנץ נאַטירליך. שטאָדט הונד האָבען, כּדרך-הטבע, אַ שאַרפען חוש-הריח, שמעקען-אָן וואו עס קאָכט זיך, וואו מען קען טהאָן אַ לעק, כאַפּען אַ מנה-יפה, היינט צו-וואָס זאָלען זיי זיך יאָגען צו שרה די אלמנה׳ס הויז, אַז נישט מען פרעגעלט, נישט מען בראָט, נישט מען קאָכט דאָרט קיין יום-טוב פיש? אומזיסט ריהרט זיך נישט קיין שטאָדט הונד פונ׳ם אָרט, אַזוי איז שוין זיין נאַטור. ער ווייסט וואו איין וואו אויס, וואו אַ ביל, וואו אַ שווייגט, און פאַר זיין „לא-יחרץ״ בעקומען צום אָבלעקען אַ ביין.

שלמה׳לע זוכט אויס דעם אַלטען מחזור, אין וועלכען דער פאָטער, עליו-השלום, האָט יאָהרענלאַנג געדאַוונט און ביי געוויסע תפלות דאָרט פערגאָסען הייסע טרעהרען, פון וועלכע עס זענען געבליבען עד היום געלע פלעקען. ווי פון אַ גראַמעפאָן, היינטיגע צייטען, האָט פון די דאָזיגע פלעקען אַרויסגעשריגען שלמה׳לען אין די אויערען דעם טאַטענס וויינענדיג קול טיעף פונ׳ם האַרצען, בעזאָנדערס פון יענע וואָס אין „שמע קולנו״, עס הערט זיך איהם דעם פאָטער׳ס געוויין, אויפהויבענדיג די הענד מיט אַ גע-בעט צום אויבערשטען, ביי די ווערטער דאָרט: „אל תשליכנו מלפניך, זאָלסט נישט אָבוואַרפען אונז פון דיר, רבונו של עולם, ורוח קדשך אל תקח ממנו, און דיין הייליגען גייסט נישט צוועק-נעהמען פון אונז״! און אָט דערביי טאַקי נאָך איינער, אַ גרע-סערער פלעק — ווידער אַ נעשריי, אַ ביטער געוויין: „אל תשליכנו לעת זקנה, זאָלסט נישט אַוועקוואַרפען אונז, אָ גאָטעניו, אין די עלטערע יאָהרען, ככלות כחנו אל תעזבנו, ביים אויסגעהן אונ-זערע כחות זאָלסט-דו אונז נישט פערלאָזען״! שלמה׳לע איז

צעקאַכט. עס קלינגט איהם די אויערען, עס ריהרט איהם-אויף דעם מוח. ער פערמאַכט דעם מחזור, לייגט איהם אַרונטער אונ-טערען אָרעם, און וואַרפענדיג אַ בליק אויף דער מאַסע, וואָס פערשטעלט מיטביידע הענד דאָס פנים חליפענדיג געבענטשט ליכט, זיך געלאָזט געהן אין שוהל אַריין.

שלמה'לע געהט אַרויף אין בית-המדרש גלייך אויבענאַן, און ווי נאָר ער זעצט זיך אויפ'ן פאָטער'ס שטאָדט קומט אונטער איינער, אַ פעמפיק, און טרייבט איהם אַראָב. ריק זיך, בחור — זאָגט ער — ריק זיך, זיי מוחל, ווייטער, די שטאָדט איז מיינע, איך האָב זי געקויפט. שלמה'לע בלייבט אַ ווייל שטעהן פער-מישט ווי אַ דונער האָט איהם געטראָפען, און קומענדיג דערנאָך אביסעל צו זיך זעהט ער ווי דער גראָבער יונג, וואָס איז נישט וועהרט דעם טאַטענס נאָגעל, זיצט מיט גדלות אויף זיין שטאָדט, קוקט בייז, בלאָזענדיג פון זיך אַ שרעק. די בנים זיינע רינגלען אַרום דעם שטענדער, שטופען זיך, דרינגען מיט הענד און פיס און לאָזען איהם, שלמה'לען, נישט איינשטעהן נעבען זיי אויף אַ שטיקעל אָרט. שלמה'לע ווייסט נישט וואו זיך הינצוטהון, פאַר חרפה, פאַר בושה, וואַרפט זיך דאָס בלוט אין פנים אַריין. ער וואָגעלט זיך נעביך ווי אַ בלינדער שלעפער אַרום, אַהער-אַהין, כאַפט פון אַלע זייטען בייזע גרויסע קוקען, ווי עפּיס אויף אַ אַנשיקעניש, און ווערט לסוף פערוואָגעלט אונטער דער בימה, העט אַראָב, ביי דער טהיר.

געקומען איז שלמה'לע פון שוהל אומעטיג, אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ. דער גוט-יום-טוב זיינער איז אויסגעקומען עפּיס תשעה-באָב'דיג, שטיל אויף אַ פערדומפען קול. דער מאַמעס הארץ האָט געפיהלט דעם טעם פונ'ם קינד'ס ביטער געמיטה, גוט פערשטאַ-נען וואָס זיין צעטראָגענקייט בעדייט, ווי פינסטער און ביטער איהם נעביך האָט געמוזט זיין זעהן אַ פרעמדען, אויפ'ן טאַטענס שטאָדט, פערוואָגעלט צו ווערען פון אַזאַ הייליג, ליב אָרט, און צושפּאַרען זיך ערגעץ נעבען וועמען ס'איז ווי אַנ'איינגעבעטענער. יאָ, הייליג איז פאַר קינדער אַ פאָטער'ס שטאָדט, דאָס אָרט, וואו עס האָבען געדאַוועט די עלטערען, פון וואַנען עס האָט

זיך געטראָגען זייער געבעט, האַרץ און זעעל צו גאָט ברוך-הוא אין הימעל אַ צייט מיט יאָהרען. וואָס אָבער האָט זי, וויסטע אלמנה, געקאָנט טהון, אַז די נויט האָט זי געצווינגען פערקויפען די שטאָדט פאַר רחמנות אויף איהרע קינדערלעך, זיי זאָלען נישט אַזוי דאַרען, כאָטש האָבען אַ חיי-שעה. שלמה׳לע פון זיין זייט האָט אויך געפיהלט דער מאָמעס האַרץ, פערשטאַנען אַז דאָס האָט זי פערקויפט פאַר נויט. נויט ברעכט אייזען. און ווי ער האָט זיך געמאַטערט גובר זיין די מרה-שחורה, בעווייזען אַ פרעהליכע מינע, נישט צופערשטערען אין שטוב דעם יום-טוב, האָט נישט געהאָלפען. פערקעהרט, ס׳איז אויסקומען נאָך ערגער — אַ פריקרע לאַקריץ-זיסע מיט עסיג-זיסע צורה, אַ ראַנגלען זיך פון אַ זון שטראַהל ווינטערצייט דורכצושלאָגען זיך פון צווישען מיתה-משונה קאָלירענדיגע וואָלקענס אויף אַ גרוי-פערכמאַרעטען הימעל:

אין גנזעלשאַפט פון בעקאַנטע, פון פריהערדיגע חברים האָט שלמה׳לע זיך געפיהלט נישט פריי, גאָר נישט דאָס, וואָס אַ מאָל. זייער פערהאַלטען זיך צו איהם איז געווען עפּיס משונה — אַזוי וויינינגסטענס האָט זיך איהם געדאַכט — עפּיס נישט דאָס, נישט יענץ, נישט קיין דערווייטערונג און נישט קיין צוגעלאָזענקייט פונ׳ם גאַנצען האַרצען. זיי האָבען אויף איהם געקוקט ווי אויף אַ „נעבעכעל“, עפּיס ווי גערעדט: אַ רחמנות נעבעך! אַ יתום! אַ יתום טאָר נישט... און דאָס האָט שלמה׳לע נישט געקענט איבער-טראָגען. אין דער פרעמד וואָלט עס איהם נישט אויסגעמאַכט, אָבער אין דער היים, צווישען אייגענע, האָט עס איהם שטאַרק בעליידיגט. ער איז דאָך פון דער נאַטור זיינער געווען שטאָלץ, ביי זיך אַ מיוחס. פון דער געפאַלענער „לאַגע“ איז „ער אַליין“ ביי זיך נישט אַראָבגעפאַלען. אַדרבה, ווייל די לאַגע זיינע איז געפאַלען איז זיין אייגענער ווערטה אין איהם, זיין שטאָלץ ביי איהם נאָך מעהר געשטיגען. אַזוי געהט עס שוין אין דער וועלט — מיוחסים אָבגעקומענע, וואָס זענען פון דער פינקציע אַראָב, פער-רייסען די נאָז נאָך שטאַרקער אַרויף.

אונהיימליך איז שלמה׳לען די היים, נישט צום האַרצען איז איהם דאָס שטעדטיל, אַלץ-מיט-אַנ׳אַנדער דאָרט, און ער

פערבריינגט שעה'ן-לאנג אבגעזונדערט, איינער אליין, אויפ'ן פרייען פעלד, אין אלע ערטער, וואו ער פלעגט שפאצירען אמאל. דאס וועטער איז גראד געווען א שענעס, א בלויער, לויטערער הימעל, ווי עס גיט זיך אויך אמאל אין די ווארעמע, געשענקטע טעג סוף זומער. ערטערווייז שטעהט נאך פערברוינטע צייטיגע רעשקע, בעטענדיג זיך אין שייער אריין. שטיקלעך ארומגעכאפטע פון קלעטערענדיגע אויף זיי פאסאליעס; קריביסען גרויסע, שווערע, צווישען זייערע ווייט פערקריכענדיגע ברייטע, שארסקע בלעטער; גרין-געלע אוגערקעס, קארטאפלעס, קרויט האלטען זיך נאך אין גערטנער. זשמוטעס ביס קוקען ארויס, ווינקען פון זייערע גע-שמיידיגע, צווייג-האפטיגע בוימלעך, צונויפגעפלאכטענע אין גע-דיכטע וועדליך. בהמות, ציגען, צושפרייט אין קליינע און גרויסע מחנות, פיטערען זיך אויף העט-ווייט זיך ציהענדיגע, אבגעשני-טענע פעלדער, און פערד, אויף די פאדערשטע פיס געפענטעטע, פיטערען זיך, אונטערשפרינגענדיג, הירזענדיג, אויף די לאנקעס. ערגיץ-וואו פון א צווייגעל לאזט זיך הערען אויף א קול'כען דער דיזיג, און דער שטיגליץ מיט א קאמפאניע משרתים צולאזען זיך ערגיץ אויך אויף די העלזלעך אין זיסען שטייגער. עס שפילט, עס לעבט — און אין דער לופט טראגט זיך עפיס א אומעט, עפיס א פערטראכטיגקייט, צוגעבענדיג דער נאטור א בעזונדער מין חן, א ליבליכע, ביי דער נשמה ציהענדיגע שענקייט. דאס איז דער געטליך-בעצויבערענדער, ערנסט-שענער, ביים הארץ-אנגענעהמענ-דיגער אומעט, וואס ליעגט אינ'ם אויסגעשפרייטען שאטען ווי א גאזענער שלייער אויפ'ן סאמעט-גרינעם גראז אין פעלד זומער פארנאכט, ביים אבשטארבען פונ'ם טאג. דאס איז דער גוטער, דערבארמדיגער אומעט, וואס טרייסט, רעדט צום הארץ פונ'ם ליידענדען נאכ'ן אויסגיסען ביז נאכ'ן אויסוויינען זיך. דאס איז דער אומעט פון רוח-הקודש, וואס רוהט אויף דער בתמימות-פראסטער דערצעהלונג „רות", וואס בעצויבערט, כאפט אן ביים הארצען, ביים לייענען נעמי דער אלמנה'ס געשפרעך מיט איהרע שנוהר, די אלמנות, געהעגדיג פון די פעלדער מואב'ס אויפ'ן וועג ביז בית-לחם. דער אומעט, אט דער אומעט איז עס, וואס

גיט־צו „רות״ אַ טעם גן־עדן, אַ זיס שמעקענדיגען ריח פון תבואה, פון פעלד בלומען, אייביג פריש, ליבליך אין אַלע צייטען. דאָס איז דער אומעט, וואָס קומט פון דער אין נעפּעל פערטראַכטער, פערבאָרגענער, „שכינה״, און ציהט זיך ווי אַ סטרונע איבער דער גאַנצער נאַטור שטיל, אָהן ווערטער און לאָזט זיך פיהלען דעם פּאָעטס פערטראַכטע נשמה. דאָס איז די נשמה, די אייביגקייט, דער סוד פון שענקייט.

די נאַטור, אין וועלכער שלמה׳לע האָט געזעהען פריהער פשוט אַ יפהפיה מיט דעם פוטץ, מיט אַ שען פּנים׳ל, זי האָט זיך אַצינד ענטפּלעקט ווי אַ שענע ערנסטע דאַמע מיט אַ פערטראַכט־אומעטיגער מינע, ווי איהם טאַקע צום האַרצען — אין דאָס האָט פערדאָפּעלט איהר שענקייט, געלינדערט זיינע שמערצען, געוועקט זיין גייסט, איינגעגעבען איהם אַ חשק צו טהון, צו אַרבייטען מיט אַלע זיינע קרעפטען, צו דערגרייכען אַ תכלית און אַ פּנים האָבען אין דער וועלט פון אַ מענשען.

## ג.

און צודערגרייכען אַ תּכלית אין לעבען האָט ביי שלמה׳־לען געהייסען נישט אַנדערש ווי גרינטעווען זיך אין די טיפע־נישען פונ׳ם „ים־התלמוד״, אויסלערנען איהם, ווי ווייט מעגליך, מיט אַלע אויפטהועענישען פון זיינע מפרשים. און האָבען אַ פּנים פון אַ מענשען האָט ביי איהם געהייסען — אַ פּנים פון אַ יודען. און נאָך פון וואָס פאַר אַ יודען? פון אַ יודען אַ למדן. אַ בקי בע־האַוועט אין גאַנץ ש״ס — אַ רב! גרעסערס און בעסערס און „תּכלית׳דיגער״ דערפון איז איהם נישט געקומען, און נישט געקענט גאָר קומען איהם אויף דעם מוח. אין זיין צייט און אין זיין אָרט, אין זיין ווינקעל, איז ביי יודען דאָך געווען „תּורה די בעסטע סחורה״. מיט די ווערטער האָט אַ מאַמע פער־וויגט איהר קינד, זינגענדיג איהם: „תּורה ווערסט־דו לערנען, דרשות ווערסט־דו זאָגען״, מיט אַ זיס־ריהרענדיגער שטימע. פון פיער־פינף יאָהר אַ יונגעלע, נישט קענענדיג נאָך רעכט ריידען, האָט שוין געלערענט אין „חדר״, אָפּזיצענדיג דאָרט געוועהנטליך דעם גאַנצען טאָג. אַ שוואַכס, אַ איינגעשפּאַרטס האָט דער

בעהעלפער אויף די פלייצעס אַהינצו געטראָגען, און אָפט עט־לעכע פיצעלעך קינדער מיט אַמאָל ווי יונגע שעפעלעך אויף זיך געטראָגען. אין אַ פריהמאָרגען אַמאָל פלעגט אינאיינעם מיט דעם מעקען פון די שטאָדט־בהמות, געטריבענע אין איין פעלד אַריין, זיך לאָזען הערען ווייט איבער די גאַסען אויף ביטער־שרייענדיגע קולות פון געפיהרטע און געטראָגענע, מיט הענטלעך און פיס׳עך צאַפּעלדיגע „צאן־קדשים״ — קינדערליך פונ׳ם זיס־געשמאַקען מאָרגענשלאָף אויפגעוועקטע, ערשט פון קינדער בע־טעלע פייכטענגע, אויסגעפריעטע, מיט בעקעלעך פעררויטעלטע אַרויסגענומענע. ביים אָנהויבען חומש האָט שוין אַ יונגעלע, גאָטס אַ קליין יודעלע, געהאַלטען אַ אויסגעלערנטע דרשה פאַר אַ עולם געסט אויף דער סעודה, וואָס גליקליכע טאַטע־מאַמע האָבען צו־ליעב־דעם געמאַכט. צו דער בר־מצוה ווידער אַ סעודה, ווידער אַ דרשה.

מיט די אַלע זאַכען איז דאָך געפריווט געוואָרען שלמה׳לע אַליין, איבערגעלעבט יונגעלוויז האָט ער דאָך דאָס אַלסדינג גיט אַלע יודישע יונגלעך גלייך. די טעג און די קינדערשע יאָהרען זייערע זענען פערגאַנגען אין לערנען, אַלץ אין לערנען.

און אַ בחור, וואָס? — אַ בחור, אין בעל־הבתישען גראַד, האָט איידער אַ חתן־ווערענדיג געמוזט די ערשטע זאַך אויסהאַל־טען אַ עקזאַמען — מען האָט איהם, הייסט עס, פריהער פאַר די תנאים פערהערט, געפריווט אין לערנען, געשיקט צו איהם, אויב ער איז געזעסען ערגיץ אין אַנדער שטאָדט, רעכט גוטע פער־הערעס. צו דער חתונה למזל האָט דער חתן אַרויסגעוויזען זיינע לומדיש, זאָגענדיג פאַר׳ן עולם אַ שאַרפע, אַ מוח־ברעכעדיגע דרשה, און דערפאַר בעקומען מתנות — דאָס געוויסע „דרשה־געשאַנק״. אַ בחור, אַ עלוי האָט זיך געצאָהלט אין טאָג אַריין. האָט ער נישט קיין געלד — נישקשה, ער אַליין איז געלד! איז ער נישט אַזאַ מיוחס — אויך נישקשה, איז דאָ יחוס עצמו, איי־גענער יחוס!

שלמה׳לע האָט זיך גענוג אָנגעהערט דערצעהלענדיג, וואָס ס׳האָט געטראָפען בחורים, וואויל־לערנער, און דער מוסר־השכל

פון אַזוינע מעשיות איז תּמיד געווען, אַז אַ בחור׳ל דאַרף בע־
גערען לערנען, אין זינען האָבען־זאַכען, יוסטע בעלי־הבּתּים,
נגדים רייכע אַרענדאַרעס, יושבניקעס האָבען זעהר אָפט פאַר זיי־
ערע טעכטער, פאַרשוינען, געזונטע, בעלייבטע, אויסגעזוכט חתנים
אין די ישיבות פון די אָרעמע בחורים דאָרט, גרויסע שאַרפע
לומדים, דאַרע, בלייכע, מיט אויסגעוויי קטע פּנים׳ער פונ׳ם שטענ־
דיגען זיצען איבער דער גמרא. אָט די גענומענע איידעמס,
„זיידענע בעלי־הביתליך״, ווי זיי האָבען געהייסען, פלעגען זיצען
אויף קעסט, אַמאָל אויך אייביג־צוגעזאָגטע קעסט, עסען, קינד־
לען ביים שווער אין הויז כּל־זמן עס האָט זיך געלאָזט. ביים
אַראָבגעהן לסוף פון קעסט פלעגען די ווייבער זייערע זיך איינ־
שפּאַנען אין יאָך, ווערען אשת-חיל׳ס — קרעמערענס, שענקערענס,
מאַרק־אידענעס וכדומה נאָך אַזוינע פּרנסות. די מאַנען פלעגען
זיך זיצען על-התּורה ועל־העבודה מיט אַ פרייען, רוהיגען קאָפּ,
און די ווייבער, די בּריות, האָבען זיי געשפּייזט, געשוכט, האָ־
פּענענדיג דערפאַר, איבער הונדערט יאָהר, אַ חלק, אָדער אַ
העלפט פון זייער עולם־הבּא, לויט אָבמאַכונג. דאָס ווייב, הייסט
עס, האָט געאַרבייט, געזאָרגט פאַר עולם־הזה און דער מאַן פאַר
עולם־הבּא ביידע האָבען געאַרבייט, איטליכער אין זיין זאַך, און
כּשר זיך פּערדינט די ביידע וועלטען. ליתר בּטחון האָט אַזוינער
זיך געפּלייסט, אַוועקוואַרפען ווייב און קינדער,
זיך געלאָזט ערגיץ אין דער פרעמד און געלערענט יומם ולילה
ווי אַ פּרוש אין קלויז דאָרט! אַ קאַטאָוועס עפּיס אַ פּרוש, און
נאָך אַזוינע ווילד־מורא׳דיגע פּרושים, וועלכע שלמה׳לע האָט גע־
זעהן ביי זיך אין שטאָדט טאַקע, אין בּית־המדרש! זיי האָבען
קיינמאָל נישט מפסיק געווען פונ׳ם לערנען, נישט גערעדט קיין
דברי־חול, אַלץ אויפ׳ן וואונק — אי־אי! ע־ע־ע! פון קיין צורת
מטבע איז שוין קיין רייד נישט אַז זיי האָבען נישט געוואוסט,
נאָר אַפילו וויפיל דער בּית־המדרש־זייגער האַלט, אויך נישט
געוואוסט. האָבען עס אַמאָל געוואָלט וויסען, האָט איין האַנד
זייערע אַ ציה געטהון עמיצען ביים אַרבעל און אַ פינגער פון
דער אַנדערע געטייטעלט אַקעגען דעם ציפערבלאַט, מאַכענדיג

מיט די ליפּען: נו־מע־אָו־האַ? און כבוד האָט מען זיי אָבגעגע־בען אָהן אַ שיעור!

אָט אַזוי האָט געהייסען דינען דעם בורא, און פאַרדינען גרויס כבוד אַמאָל, אין יענע גוטע צייטען!

רייכקייט אַליין איז נישט גענוג געווען פאַר אַ יודען אין יענער צייט צו געבען איהם אַ נאָמען, מאַכען איהם בעליבט, מאַכען געשעצט ביים עולם, האָבענדיג דערצו אַ יודיש האַרץ און תורה, בפרט נאָך אי קינדער און איידעמס לומדים, אָט דערמיט איז מען געוואָרען אַ שענע־מורנו, אַ פאַ־נעהם, שטאַרק אָנגעזעהן ביי אַלעמען. דערויף האָט דאָך שלמה׳לע געהאַט אַ בעוויז דעם פאָטער זיינעם, עליו־השלום. נישט פאַר רייכקייט, וואָס איהם האָט אייגענטליך געפעהלט, נאָר פאַר זיין תורה, פאַר זיין גוט האַרץ און קאָפּ, וואָס ער האָט געהאַט, איז ער געווען אַ בעל־דעה, אַ פיהרער, אַ חשוב אין שטאָדט.

און ווער שמועסט נאָך אַ רב? עפּיס אַ קלייניקייט אַ רב! ער איז דאָך געמו־כט, געקרוינט, דער ערשטער, דער בעסטער צווישען דעם גאַנצען עולם. דער רב, וועלכען שלמה׳לע האָט געזעהן פון קינדווייז־אָן פאַר זיך אין שטעדטיל, איז גע־ווען עפּיס אַ אַנדער מין מענש, גאָר פון אַ הויכע מדרגה. ווי אַלע, דאַכט־זיך, אַ בשר־ודם מיט איינערליי בעדערפעניסען, און דאָך נישט ווי אַלע, נישט אַריינגעטהון אין הבלי־העולם גלייך ווי אַלע. טאַקי נאָר עפּיס אַ תנא־קמא, אַ רבי יוחנן, אַ רבי יוסי, ווייסט אַלסדינג. איז קלוג ווי די וועלט, שטענ־דיג איז ער פערטראַכט, פערטיעפט אין הויכע געדאַנקען. די אויגען זיינען אַ פּאָר בריליאַנטען, קוקען פריינדליך, ליבל־ך ווי אַ ריין־אומשולדיג קינד. די שכינה ממש רוהט אויף זיין ליכטיגען פּנים. געהאַלטען האָט זיך דער רב תמיד במעלה, ווי איהם און דער קהילה־יודען פּאַסט, קיינמאָל נישט אַראָבלאָ־זענדיג זיך, חלילה, צו אַזוינע מעשים, וואָס שמעקען מיט אַ פּערדינסטעל. נישט געגאַנגען איז ער אויף קערמעשליך, אויף סעודות, נישט געקראָכען אַהין, אין די הויכע פענסטער, נישט געחנפ׳ט גבירים, נישט געבויגט זיך און בטל געוואָרען פאַר

פיינע־בריות, נישט צו־פערשוועכען דורכדעם דעם כבוד פון דער תורה, אי זיין כבוד און אויך דעם כבוד פון דער יודישער קהילה זיינער. ביי עפיס אַ וויכטיגערע זאַך, וואָס איז נוגע דעם כלל איז מען נישקשה געקומען צו איהם, געפרעגט זיין עצה און געהערט זיינס אַ וואָרט.

וואָס פאַר אַ עולם־יודען אין יענע צייטען אַזאַ רב האָט ער בעדאַרפט, און אַזעלכען איז מעגליך געוועז צווישען יודען דענסטמאָל טאַקי צו געפינען. דער עולם און דער רב האָבען בעדאַרפט און זענען ווערט געווען איינער דעם אַנדערען!

און דער בטבע שטאָלצער שלמה־לע, וואָס דער חורבן פון׳ם פאָטערס הויז איז איהם געווען ביטער ווי דער טויט, דאָס עלענד, ביי זיך אין שטעדטיל, און די געפאַלענקייט דאָ, וואו ער איז געהויבען געוועז — שווער איבערצוטראָגען, ער דערפיהלט פלוצים אין זיך אַ אויפגעוואַכטע קראַפט. וואָס טרייבט איהם, גיט איהם אונטער חשק אָנצונעהמען מיטעל, צודערגרייכען אַ תכלית, אַז ער און די זייטיגע זאָלען אויפגערעכט ווערען. עס נעהמט איהם אָן יצר־הרע צו־פערשאַפען זיך אַ נאָמען און אויס־וויזען דאָ, אין זיין שטעדטיל זיין גרויסקייט, אַז אַלע זאָלען וויסען, ווער שלמה רב חיים׳ס איז, און פאַר איהם גרויס דרך־ארץ האָבען, נאָר דערצו, צו אַזאַ תכלית, קען מען אָבער נישט אַנדערשט קומען, ווי דורך אַריינטהון זיך אין דער גמרא מיט אַלע כלים.—און עס נעהמט איהם אָן אַ חשק, אַ יצר־הרע צום לערנען!

יאָ טאַקי אַ יצר־הרע — עס האָט אין איהם גערעדט טאַקי דער יצר־הרע! אָט אין דער הייסער מינוט, וואָס שלמה׳לע האָט זיך געמאַכט צום זאַטץ — תכלית, איז אין איהם פירגעגאַנ־גען אַ פאַרענדערונג צום ערנסטען. טראַכטענדיג, ווי צודערהויבען זיין דערנידעריגטע לאַגע בגשמיות, גאַנץ פראַקטיש, האָט ער דערמיט טאַקי דערנידעריגט זיין געהויבענעם גייסט, זיין נשמה. ס׳איז גאָר נישט דער פריהערדיגער קינדיש־ריינער שלמה׳לע מיט האַרץ און געפיהל און ליבשאַפט צו דעם, וואָס שען, וואָס גוט, אָהן שום פניות, נאָר גלאַט אַזוי זיך, ווייל ס׳איז שען און גוט — ווייל פשוט עס

געפעלט! אַצינד פערלירט עס ביי איהם דעם אייגענעם ווערט. דער עיקר אין אַ זאַך איז דער תּכלית, דאָס וואָס איז נוצליך. אין לערנען איז אויך דער עיקר דער תּכלית — דאָס רבנות, אַ שטייגער, עושר און כבוד, וואָס איהם גלוסט זיך אַצינד אַזוי שטאַרק, תּורה איז טאַקי „די בעסטע סחורה"!

עלענד, דלות, דערנידערונג, שווערע, נישט אויסצודער־האַלטענדיגע קריינקונגען און פאַרדראָס האָבען עס אמת געווירקט, צומאַכען שלמה׳לען פּאַקטיש קלוג, ווי זעהר פיל אַנדערע פּראַקטישע לייט ביי אונז, אין אַלע פעכער, סיי סוחרים, סיי געלערנטע, סיי וועלט־מענשען, סיי קלויזניקעס. מען קען זיי, אמת, נישט איבעל נעהמען פאַר דעם פעהלער, וואָס די פּראַקטיק געהט ביי זיי אַמאָל צו ווייט, וואָס דער מוט זיינער אַרבייט, קליגט זיך צו פיעל. מענשען ווילען דאָך לעבען, ווילען אַרויס פון דער קלעם, האָבען אַ מענשליך פנים און וויסען פון אַ וועלט צוזאָגען. אַ רחמנות איז טאַקי, נאָר אַ פעהלער אָבער בלייבט אַ פעהלער!

ווערטה צו בעדויערען איז שלמה׳לע געוועזן אין יענער הייסער מינוט, ווען פון אַזעלכען ווי ער, מיט אַ וואַרים־פילענדיג האַרץ, מיט אַ קינדעש־בתמימות׳דיגע נשמה שפּרינגט פּלוצים אַרויס אַ קלוג־פּראַקטיש, פעראונטערעסירט יודעל! פערגליווערט בלייבט ער פּלוצים שטעהן אין־מיטען פעלד, וואו ער האָט שפּאַצירט, דער שטערען איז איהם פערקנייטשט, דאָס פּנים פערנעפּעלט פון פריש־אַרויפקומענע אויפ׳ן מוח געדאַנקען. די נשמה ליגט עפּיס ערגיץ אַנדערש, ווייט פון דאַנען, וואו פעלדער, וואו וועלדער, וואו חן, וואו שענקייט, גאָטס וואונדער דאָרט, וואָס ערשט נישט לאַנג איז עס איהם געוועזן אַזוי נאָהענט צום האַרצען! ער קלערט איצט פון תּכלית און בעדויערט שטאַרק, וואָס ביים פאָטערס לעבען האָט ער זיך אונטערגעפוילט אינ׳ם לערנען, פערברייינגענדיג די צייט מיט אַרומשפּאַצירען אָהן אַ שום נוצען, און אַרומפיהרען זיך ווייסט דער גוט יאָהר מיט וועמען. וואָלט ער קלוגער געווען, אַנשטאָט שפּאַצירגענגליך געזעסען אין בית־המדרש און געלערנט — בע״הע, וואו ער וואָלט אַצינד

אָנגעשפּאַרט! ער וואָלט ווייט אַריינגעפּאָהרען אין ש״ס, און וואָס דער עיקר איז — ער וואָלט געווען נעהנטער צום תּכלית, שוין בעשטאַנען העכער פון זיינע חברים און וואָלט אַראָגגעקוקט אויף זיי, אויף אַלע אין שטעדטיל מיט גדלות. פון היינט אָן, קלערט ער ביי זיך, בעדאַרף מען שוין קליגער זיין... די שענע נאַטור, די געליבטע זיינע, ביז אַהער זיין טרייסט זיין לעבען, בלייבט פון איהם אַצינד פערשטויסען, ווי ער וויל זיך מיט איהר שיידען, איהר חן — אַ פאַלשער פּוטץ, איהר שענקייט — אָהן אַ ממשות. ער קלערט, קלערט און טהוט זיך פלוצים אַ לאָז — אַוועק, אַוועק...

צי וועט די פאַרענדערונג אין דיר אַ דויער האָבען? צי וועסט דו נאָך וואָס דו יאָגסט זיך דערגרייכען? דאָס איז אַ פראַגע, דערוויילע איז — אַך, אַ גאָטס רחמנות, שלמה׳לע, אויף דיר!

## ד.

איינע פון די שטעדט אין ליטאָ, וואָס דער אויבערשטער האָט געבענשט מיט אַ ישיבה, איז די געוויסע שטאָדט ס — ק. קיין אַנדער זאַך, מיט וואָס זי זאָל זיך אויסצייכענען און וואָס זאָל איהר געבען אין דער וועלט אַ נאָמען האָט זי נישט. חוץ דער ישיבה, וואָס איז בעקאַנט ווייט אַרום און אַרום, אין די יודישע מקומות. זאָגען אַ שטייגער, אַז די ישיבה ברייגנט דער שטאָדט איין, גיט ס — ק פרנסה, ווי „זייערער” אַ אוניווערזיטעט. פון וועלכען די שטאָדט, וואו אַזוינע געפונט זיך, האָט גרויס שפע — חלילה! דאָס וועט זיין נישט אמת. פערקעהרט, די ישיבה ברייגנט דער שטאָדט נאָך אויס. די פראָפעסערס איהרע זענען געמיינע לייט, נויטבעדערפטיגע מלמדים, מעגען זיי זיך היי־סען „ראשי־ישיבות”, די סטודענטען דאָרט — אָרעמע בחורים, אָהן אַ גראָשען ביי דער נשמה. זיי קומען מייגסטענס צוגעהן אַהינצו צופוס, ליידיג און בלויז. קוים אַראָבוואַרפענדיג פון זיך דאָס פעקעל — אַ צוויי אַלטע, אויסגעלאַטעטע העמדער מיט אַ פאָר אויסגעטרעטענע פערמאַרזשעטע זאָקען, געבראַכטע פון דער היים,

ווארפען זיי זיך אָן אויף דער שטאָדט מיט זייערע בעדערפע־נישען. און שטאָדט, ווי געפּאַלען זי איז און בעפאַלען פון איי־גענע אָרעמע־לייט, טראָגט אויף זיך אַזעלכע פון דער פרעמד, אויסהאַלטענדיג זיי מיט וואָס נאָר מעגליך. דער אָרעמסטער יוד איז גרייט, אויב ער האָט נאָר, מיט דעם ביסען זיך צוטיילען צוליעב דער תורה!

די ישיבה ס — ק׳ער בעשטעהט פון איין גרויסען צימער, אויסגעשטעלט מיט טיש און ביינק, איינגאַנצען ווי אַ בית־המדרש. פונ׳ם צימער, ביי דער זייט, עפענט זיך אַ טהיר אין אַ קליין צימערעל, עפּיס ווי אַ מין קאַנצעלאַריע אַזוינע, וואו עס פלעגט זיצען דער גרינדער פון דער ישיבה רבי ג... נאָך זיין טויט איז זי געבליבען ליידיג, נאָר וואָס אַמאָל דער איידעם זיינער, אַ יוד אַ סוחר, צו וועלכען די פיהרונג איז איבערגעגאַנגען בירושה, קוקט אַמאָל אַריין אַהינצו, ווען ער קומט כמעט אַלע פריהמאָר־גען אין דער ישיבה דאַוונען, איינגעטהיילט זענען די ישיבה־בחורים אין צוויי כתות. אַ קלענערע און אַ העכערע. וואָס לער־נען ביי צוויי בעזונדערע מלמדים, איטליכע כתה ביי איהר בע־זונדערען טיש. פון דער עלטערער כתה דער מלמד ער איז דער הויכט ראש־ישיבה, און פון דער קלענערער איז אַ אונטער־ראש־ישיבה, ער זאָגט אַלע אין דערפריה נאָכ׳ן דאַוונען אַ שיעור גמרא מיט תוספות און מפרשים, על־פּי פּשט, זיצענדיג ביי זיין טיש, אַרומגערינגעלט פון זיינע תלמידים, און בשעת מעשה טאָקי טהוט ער אַ פריוו דעם, יענעם פון זיינע צוהערער, צי האָבען זיי געמאַכט דאָס „לייענען״, וואָס ער האָט נעכטען אויף היינט פערגעבען און צי פערשטעהט דער, יענער, וואָס מען רעדט דאָ צו איהם. איז ער נישט צופריעדען מיט איינעם, מוסר׳ט ער איהס אויס און איז איהם מכבד אַמאָל מיט אַ פּאַטש. נאַ! זאָגט ער, זאָלסט וויסען, אַז אַהער קומט מען לערנען. געוועהנטליך קומען־אָן צו איהם, צו זיין טיש די נייע, פריש־אָנגעקומענע בחורים. דער גרעסערער ראש־ישיבה זאָגט זיין שיעור אַרום האַלבען טאָג, ווייזענדיג גרויסע חריפות — עס פליהען פון איהם צו די תלמידים, פון די תלמידים ווידער צו איהם קלאָטץ קשיות,

ברעכענדיק אַ מוח. עס דונערט מיט הילכענדיקע, שטאַרקע קולות, עס בליצט מיט פֿײַערדיקע שפּיצליך, פֿינגער, גראָבע, און הענט אַרבעטן מיט אַ דרעה בײַ איטלעכן רעכטן קוועטש, בײַ יע־דן שכל׳דיקן אויסדרינגעניש. נאָך דעם שיעור זענען די על־טערע בחורים פֿרײַע מענטשן. ווער עס וויל מעג זיך אויסלערנען דעם שיעור וואו איהם איז נויטיג. די קלענערע אָבער זענען שוין נישט אַזוי פֿרײַ... זײ גרײטען־צו דאָס לײענען מײנסטענס אין דער ישיבה, און דער רבי זײערער קומט עפּטערס אַרײַן אַכטונג געבען וואָס זײ טהוען. קומט ער אָן גראָד, ווען חברה, מיעד־ווערענדיג פֿון קנײטשען די גמרא, טהוט אַביסעל אַ שטיף, זאָגט ער זײ מוסר, אויפֿווײזענדיג פֿון יענע און יענע מוסר־ספֿרים ווי גרויס די עבֿירה פֿון בטול תּורה איז, און צולײגענ־דיג אויך זײַנס, אַז יודישע קינדער האָבען נישט קײן רעכט צו־שטיפֿען. וואָס איז אויף זײ, אַזוי די שמחה?... נאָר אָבער אין חכמה ואין מוסר אַקעגען יונגע בחורים׳לעך, וואָס זענען נעביך בשר־ודם, פֿלײש און בלוט, און ווי פּערוויסט דאָס לעבען זײערס איז, גלוסט זיך פּאָרט בײַ עפּיס אַ געלעגענהײט כאָטש אַ ווײלע טהון אַ לעב, כאָטש אַביסעל עטהמען פֿרײַ. און די בעסטע גע־לעגענהײט פֿאַר הברה־לײַט צו אַרבײטען מעשים איז דער אָנהויב זמן, אײדער די „שיעורים” אין דער ישיבה הויבען זיך אָן און די מורא פֿאַר דעם רבי׳נס השגחה אויף זײ איז דענסטמאָל נישטאָ.

ס׳איז די ערשטע וואָך נאָך סכּות — דער אָנהויב „זמן” בײַ קלײן און גרויס פֿון יודישע קינדער אומעטום. אין דער ס—ק׳ער ישיבה ווימעלט פֿון נײַע, פֿרישׂ אָנגעקומענע בחורים, אויך פֿון אַלטע צוריקגעקומענע, וואָס זענען אַוועק אַ היים אויף יום־טובֿ, און פֿון בחורים אַלטגעזעסענע, וואָס ריהרען זיך נישט פֿונ׳ם אָרט און דאָ איז זײער שטענדיגע הײם. אַצינד איז אין דער ישיבה דער גרויסער יריד, ס׳איז אַ פֿאָדערונג אויף „טעג” — יעדער בחור, הײסט עס, זוכט ראשית חכמה זיך בעשטעלען אַ בע־שטימטען טאָג אין וואָך אויף צועסען בײַ יעדען פֿון די בעלי־הבתּים. ס׳איז אַ לויפֿעניש, אַ זוכעניש, אַ ראַנגלעניש אַ טומלעניש

וועגען די בעשטעלונגען, און נישט אַלעמען דינט דאָס מזל אָנ-צוטרעפען די ערטער, וואו מען קען בעקומען טעג, און נאָך אַזויפיל, וויפיל אין דער וואָך זענען טעג דאָ. אַז וואויל איז דעם בחור, וואָס האָט זיינע זיבען טעג אין וואָך! גליקליך איז אויך דער, וואָס ס'איז ווענינער מיט אַ פּאָר טעג זיין וואָך! און אַז-אָך-און-וועה איז יענעם שלימזל, וואָס כמעט תמיד איז אָהן טעג זיין וואָך!...

פעסט, משטיינס-געזאָגט, אויפ'ן יריד, ווי די געוויסע סוחרים, קאַפּיטאַליסטען, שטעהען די אַלטגעזעסענע ישיבה-בהורים. מיט „טעג", מיט נאָך אַנדערע הכנסות, ישיבה-בחור'שע פערדינסטליך, זענען זיי, הייסט עס, מעהר-וועהניגער פערזאָרגט, קענען אין זי-נען האָבען אַנדערע, פריש-אָנגעקומענע, אָבגעבען זיי זייער צייט, זייער טרחא, פיהרען זיי אויף אַ וועג מיט זייערע טובות און אַמאָל טאַקי ביד-רמה, מיט דער האַנד — אין באַק, אין ריקען, ווי עס לאָזט זיך, זאָלען זיי וויסען ווער עלטער איז!

ראשית, הייסט עס ביי חברה-לייט, בעדאַרף מען די נייע בחורים ווי ניי-געבוירענע אַ נאָמען געבען. זאָלען זיי פון איצט-אָן פערגעסען ווי זיי האָבען אַמאָל געהייסען אין דער היים. פערגעסען זאָלען זיי זייערע חפציות און אַלע פריהערדיגע גענג זייערע דאָרט. דערצו איז אַ מיטעל דער שנעל. וואָס דער מלאך גיט דעם קינד אין דער נאָז ביים געבוירען-ווערען און פון אַלטגעזעסענע מתעסקים'ס אַ שנעל שטעלען זיך אין די אויגען טרעהרען, אַזוי שטאַרק איז ער. איטליכער פון די נייאָנגעקומע-נע הויבט-אָן בכן צוהייסען אויף דעם נאָמען פון זיין שטאָדט: לעכעוויצער, קאַידענאָווער, סטאַראָבאָנער, סלאָנימער, בעקומענדיג נאָך דערצו אויך אַ צונעמעניש, ווי אַ שטייגער: פּיפּעק, לעמעשקע, צעפּיל, טרעמפּעטש, וכדומה. איטליכער ווי איהם פּאַסט, און ווי-ער פערדינט זיך ביי חברה-לייט, כלל-טהוער.

מילא אַ נאָמען. דאָס איז פון די קלייניקייטען. מען גיט עס אומזיסט. אָבער „טעג", נאַראַייען אַ פריץ טעג צועסען — דאָס איז שוין אַ עסק. מיט ברויט האַנדעלט מען שוין אויף דער בערזע. עס שמעקט שוין מיט אַ פערדינסטעל. — „הערסטו, בחור—

זאגט חברה — עסען קענסטו, „טעג״ ווילסטו און אַ פריץ ביסטו, ווייז-זשע די מטבע ווען מען דיר אָנווייזען „טעג״! אָדער עס ווערט געמאַכט אַזאַ קאָמבינאַציע, אַזאַ דרעהדיל: „דער באַבּרויס-קער טראַכט אַוועקצולאָזען זיך אין דער-מירער ישיבה, עס פעהלט איהם דערצו עטליכע גראָשען. געהן וועט ער, עס פערשטעהט זיך, צופוס, גיב-זשע איהם, בחור, פערוויינטע-נשמה, ווי דו הייסט היינט, גיב איהם צושטייער אויף הוצאות, אונז מעקלעריי, וועט ער דיר איבערגעבען זיינע טעג. שבת. זיי וויסען, האָט ער שוין פערקויפט״! — עס ווערען אויך אָבגעמאַכט חילופים — מען בייט-אויס צווישען זיך די בעלי-הבתים, אָבשאַצענדיג זייער ווערטה לויט די טעג, גוטע צי שלעכטע, וואָס מען עסט ביי זיי. פאַר אַ גוטען בעל-הבית גיט מען אַוועק אַנדערע צוויי, נאָך מיט אַ „ברוך-שפטרני״ אויף דערצו.

עס איז דאָ עסקים מיט „ב ייַ נ ק״ — אויף צו שלאָפען. עסקים מיט קויפען און איבערגעבען חזקות אויף טיש און אויף ביינק. וואָס מעהר אַ באַנק איז נעהנטער צום אויבען אַלץ מעהר ווערטה. ביים אויבען איז פרימא, דאָ צו ליגען בעדאַרף מען האָבען זכות-אבות, און אויפ׳ן אויבען — דאָ איז פשוט דער גן-עדן. נישט אַזוי גרינג אָבער קומט עס אָן אויפצוהויבען זיך אויף אַזאַ הויכער מדרגה!

עס ווערט נישט געמאַכט קיין עסקים אויף דעם יריד נאָר מיט אַ פּאָר פון די ישיבה-בחור׳שע פּרנסות, נעמליך: מיט דעם „מ נ י ן״ און מיט דעם „ב יי ט ע ל״, מ נ י ן הייסט — עטליכע, אָדער טאַקי גאַנצע צעהן בחורים, ווי עס קומט אויס, געהן דאַוונען פריה און פאַרנאַכט צו עמיצען אין הויז אויף דער צייט נאָר, ווען ער איז אַ אבל, זיצט שבעה, אָדער אַ גאַנץ יאָהר, פאַר אַ געוויסע בעלוינונג, וואָס זיי בעקומען. „ב יי ט ע ל״ הייסט — צו-זאַמען מיט׳ן אונטער ראש ישיבה געהן צוויי טעג אין וואָך, דאָנערשטאָג און פרייטאָג, איבער די הייזער, צונויפנעהמען אין בייטעל אַריין די נדבות אויף דער ישיבה, וועלכע מען גיט דאָרט, ווי אַ חוק, אַלע וואָך, און דערפאַר בעקומט דער בחור, חוץ דעם כבוד פונ׳ם אַרומגעהן מיט אַ רבי׳ן איבער די הייזער, טאַקי ח״י

גראָשען אויך. אויף דיביידע שענע בכבוד'יגע פּרנסות האָבען דאָס רעכט נאָר עכטע, אויסגעריבענע אַלטגעזעסענע, אָדער די בעסטע, גאָר די וואוילע ישיבה-בחורים. ניי-אָנגעקומענע, פריצען, ווערען דערצו נישט צוגעלאָזט.

פאַר דעם ניי-אָנגעקומענעם נפש איז די ישיבה עפּיס אַ נייע וועלט — אַ „יענע וועלט"! ער ליידט נעביך חבוט הקבר — קלעפּ פון הינטען, פון פאָרענט, אַ ציפּ, אַ ריס פון אַלע זייטען. ער ליידט פון מלאכי-חבלה — חברה-לייט, קונדסים, וואָס מאַכען איהם אַ „ברוך הבא" מיט ווערטליך, שפּילען איהם אָב אַ „קבלת-פּנים" פריהער כלומר'שט מיט גוטע ריידעליך, כלומר'שט מיט רחמנות, דערנאָך געהט עס איבער אין חוזק-מאַכען, פון חוזק — אין אַ שטפּ, פון אַ שטופּ — אין אַ קלאַפּ, אַ זעץ, אַלץ הינטענ-אַרום, הינטענאַרום ביז עס דערגרייכט לסוף צו פּאָנפּעס און פליהענדיגע איהם פון הינטען נאַסע שמאַטעס. ער פיהלט דעם טעם פון גיהנם. האָט נישט קיין רוה, נישט קיין „טעג", נישט קיין נאַכט — נישט קיין עסען, נישט קיין נאַכטלעגער, צעברעכט זיך די ביינער אויף אַ האַרטער באַנק, געהט אַראָב פונ'ם לייב, רייבט זיך, וואַרגערט זיך און ליידט זיך אָן גענוג גלגולים ביז ער רייבט זיך אויס, „לייטערט" זיך אויס, ווערט אַ רחמנות, אַ „שפּירט", געקניפּט און געבונדען מיט'ן פּעקעל חברה-לייט, איין קניפּעל, איין נשמה מיט זיי. די יסורים און די צייט פונ'ם אויסלייטערען זיך איז נישט ביי אַלע ניי-אָנגעקומענע נפשות גלייך. אָבגעפיינטע, ביי זיך געהויבענע מענשלעך זיי האָבען זיי-ער עהרליך אויסקומעניש מיט דער פולער מאָס. זייער פּיין איז גרעסער און דויערט לענגער ווי ביי יענע, וואָס מאַכען זיך נישט וויסענדיג, און שלינגען די בעליידיגונגען שטיל, שווייגענדיג אַראָב. שטאָלצע, מיוחסים, האָט חברה פיינט. אַ זעלנער, זאָגט מען, שמעק פולווער מיט אַלע גלייך!

געוועהנטליך ירידעוועט זיך אָנהויב זמן אין דער ישיבח אַמשטאַרקסטען אָווענט-צייט, דענסטמאָל ווען די נייע און אַלטע בחורים קומען זיך צונויף דאָרט פונ'ם לויפעניש, יאָגעניש זיי-ערען דעם גאַנצען טאָג, איטליכער פאַרטהון אין זיינע געשעפטען.

עס שטעהען דאָרט פעקליך-ווייז בחורים איינמאָל אין אַזאַ אָוועגט, האָבען צוטהון און שמועסען צווישען זיך. אַ טייל גיבען-איבער איינע די אַנדערע ווי זיי האַלטען מיט די „טעג״. איינער האָט אַ האָפנונג צו האָבען, אם-ירצה-השם, אַלע טעג, דעם פעהלט נאָך לעת-עתה צוויי טעג, יענעם דריי דערפאַר האָט איהם גאָט צו-געשיקט אַ פרייטאָג מיט אַ שבת, וואָס מען מעג איהם מקנא זיין. ער קאָכט פיש, רייבט חריין פרייטאָג אין קיך, און די קעכנע, זעהר אַ גוטע, אַ וואוילע יודענע, גיט איהם מיט-זיך אַ פריש-גע-באַקענע בולקע. ווידער אַ טייל שמועסען וועגען דער „מסכתא״, וואָס מען וועט דאָס יאָהר לערנען, זענען צופרידען און יענע וואָלטען געוואָלט אַ אַנדערע. נאָך אַ טייל האַמפּערען זיך, מיטשען איינער דעם אַנדערען מיט די פינגער, שרייענדיג מיט אַ גמרא-ניגון. חברה-לייט פירען דאָס רעדעל, מישען זיך אומעטום אַריין, זאָגען זייערע מיינונגען, גיבען אַרויס פסקים און טהון וואָס זיי ווילען. אין אַ ווינקעלע דאָרט אין דער טונקעלניש, ליגט אויס-געצויגען, ווי אַ מלך, איינער אויף די באַנק און טראַכט זיך אַפנים אַזוי איינצושלאָפען.

—„פּיפּעק״! — לאָזט זיך הערען עמיצענס אַ געשריי, וואָס קומט צו און שטופט יענעם אַראָפּ פון דער באַנק — פּיפּעק אַראָב, אַראָב! אויף דעם אָרט האָב איך אַ חזקה.

—אַ געשריי אַביסעל! אויף די ציין, אויף די ציין, „גער-געלע״! דעם מאָרזירעס אָרט איז עס דאָך.

—איך האָב עס ביי איהם אָבגעהאַנדעלט. אַ מיטוואָך, מיי-נעם אַ טאָג, איהם אָבגעטרעטען האָב דערפאַר איך!

—וואו מאָזירער, דער מאָזירער וואו?

—דער מאָזירער? — מישט זיך אַריין עמיצער פון דער זייט — ער נעכטיגט וואו ער „טאָגט״. וואו ער עסט שבת.

—פּיפּעק!

—גערגעלע!

עס פליהען פעטש. פון איין צד אַ פּאַטש, פונ׳ם אַנדערען אַ פּאַטש. עס מישען זיך באַלד אַריין חברה-לייט, די רעכטע רעדעלפיהרער. זיי מאַכען אַ פשרה — אַ קניפּ דעם, אַ פלעם יענעם.

ביידען געהערט נישט די באַנק, פון דיין אַבמאַך, גערגעלע, מיט דעם מאַזירער, זאָגט חברה, ווייסען מיר נישט, גיט-זשע איהם, דברה, וויפי, אין איהם געהט אריין!

פי! מאַכט איינער פון די בחורים מיט אַ ערנסטער מינע, שטאַרק פערקרימענדיג זיך.

—קוקט אָן דעם ק—ער, דעם יחסן, דעם שענעם נפש!— האָט זיך צושריגען דער עלטסער פון די רעדעלפיהרער, דער „פינסקער", אַ בחור אַ קורצער, מיט אַ מויל אויף שרויפען און געלע שיטערע בּרייטע ציין לאָפּעטעס — עס געפעלט איהם נישט, דעם יחסן! אַ קאַטאָוועס אַזאַ „תכשיט'ל", ערשט אָנגעקומען, פונ'ם איי ערשט אַרויסגעקראָכען און זאָגט שוין דעות, שוין זיך אריינ-געכאַפּט אין דעם „מנין"!... וואָרט נאָר וואָרט „תכשיט", עס וועט דיר דאָס באָקים אויספאַלען!... היי, חברה גיט איהם נאָר דעם „תכשיט", דעם ק—ער, אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש.

—ודי לחכימא ברמיזה, פאַר אַ חכם שלמה מק"ק... וועט געגוג זיין אויפ'ן ווינק—טהוט אַ זאָג מיט אַ גלייכווערטיל, דער צווייטער פון די רעדעלפירער, דער „קעלצקער, אַ בחור אַ דאַרער, מיט דעם צונעמעניש „האָרט". פון דער נאַטור אַ גוטער, אָבער זעהר אַ פערשייטער, דורכגעטריבען-קלוג, און טאַקי ווי ער רעדט פליהט פון איהם מיט אַ געוויש אַ פייכטע שמאַטע.

החכם שלמה (שלמה'לע רב היים'ס איז עס, היינט דער ק—ער, דער „תכשיט" ביים צונעהמעניש) האָט בעצייטענס זיך אַ כאַפּ געטהון אין דער זייט. באַלד געעפענט די טהיר און אַרויס שטאָלץ. נישט צוזאָגען אַ וואָרט.

## ה.

אלה ברכב, די אין קאַרעטעס, ואלה בסוסים, און יענע אויף פערד רייטענדיג ווי פּריצים — און שלמה'לע רב חיים'ס, האַלבגעהענדיג צופוס, האַלב אונטערפאָהרענדיג, האָט מיט זכות אבות זיך פערשלעפּט קיין ס—ק, דאָרט אין דער ישיבה אַריין.

יאָ, מיט זכות אבות, מיט גרויסע זכות אבות טאַקי! גאַנץ פּשוט, זוכען אַ פיהר, אַ פּראָסט וועגעלע אַפילו און בעצאָהלען — האָט דאָך שלמה'לע ביי זיין לייב נישט געהאַט נאָר עטליכע האַרטע דרייערס, צודערהאַלטען די נשמה אויפ'ן וועג אין די ערשטע צייט אין ס—ק ביז גאָט ברוך-הוא וועט איהם דאָרט צושיקען „טעג". אַרויפכאַפּען-זשע אַזוי זיך אויף דער קעלניע, אָדער ערגיץ הינטער אַ בעל-עגלה'ישער יאַזדע, ווי אַ פאַרשוינדעל, גאַנץ יודעשליך, כמנהג פּוילין ורייסין — עט! דאַרויף וואָלט מען ביז משיח וועט קומען זיך נישט געקענט דערוואַרטען. דאָס שטעדטיל ק..., ווי איטליכען איז בעקאַנט, ליגט העט אין אַ אָפּגעלעגענעם ווינקעל. ווייט פונ'ם טראַקט, מען זעהט נישט קיין פּאָטשט, מען הערט נישט קיין גלעקעל, סיידען אַמאָל גלינג-גלאַנג פונ'ם

אַסעסאָרס אָנפּאָהרענדיגע בריטשקע מיט אַ גלאָק. בכלל איז עס נישט קיין נאַרעש שטעדטיל, אַ שטילס, אַ רוהיגס, אַ „געזעצטס“ — ויצט על התורה ועל העבודה! על התורה — אין קלויז, אין בית-המדרש, פאַרברייננענדיג דאָרט די צייט גאַנץ געמיטהליך אין לערנען, אין שמועסען, פיל בעסער אפשר ווי אַנדערע אין די קלובען, להבדיל. ועל העבודה מיינט מען שענקליך, קרעמליך, קלייטליך — געשעפט הייסט עס. נישט פליהען, קעהרען וועלטען, הו-האַ, טראַסקען מיט דער בייטש אין די ווייטע מקומות: מאָסקווע, לייפּציג, קראָקוי, לעמבערג, חלילה! נאָר שענקליך, קלייטליך פאַר אייגענע, פאַר בעלי-הבתים שטעדטעלדיגע, אָדער פאַר בעלי-גוף'ן, פויערים פון די אַרומעדיגע דערפער, וואָס קומען געוועהנטליך זונטאָג צעפאָהרען אויף אָקסען אין שטעדטיל מיט זעקליך קאַרטאָפעל, בעריקעס. הייפטליך קרויט, אויך מיט אַ געפּענטעטען האָהן, שוין אַ אויסגערויכערטער, אַלטער תרח. הערבסטצייט, אַרום חנוכה אַ-שטייגער, ברייננען זיי אַריינצופיהרען גענז. שעפּסענע פעלכלעך, אויסגעאַרבייטע שמייסלעך וכדומה. טהוען אַ טרונק בראָנפען אין די שענקען, מאַכען איינמאָל אַ כוסה, עטליכע מאָל אַ כוסה, פערבייסען מיט אַלטגעבאַקענע בייגעל און לאָזען זיך אויפגעריימט, אַ ביסעל פאַר'כוסה'ט, צווישען די קראָמען, איינצוקויפען דאָרט, דער זאַלץ, יענער סמאָלע, שוועבעליך, טיטון-מאַכאָרקע; איינער אַ רויטע פאַטשיילכען מיט גרויסע קווייטען פאַר זיין ווייבראָ, און דער אַנדערער אַ פאָמסענע סטענגע, איינצופלעכטען אין צאָפ, פאַר זיין טאָכטערלאָ — קורץ און גוט, אַ שטעדטיל, הייסט עס, וואָס פיהרט אַ איינוועניגסטען האַנדעל, אַליין מיט זיך, צווישען זיך, שטיל, פאַמעלעכין, גלאַט אַזוי זיך, אַז קיין האָהן זאָל נישט קרעהען!... אויסגענומען נאָר, עס פאַרשטעהט זיך, די עטליכע זומערדיגע ירידלעך, וואָס דער האַנדעל אין זיי איז שוין אַ ביסעל בריטליך רעש'דיגער. דענסטמאָל טהוען זיך אַ וויז עפּיס נייע מיני פנימער, יאָלדען קליינשדטעטילדיגע, אין דער זייט קאָפּ און אַ הינטען פעררוקטע היטלען, קאַרטוזען, קאַטערוכעס פון משונה ווילדע פאַסאָנען. עס לאָזען זיך זעהען הענד, טאַפּענדיגע דאָס-יענץ אין די פיהרליך, אויגעליך קליגעטשקע

און נעזער פערדרעהענדיגע, דאָס־יענץ פּלומרשט צונישט־מאַכענדיגע; אויך טשאָפּרינעס, קוטשמעס. נייע. סקריפּענדיגע ליאַפּטעס, שמעקענדיגע, געדיכט־אָנגעשמירטע טשאָבעטעס פון דאָרפס־פּויערים מיט ווייבערס מכוראַסען, מיט שנירלעך פּאַטשערקעס בעהאָנגענע נאַקעטע העלזער אין גראָב־לייוענטע, אויסגענעהטע העמדער, זיצענדיג דאָס־רוב, נישט צוריהרען זיך פונ׳ם אָרט, צווישען קרענצליך ציבעלעס, קערבלעך אייער און אַ יונג־געבוירען, אויף צאָלע פיער געבונדען, נאָך דער ברוסט לעכצענד, שטאַרק פערשמאַכט קעלבעל, אין אַ פול־געפּאַקטען וואָגען, צו וועלכען עס שטעהט צוגעבונדען פּאַר די הערנער אַ פעריסטעקיה, די געווינערען נעבּיך, וואָס איז אַרויסגעפיהרט צום פערקויפען: זי — אויף צומעלקען זיך ערגיץ און דאָס קינד איהר׳ס — אויף דער שחיטה נעביך. פון אונטערען באַרג טהוען ראַפּטאָם אַ לויף, אַ יאָג צַרויף, פעררייסענדיג די ווידלען, בריקענדיג מיט די הינטערשטע פיס און אונטערהויבענדיג דעם הינטען, אַ „מאַבון״ פערד מיט אַ געשריי, אַ געפּילדער, אַ קנאַלען מיט ביי־טשען פון שקצים, שמייסערס ביי די זייטען, און שטעלען זיך אויס אויפ׳ן פערדמאַרק. עס טהוט זיך, עס ווימעלט אַרום זיי. ליוונראַנטען, מבינים אַזוינע, קוקען די פערד אין די ציין, שאַטצען, דינגען זיך, האַמפּערען זיך, פּאַטשענדיג דעם־יענעם פערד איבער׳ן ריקען, אַ פּאָהרגעבענדיג מיט דער האַנד איהם איבער׳ן הינטען. — דאָרט דרעהט זיך אַרום, שטאַרק פערפלאָמט, פערטראָגען גרישקאָ דער צעגיינער מיט זיין פערד, אַ הויכגעוויקסיגעס מיט אַ פעט־קיילעכדיג בייכעל, אַ ברוינגלאַנצענדיגע פעל און פייער־ברענענדיגע אויגען. לייזער־בער, דער שטאָדט־וואַסער פיהרער, דערזעהענדיג די סחורה ווערט פערצאַפּעלט, בעקומט שיער נישט די נכפה. אַי — לאַכט ער — אַי אַ פערד, אַ פערד! אוי, קבצן, קבצן! זאָל זיך דיר לייזער־בער קבצן נישט גליסטען, אַזוינס איז נישט פאַר דיין קעשענע. נאָר האַ, ווי זאָגט עפּיס די גמרה דאָרט, פּריוועך מעג מען זיך, ניין — ניין, און אפשר טאַקי יאָ?... היי, גרישקאָ! זאָג נאָר ברודער! מה יקר? אַ וואָרט אַהין, אַ וואָרט אַהער, דער שפּיץ אין — אַ גוט

מענשעל, גרישקא דער צעגיינער!׳ ער זעצט זיך־אויף רייטענדיג, פאָהרט זיך דורך פאַר איהם פלינק הין־און צוריק. דאָס פערד לויפט, דריגעט מיט די פיס, שטעלט זיך דיבאָם, טאַקי גאָר אַ מחבל. מען דינגט זיך, מען בעט זיך איינער צום אַנדערען מיט תחנונים, מען שווערט זיך מיט טויטע קללות, מען פאַטשט זיך אין די הענד, מען שטעקט איינער דעם אַנדערען כמעט אונטער דער נאָז מיט אַ עק־פאָלע—נאַ, אַרויף נאָך אַ קערביל! זאָל זיין צו אַ גלייכען חשבון נאָך אַ קערבעל! אַי. אַ עקשן! אַ עק אַ סוף, נו צוגעשלאָג ן, אָבגעמאַכט זאָל זיין מיט מזל! בעשפריצט מיט בראָנפען, לייזער־בער נעהמט די מציאה און געהט אַהיים מלא שמחה.

די זומערדיגע זון דערוייל באַקט, רופט אַרויס אויף די פערהיצטע פנימער דעם גוטען שוייס, מען נעהמט זיך צום טרינק. קיין טראָפען וואַסער אין די אויסגעזיגטע פעסליך! עס טומעלט טאַראַראַמט זיך אומעטום, דאָ אַ צונויפלויפעניש ווי אויף אַ בייז וואונדער. אויף אַ דעכעל פון אַ באַלאַגאַן מיט אַרויסגעשטעלטע משונה־ווילדע געשטאַלטען, פון אַ מענשענפרעסער, שרעקליכע־בעפליגעלטע חיות, מכשפות, שוואַרציאָהרען. שטעהט אַ קאָמעדיאַנט אין ברייטע תחתונים מיט פליטערליך פון אַלערליי קאָלירען. ער טרובעט, רופט צו זיך אינוועניג, זעהען די שפיל — מאַריאָ־נעטקעס־שפיל. ער קוליעט, קויקעלט זיך, זאָגט ווערטליך פאַר אַ געזעמעל שקצים, שיקסעס, קינד־און קייט, וואָס גאַפען, שטור־פען־זיך און האַלטען זיך ביי די זייטען לאַכענדיג, דאָרט, ביי יענעם עק מאַרק הערט זיך אַ געשריי, אַ געשלעג — מען שלאָגט, מען פאַטשט אַ צעגיינער! הערט אַ מעשה: לייזער־בער קומט זיך אין אַ פאָר שעה אַרום צום פערד און הויבט עס נישט אָן צודערקענען. וואו פערד, וואָס פערד, עפיס גאָר אַ רוח — אַ רוח אין דעם מזור, אין דעם צעגיינער אַריין!... וואו בייכעל, ווען בייכעל, ס׳איז אַ אַלטס, אַ דאַרס, הויט און ביין. אָט וואָס אַ צעגיינער קען! ער האָט דאָס פערד אונטער׳ן פעל אָנגעבלאָזען, ווי מען בלאָזט־אָן אַ פענחער, אויך צוגעפיילט איהם די ציין און איינגעגעבען איהם אַזאַ מין קרייטעכץ אַזעלכס — טשעמע־ריצע אין בראָנפען, האָט עס זיך דערהיצט בעקומען אַ געשטאַלט,

געהייבען פיס — אַ שפּירט אַ ברען!... און גאָר אין דער־מיט מאַרק זאַמלען זיך צונויף אַ רעדעל מענשען אַרום אַ פריש־אָנגע־קומענעם פאַרשוין מיט אַ קאַטערינקע, ביי זיך אַ גאַנצער יש, אַ מוזיקער, גיט קאָנצערט! ער דרעהט־דרעהט די קאַטערינקע און עס קאַטערינקעט זיך, טראָגען זיך העט־ווייט לידער. אַ מאַלפּע־לע אין אַ קליידעל טאַנצט אויף הינטערשטע פיסלעך. אַ קליין מיידעלע אין הייזליך שפּרינגט, מאַכט מיט דער רייף, און אַ שטום אינגעל, אַ בלייכס, ברעכט זיך, געהט מיט׳ן קאָפּ אַראָב, מיט די פיס אַרויף. דער עולם צאַפּעלט, שטאַרבט פאַר גרויס וואונדער — אוי, געוואַלד אַזעלכע קונצען מען האָט אַזוינס נאָך נישט געזעהען, אַזוינס נישט געהערט!

די צייט דערווייל שטעהט נישט, געהט. אַ שעה נאָך אַ שעה ביז עס הויבען ביסליכווייז אָן זיך צושפּרייטען די פאַר־נאַכטיגע שאָטענס. דער מאַרק זאָגט שירה! ערגיץ אין אַ וואָגען, פון אַ זאַק אַרויס, גרילצט אַ געבונדענער חזיר. ער איז הונגע־ריג, מיד צוליגען אַ גאַנצען טאָג אָהן עסען. איהם ענטפערט אָב פונדערווייטענס אַ קיה, וואָס איהר האָט זיך אויך צוגעגעסען שטעהען אַזוי לאַנג צוגעבונדען פאַר די הערנער. העהנער גע־פּענטעטע, וואַרפען זיך אין די וואָגענס, קרעהען שטארק אין כעס — אַזאַ צייט אָבגעוועזען צושיידט פון זייערע ווייבער! און זיי אַלע האַלט־אונטער אַ קאָהר פון אויסגעשטרעקט־ליגענדיגע קעלבליך מיט אַ מעקען אויף דינע, גראָבליכע און גראָבע קולות, לויט דעם עלטער פון יעדען קעלבעל בעזונדער. די זון פאַר־געהט אין איהר רוה אַריין. און דער עולם הויבט זיך אָן צו־פּאָהרען. — אויס יריד!.. אויפ׳ן מאַרק דרעהען זיך אַרום הינד, נישטערען, זוכען וואָס עס איז אין מויל אַריין. שטעדטילדיגע קיה, פרעסערענס, תמיד הונגעריקע. כאַפּען, שפּאַצירענדיג דאָרט, שיריים: אַ הויפען שטרוי, אַ לעק היי. און בחורים׳ליך, מיט שטעקליך, אַרויסגעשיקטע פון דער היים בכיון צו זוכען מציאות, שאַרען אין מיסט, טאָמער האָט עמיצער עפּיס פערלוירען ווע־לען זיי עס אויפהייבען. אויף די פּריפּעטשיקעס אין די הייזער ברענט אַ פייערעל. עס קאָכט זיך וועטשערע. מאַנסבילען אין די

שוהלען דאַוונען מנחה. עס פאַלט־צו די נאַכט — שאַ רוהיג, שטיל! צו אַ טרוקען שטיקעל אָרט ערגיץ אין די סטעפּעס ביסט־דו געגליכען שטעדטיל ק...! אַ גאַנץ יאָהר איז עס וויסט, עלענד, טויט, קומט די רעגענסצייט ווערד עס בעלעבט. עס שטעהט דאָרט אַ קאַליזשע. עס פערקלייבען זיך אַהין און קוואַקען זשאַבעס! טריקענט די קאַליזשע אויס — איז שטיל, טויט ווי פריהער!...

אָט אַזאַ שטעדטיל איז ק... געווען אַמאָל, אין שלמה'לעס צייטען. צי היינט איז עס אויך אַזוי? ווייסט דער גוטער יאָהר עס. נאָר ווי די מעשה דאָרט איז, דערווייל, אַז מען האַלט אין פאָהרען פאַרביי, האָט דאָס אמת'ע יודישע שטעדטיל מיט זיינע מעשים טובים ביי יודישע קינדער זיך עס פערדינט, אַראָבצונעהמען זיך אַביסעל אין דער זייט מאַכען איהם אַ „מלא", אַ „הזכרה" פון זיין כבוד־וועגען. זאָל דער עולם יודען הערען — און וויסען!...

אַצינד, רבותי, צו שלמה רב חיים'ס אויף זיין וועג קיין ס — ק.

מילא קיין שטענדיגע בוידען, יאַזדעס הייסט עס, ווי עד־גיך־וואו, אין כמעלניק אַ שטייגער, איז אין ק..., ווי געזאָגט, נישט געווען בנמצא. אַ שטעדטיל אַ אָבגעלעגענס, די מענשען כמעט אַלע היימזיצערס. צו דער פרנסה האָט מען קיין סך נישט בעדאַרפט. אַ קרופּניק, אַ רעטיכעל, אַ ציבעלע גאַנץ גענוג. איינמאָל נאָר געדיינקט דאָס שטעדטיל אַ יאַזדע מיט פיער פערד, אָדלער, לייבען, ווי ביי לייטען — דאָס איז געווען משה אלעזר'ס יאַזדע. ער אַליין — אַזוי דערצעהלען זקנים, אַלטגעזעסענע — איז אַ צייט לאַנג אַוועקגעווען אַ מדרש־זאָגער, אַ שטיקעל מגיד אין דעם שניידערשען שוהלכען, איז איהם, משה אלעזר'ן, דערנאָך געפעלען פון אַ בעל־דרשה'ער בעסער אַ בעל־העגלה צו־ווערען. ער האָט אָבער גאָר נישט געמאַכט. ווי פריהער טאַקי אַ קבצן געבליבען, און די פערד זיינע זענען גע'פגר'ט פון הונגער.

אָט אַזוי דערצעהלען אַלטגעזעסענע. — אין אַ צייט שפּעטער אָבער האָט דאָס שטעדטיל אין אַ נויטפאַל זיך בעדינט אָט מיט דעם, אַמאָל מיט יענעם, ווי ס'איז אויסגעקומען. איינער פון

די צווי, מענדיל מלכּיאַן פלעגט זיין אַ שליח, געהען וואָהין מען האָט איהם געשיקט מיילענווייז צו־פוס. היטץ קעלט, בלאָ־טעס שנייען — ער איז געגאַנגען, נישט געהערט קיין וועלט. כלה־מתנות ווער האָט אָבגעטראָגען ווייט ערגיץ אין דער פרעמד? ער! דעם חתן צוריק אַ שטריימעל פונ׳ם מחותן ווער האָט גע־בראַכט? מענדיל! אַ בהמה, אַ יאַלעווקע אויף ברייע צום פריץ אין ברויז ווער האָט אָבגעפיהרט? מלכּיאַן! אינגאַנצען איז מענ־דיל מלכּיאַן געווען אַ דאַר־אויסגעדייוועדט יודעל, געהאַט אַ טויט־בלאַסע הויט אָהן אַ שום קאָליר, בלאַסע האָר און רויטע אויגען — אַ חידוש נפלא, וואָס טרעפט זיך אַמאָל ביי אַנדערע בעשעפענישען, און הייסען עס ביי די געלערענטע מיט דעם נאָמען אַלבינאָס, קאַרקעלאַק (Albinos, Karkelak). נאָר וועגען איהם אין אַ אַנדער אָרט, דער צווייטער, אַ בעפערדעלטער, אַ יוד הייסט עס מיט אַ פערד און וועגעלע, איז געווען מיכל חנה־דאָבעס. מיט אַ פליכעוואַטען קאָפּ און אַ לייטעשע געלע־ברייטע באָרד. מיט איהם פלעגען זיך בענוצען אין געוויסע צייטען, אונטער אונזערע, אָדער „זייערע״ ימים טובים אַ שטייגער, די קרעמער־שיקען איהם אין דער גרויסער שטאָדט איינקויפען דאָרט פאַר איטליכען אַביסעל סחורה, מיני צעלניק, בשמים: לאַקריצע קו־בעבע, קאַנדעלצוקער וכדומה, לויט דעם צעטעל, וואָס מען האָט איהם מיטגעגעבען. חנוכה־צייט פלעגט דער שטאָדט־שוחט און חזן מיט דעם שמש אַרומפאָהרען מיט איהם איבער די אַרומ־דיגע ישובניקעס און צונויפנעהמען ביי זיי זעקליך קאַרטאָפעל, מעהרען און שאר ירקות, וואָס האָט געהייסען חנוכה־געלד, מיט איהם פלעגט זיך אָפט בעדינען אויך רב חיים, עליו השלום אויף אָבצושיקען דורך איהם אַהין „וואו־געהעריג״ די ראָטע פאַר דער פלייש־טאַקסע און אַמאָל אויך נויטיגע פאַפירען — פראָשע־נעס, ברייעף, אַז מען האָט בעדאַרפט. מיט דער פאָטשט האָט מען עס נישט געקענט, ווייל פון איהר איז דאָרט אין שטעדטיל קיין זכר נישט געווען. בריוולעך האָבען שטאָדט־לייט געוועהנט־ליך ערגיץ נישט געשיקט און אויך פון ערגיץ נישט דערהאַל־טען. אַמעריקע איז אין יענער צייט געווען ווי דער גיהנם און

בן־עדן אַ אַגדתא, אַ מדרש־פּליאה. מען האָט זיך אַלץ גע׳חקר׳ענט, געוואָלט דערגעהען מיט׳ן שכל ווי אַזוי מענשען געהען דאָרט אויף יענער זייט ערד, פאַרקעהרט פון אונז און פאַלען נישט אַראָב!!

אָט מיט דעם מיכל חנה־דאָבעס איז שלמה׳לען זכות אבות בייגעשטאַנען, ווי עס וועט געזאָגט ווערען ווייטער, אַרויפכאַפּען זיך צו איהם אין וואָגען און אונטערהאַלטען קיין ס—ק!

## ו.

נאָך יענעם סוכות, ווען שלמה׳לע האָט זיך געקליבען אין ס — קער ישיבה, איז פירגעגאַנגען אין דער פּאָגאָדע זעהר פיל פאַרענדערונגען — אַ טאָג וואַרם, שען, אַ בלויער לויטערער הימעל, און אַ טאָג קאַלט, נאַס, וואָלקענדיג, אָט — אָט גיסט אַ רעגען, און עס וועט ווערען אַ דערטרינקעניש, אַ בלאָטע ביז דעם האַלז. שלמה׳לע וואָס אַריינגעהמענדיג דענסטמאָל זיך אין קאָפּ תכלית; וואָס אין מוח פּיקט איהם פּיקט אַלץ תכלית און תכלית רייסט זיך מיט לייב און לעבען, אַהין אין דער ישיבה אַריין — און געוואַלד, רבונו של עולם, ווי אָבער קומט די קאַץ איבער׳ן וואַסער?! דאָס שטעדטיל איז דאָך ווי יריחו פערשלאָסען אין יוצא ואין בא, מען זעהט נישט קיין משוגענעם הונד. דער עולם פערזעהט זיך שוין בעצייטענס מיט שפּייז, שטעלט באָרשטש, שאַטקעוועט, האַקט, אין קרויט. מען קריכט אַריין אין אַלטע וואַרמע לייבליך, אין צוהאַקטע, פערלאַטעטע וואַטאָווע קאַפּטענס און האַלט אין פערקריכען ווי אַ בער ווינטער אין דער בערלאָגע. פון פאָהרען איז אַפילו קיין געדאַנק נישט. וואָס־זשע טהוט

מען? לאָזען זיך גיהן צופוס? — איז שלמה׳לען דער וועג קיין ס — ק נישט רעכט בעקאַנט. דערצו נאָך איז אַ מורא, עס זאָל איהם נישט בעפאַלען אַ שלאַקס־רעגען, אָדער אַ נאַסער שנעע און עס זאָל איינגאַנצען אויס־וועג ווערען. לאָזען־זשע זיך איינרעדען און וואַרטען, אפשר וועט זיך ווער אונטערכאַפּען? דאַכט זיך איהם אַ שרעק, ער קען חלילה פערזאַמען, מען וועט די ישיבה אויסכאַפּען, און געוואַלד וואָס איז עס פאַר אַ תכלית, וואָס וועט זיין דער תכלית??!

גאַנץ פריה איינמאָל, אַז די זון האָט ווי איינער מיט אַ אונטערגעבונדען־פערשוואָלען פנים, לא עליכם, אַרויסגעקוקט, קרימענדיג זיך, פון צווישען צער׳סענע, קלאַטשקאָוואַטע גרויע שטיקער וואָלקענס; אַז דאָס גאַנצע הויזגעזינד איז נאָך געלע־גען אין די בעטען אונטער די וואַרמע קאָלדרעס, איז שלמה׳לע שאַ־שטיל אַרויס פון שטוב און זיך געלאָזט אויף גאַט׳ס בעראָטה גיהן אונטער דער שטאָדט, אויפ׳ן וועג קיין ס — ק. דאָס פע־קעלע זיינס אונטער׳ן אָרעם, איז בעשטאַנען פון אַ תפילין־זעקיל מ׳ט קלייניגקייטען פון דער הלבשה, משטיינס־געזאָגט. דער וועג איז געוועז שמוציג, גריבערדיג. די שיך, אָננעהמעהנדיג זיך מיט וואַסער, האָבען געפייפט, מיאוס פערדריפּעט די קאַפּאָטע ביז העט אַרויף היטעל. נאָר דער תכלית האָט פאַר זיינע אויגען געשוועבט, ווי דער עמוד־אש איהם געפיהרט אַלץ ווייטער ווייטער, ביז די כחות זענען איהם אויסגעגאַנגען און ער האָט קוים־קוים געפלאָנטערט מיט די פיס.

אָט דאָ הויבט זיך אָן אַרויסווייזען בעשיינפערליך פאַר איהם זכות־אבות — עס ריקט זיך אָן איהם פון הינטען עפּיס ווי אַ פיהר; עס לאָזט זיך הערען אַ פּלוכען, אַ שעלטען, אַ שמייסען מיט דער בייטש. ער טהוט אַ קוק און דערזעהט עפּיס אַ געשטאַלט פון אַ מענשען — אַ יוד מיט אַ הויכאויפגעשטעלטען קאָלנער, אַרומגעוויקעלט מיט אַ אויסגעדריפּעלטער, ווי אַ טשאַ־לענט־שמאַטע אויסגעריבענע פעטשיילע פון אַ אשה. דאַכט זיך אויך אַגעשטאַלט פון אַ פערד, ווי אַ שוואַרץ־יאָהר אויס־געשמירט אין בלאָטע. און אַ קול אַ פערדומפּט׳ס ווי פון אַ

פּאַס רופט צו איהם: „שייגעץ איינער! ווי קומסטו אַהער, רב חיים׳ס זוהן״? — „אוי, רב מיכל״! — טהוט אַ געשריי נישט מיט זיין קול שלמה׳לע, אויסשטרעקענדיג די הענד, און בלייבט ווי דערוואָרגען אָהן יווערטער... און צום צווייטען מאָל לאָזט דאָס קול צו איהם זיך הערען: „הייד אַ בחור, אַרויף אויפ׳ן וואָגען״! — יאָ, דאָס איז געווען טאַקי מיכל חנה־דאָבעס מיט זיין פערד און וועגעלע. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און עס לאָזט זיך אויס, ווי מיכל זאָגט, אַז אויף זיין מזל, אויף שלמה׳לעס, הייסט, עס, איז נעכטען אין אָוועגד, פערשלאָפט געוואָרען דער ק—ער נגיד, אַ יוד פון אַ פּאָר „זעקליך״ און אפשר טאַקי דריי. עס האָט איהם אַ פנים פערשאַדט דאָס לייגען זיך מיט אַ פולען בויך אין בעט אַריין באַלד נאָכ׳ן עסען. אונזער נחום׳צע דער רופא איז געקומען מיט דעם קליפּערגעצייג, איהם געשטעלט באַנקעס, געזאָגט, נישקשה, עס וועט איבערגעהן, מען ברויכט איהם מאַכען אַ... און ער, דער נגיד, שרייעט: ניין! נאָכ׳ן פעלדשער שיקט, נאָך מיין הערשעלען, ער איז אַ מומחה! נישט אַנדערש, ווילט זיך איהם, ווי הערשעלע, אונזער געוועזענער שטאָדט רופא אַמאָל. — און אָט דאָס פאָהרט עס אַצינד, אין אַזאַ וועטער, קיין ס—ק מיכל חנה־דאָבעס, און ס׳איז ביי איהם שטאַרק אָנגעלייגט, שווערט ער זיך מיט שבועות, פאַרוואָהר זאָל איהם גאָט אַזוי העלפען ווי אָנגעלייגט ס׳איז איהם, וואָס ס׳האָט זיך גראָד אַזוי בעדאַרפט מאַכען, יענער זאָל קראַנק ווערען, און איהם, מיכל׳ן, זאָל בעשעהרט זיין, אונטערצופיהרען דערווייל אַהין אין דער ישיבה אַריין, רב חיים׳ס עליו השלום, אַ זוהן, אַ בחור׳ל. סטייטש, ס׳טייטש, רב חיים, פששש! מיכל, זאָגט ער. האָט אַזוי־פיל האָר אין קאָפּ נישט, וויפיל ער האָט איבערגעפּאַרדינט פון רב חיים׳ן עליו השלום, ביי זיין לעבען! מיכל איז ביי איהם שטאַרק חשוב געווען, געוואוסט האָט מיכל פיל שטעדט׳ישע זאַכען, ווי טאַקסע, אַרענדע, דאָס יענץ און דעסגלייכען. און מניה־וביה טאַקי טאַפּט ער אַרויס פון דער בוזעםקעשענע אַ בריף. זעהסטו, זאָגט ער, דאָס פיהר איך פון איינעם צו צוויי ברידער, יונגעלייטליך, שרייבערליך, גאַנצע מאַכערס,

אין מאַגיסטראַט, אין די סאָנדען דאָרט, אַרום קהל'שע זאַכען. גאַ! קענסט איבערלייענען מיר, אַז דו ווילסט עס, נישקשה. עס שאַדט נישט גלאַט אַזוי זיך, צו וויסען. דער בריעף איז געווען צונויפגעלייגט, נאָר אַזוי פערמאַלט, נישט פער'חסמ'עט, אויבען אָבער אויף איהם איז געשטאַנען בחדר"ג און בחדר"ג איז גע-ווען אַמאָל ביי יודען שטאַרקער ווי טױזענט חתימות פון טריפוואַקס מיט'ן אָדלער. שלמה'לע, עס פערשטעהט זיך, וויל נישט לייע-נען — און דער בריעף איז אַריין צוריק אין מיכל'ס קעשענע.

זכות-אבות האָבען, ווי עס ווייזט זיך דאָ ווייטער אַרויס, פאַר שלמה'לען זיך געמיהט, נישט וועגען דעם אָנקומען זיינעם, בשלום קיין ס—ק אַליין, נאָר אויך וועגען בעקומען „טעג", וועגען געפינען לייטזעליגקייט און חן און נאָך אַנדערע גליקען דאָרט. ס'איז דאָ אפילו אַ סברא צו גלייבען, אַז דרינען האָט איהם אַביסעל געהאָלפען די סגולה פון איינעם אַ בעל-שם. די מעשה דערפון איז אַזוי געווען: מיט אַ קורצע צייט צוריק, בשעת שלמה'לע האָט זיך אויפגעהאַלטען אין ק—ער בית-המדרש, איז אַראָפגעפאַלען אַהינצו אין שטעדטיל איינער פון די געוועהנטליך אַרומפאָהרענדיגע בעלי-שמות — אַ יוד נאָך אין די מיטעלע יאָה-רען, אַ הדרת-פנים, אַ בלייכס, מיט אַ רבניש בייכעל און אַ קוק פון אַ פערטראָגענעם אין די עולמות העליונים. געגאַנגען אָנגעטהון איז ער אין אַ זיידענע קאַפּאָטע אויף אין דערוואָלען, אַריינגע-שטעקט די הענד טיף אין ביידע קעשענעס הינטען, וואָס איז אַרויסגעקומען מחילה זעהר בולט. און דאָס גיינגעל זיינס אַזוי, הין-און-הער ווי אַ קאַטשקע, האָט געהאַט דעם זיבענטען חן. גע-האַט האָט ער יריעות פאַרמעטענע, לאַנגע, געראָלטע ווי מגילות מיט אויסגעמאָהלטע גלגלים און משונה'דיגע קבלה'שע צייכענס, פון וואַנען ער פלעגט אַרויסזאָגען איטליכען זיינס ווי פון אַ ספר גורלות, געהייסען האָט עס, אַז אַ בריה צו „זיי" איז ער, זיינס אַ קמיע ווירקט. כּונ'ם מיידעל אין יענעם שטעדטיל דעם גלגול אַרויסגעטריבען, ווי דער וועלט איז בעקאַנט, דאָס האָט ער, טאַקי ער! פאַרברייננענדיג ווי אַ כלי-קודש, עפּטערס די צייט אין בית-המדרש איז ער אויפגעטראָגען געוואָרען מיט שלמה'לען, און איהם

געבריבט אמאל ווי א שטיקעל משמש. שלמה׳לע האט איהם גע־ פאלגט, איהם געקוקט אין מויל אריין מיט גרויס אבשיי. אזוי האט זיך עס געצויגען א פאר וואכען. פאר דעם אבפאהרען האט דער בעל-שם זיך געלאזט דערקענען צו שלמה׳לען מיט א מתנה— געגעבען איהם א סגולה נושא-חן צו זיין אין מענשענס אויגען, און אויך געהייסען איהם דערצו, זאגען תמיד דאס קאפיטעל כ״ אין תהלים. — אט — א-דאס האט שלמה׳לע גענאשט פונ׳ם בעל-שם פאר זיין טרחה מיט איהם. און מען וואלט אפשר געמעגט גלוי־ בען, אז דאס איז איהם אצינד בייגעשטאנען דעם בעל-שם׳ס סגולה. נאר, עט! גיכער טאקי לעגט זיך אויפ׳ן שכל זכות-אבות. עס איז דאך פארט זיין אלץ מיט א גאנג, על־פי דרך-הטבע!

## I.

פערפיהרט האָט מיכל חנה-דאָבעס שלמה׳לען, ווי דער שטייגער איז, אויף ק — ער אכסניא, און דאָרט — איז בעשייםפערליך שלמה׳לען בייגעשטאַנען זכות־אבות. דער בעל-אכסניא און זיין פרוי,ביידע גוטע, כשר׳ע נשמות, האָבען זעהר גוט געקענט רב חיים ק — ער, פאַר אַ געהויבענעם, לייטעשען מענשען, און דעריבער איז, אין זיין זכות טאַקי, ביידען איינגעפאַלען געבען דעם זהן זיינעם, דעם יתום, צוויי טעג: פרייטאָג און שבת!... פעהלען, הייסט עס, שלמה׳לען נאָך פינף טעג — העלפען דערצו ווידער טאַקי זכות-אבות! יעמצ יונגעלייט, צוויי ברידער, שרייבערליך, פון וועלכע ס׳איז דערמאָהנט געוואָרען פריהער, פלעגען זעהר אָפט אַריינשמעקען אין דער אכסניא, צו־זעהן זיך דאָרט מיט אורחים פון די שטעדטילדיגע מאָכערס, דערוויסענדיג זיך דאָ פון רב חיים׳ס בחור׳ל האָבען זיי איהם גאַנץ פריינדליך אַרויסגעוויזען ברייטוויליגקייט, איהם בייצושטעהן אין זיינע נויטען מיט וואָס נאָר מעגליך, איינמאָל טאַקי צוליב זיין פאָטער, ער, עליו השלום, האָט עס ביי זיי כשר פערדינט; והשנית, ווילען זיי דער-

פילען די בקשה פון דעם און דעם געוויסען שטאָדט-מענשען
וועגען איהם טאַקי, צווישען נאָך אַנדערע ענינים אין דעם בריף
זיינעם דורך מיכל-חנה-דאָבעס, וואָס ער האָט זיי ערשט נישט
לאַנג עס אָבגעגעבען. דער שפּיץ פון דער הבטחה איז געווען —
מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, צוויי טעג ביי צוויי זייערע בעקאַנטע.
אין שטאָדט אָנגעזעהענע מענשען. אייגער גאָר אַ נאָהענטער זייע-
רער. אויך אַ נאַכטלעגער, אַ אָרט אויף נעכטיגען. שלאָפען הייסט
עס, ביי זייערען אַ גוטען ברודער. מילא איז גוט. אַ, איז דאָך
די קשיא. „וכי תאמרו מה נאכל״? — איז דער תירוץ: נישקשה,
גאָט איז אַ טאַטע! בעדאַרף זיך שלמה׳לע דערמאָהנען גראָד אין
יענטען—זיינעם אַ קרוב׳ס אַ קרובה, הייסט עס שטיקלעך מחותנים.
דערפרעגט ער זיך צו איהר און טרעפט זי זיצען אין מאַרק ביי
אַ טישעל מיט געבעקס און נאַשערייען — עפּעס מיני בײגלעך,
ארץ-ישראל-עפּעלעך אַזוינע וכדומה. נעהמט זי איהם אויף, דאָרט
טאַקי, נעבען טישעל מיט די מולטערס, ווי אַ אייגענעם מיט אויס-
פרעגען זיך אויף איטליכען פון דער משפּחה בעזונדער, מיט אַ
גדולה, אַ פרייד און מיט אַ אויסריידען פאַר איהם איהר שווער-
ביטער הארץ, מיט אַ רחמנות-פּנים און לסוף מיט אַ זיס-פריינדליך
שמייכעלע: קיין טאָג, בחור׳ל, קען איך דיר נישט געבען, אַז
שטענדיג ווי דו זעהסט, היגע איך דאָ ביי די מולטער, אין
דער היץ אין דער קעלט, זומער און ווינטער. טאָמער ווייסטו
וואָס? קוים-קוים וואָס מען דערנעהרט זיך, וואָס מען זיפּעט.
נאָר וואָס דען? אַלע מיטוואָך קום צו אַהער, צו מיר, וועל איך
דיר געבען אַ ברויטעל וועסטו האָבען צועסען דעם טאָג. און איך
וועל זאָט זיין מיט דער מצוה. דו הערסט? — אַלע מיטוואָך!...
ביי מיינעם אַ בעקער, אָט ביי דעם, וואָס איך נעהם דאָס גע-
בעקס, וועל איך פּרוּוען אַ שמעק טהון. ער אַליין איז אַ יוד, אַ
אָרימאַן, אַרבייט מיט שווייס פאַר צוויי, און טיילט זיך מיט דעם
ביסען מיט אָרמע לומדים, קלויזניקעס, ישיבה-בחורים, איטליכען
טאָג מיט אַ אַנדערען. איז אויב נאָר איז ביי איהם דאָ איין
טאָג אַ פרייער, אָך, מעגסטו זיכער אויף איהם רעכענען. קו-
רצפּאַטעס וועסטו ביי איהם נישט עסען, ער האָט נישט, אָבער

ברויט מיט קרופניק יאָ. ער וועט נאָך מיט גרויס הנאה דיך אונטערטרייבען, אַלץ עס, עס! — איז וואָס-זשע זאָג איך? יאָ, געדיינק-זשע, אַלע מיטוואָך! דערוויל טאַקי נאַ אַ ברויטעל אפשר, וועה איז מיר, ביסטו הונגעריג, נעהם נאַרעלע, נישקשה, שעהם זיך נישט!...

עס האָט נישט לאַנג געדויערט איז שלמה׳לע געווען פערזאָרט מיט אַלע טעג. טאַקי ווי מען זאָגט: טאָג — לרבות הלילות, אויך נעכט, און דאָס איז זעהר אַ גרויסע וויכטיגע זאַך, וואָס לאַו כל הישיבה בחורים זענען זוכה דערצו. וואַלגערען זיך דאָרט אויף טיש און אויף בײנק מיט קולאַק צוקאָפּענס, נישט האָבען קיין רוה בײ נאַכט פון אָנליידען זיך, אָנעסען זיך אַמאָל אַ טאָג מיט צרות; נישט אויסשלאָפען זיך געננג די נעכט נאָך גענוג שווערע תעניתים, זעהר אָפט הונגעריגע טעג, און כאַפּען נאָך אַ פייכט, נאַס קישעלע אין קאָפּ. אויך אַ אונטערגעלאָזטע „פּאָנפּע״ אונטער דער נאָז פון בחורים שטיפערס, קונדסים — דאָס איז אַזאַ אָבקומעניש, וואָס ערגערס דערפון האָט אויך דער גיהנם נישט. הײנט ווי גליקליך איז דעריבער שלמה׳לע געווען נישט געפּריוועט צו ווערען דערמיט, וואָס ער האָט געהאַט אַ אָרט צו נעכטיגען, גערוהט און געשלאָפען ווי אַ פּריץ.

ווי אַ פּריץ מיינט מען פונדעסטוועגען נישט אַ הויז אַ פּאַלאַץ, אַ שלאָפצימער מיט טייער בעטגעוואַנד און נאָך אַנדערע שענע גוטע זאַכענישען דערצו, ניין! דאָס הויז, וואו שלמה׳לע האָט געהאַט נאַכטלעגער, איז געווען דוקא אַ קליינס פון אַ דרייצימער מיט אַ ברייטער „לעזשאַנקע״, אַ באַנק-אויבען הייסט עס, ווינטער וואַרם, מחיה דערויף צושלאָפען, און געשטאַנען איז עס פּערריקט, דוקא אין אַ הינטערגעסעל, וואָס נישט צו-צוטרעטען אַהין בשעת אַ בלאָטע. נאָר ווי רוהיג, נחת׳דיג איז געווען דאָרט אינוועניג, ווי פרידליך צווישען זיך האָט געלעבט דאָס גוטע-ליבּהאַרצדיגע, קליינע הויזגעזינד! דער בעל דבית פּנ׳ם הויז אַ הערצליך גוטער אָרענטליכער, וואָס ווייט זיין-גלייכען צו געפינען, אַ מענש אָהן אַ גאַל און פון גאָט געבענשט מיט אַ לאַנגער נאָז, וואָס דערפאַר האָט ער אין שטאָדט געהייסען „ש... דער נאָז״

נישט צו קריינקען איהם דערמיט חלילה, נאָר גלאַט אויס ליב־שאַפט — אַלע האָבען איהם ליב געהאַט און ער אַלעמען. ש... איז בטבע געווען אַ ריהרעוודיגער. דער שטייגער גאַנג זיינער אין גאַס פלעגט זיין גיך־געשווינד, ווי ער לויפט אין איין אָטהעם עמיצען נאָך. איינער אַ לץ, אַזוי דערצעהלט מען, קומענדיג אַמאָל איהם אַקעגען כאַפּט איהם אָן ביים נאָז מיט אַ זאָג: רב ש... איהר יאָגט זיך ודאי נאָך אייער נאָז? נאַט אייך זי!

דאָס הויז ש—ס איז געווען אָבגעטיילט מיט אַ בעזונדער קאָרידאָר און מיט אַ ווענטיל פון נאָך אַזאַ הויז, ביידע טאַקי אונטער איין דאַך. יענץ הויז איז בעשטאַנען פון צוויי היבשע צימער, אין וועלכע עס האָבען געוואוינט ווייבער — ש... ס אַ שוועסטער מיט קרובות, אין דער צווייטער — אַ שכנה, פון וועלכע עס וועט נאָך אויסקומען פיל צו ריידען שפּעטער. דערווייל מוז געזאָגט ווערען, אַז אין דעם הויז איז געווען, אַ יאָהר־מנין מיט אַ ספר־תורה פאַר אייגענע געצעהלטע מענשען, צווישען וועלכע עס זענען אַריין פאַר אַ בעלוינונג יעדען חודש עטליכע געהויבע־נע בחורים פון דער ישיבה, אַריסטאָקראַטיע, קען מען זאָגען, די סמעטענע פון זיי. ווי באַלד די גאַנצע זאַך האָט זיך געווענדט אין ש... האָט ער צווישען די בחורים אַריינגעדרעהט אויך שלמה׳־לען. אַזאַ עליה, טיטעל הייסט עס, אַזאַ שענע בכב׳דיגע פרנסה פאַר אַ ניי־אָנגעקומענעם נפש האָבען די אַלטגעזעסענע, אויסגע־ריבענע ישיבה־בחורים נישט געקאָנט פערדייען — און דעריבער טאַקי האָט דער עלטסטער פון די רעדעלפיהרער, דער „פינסקער״ ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט זיך אַזוי צושריגען, אויסגעלאָזט דעם כעס אויף שלמה׳לען, און דעריבער האָט „חאַרט״, דער צווייטער פון די רעדעלפיהרער, דער „קלעצקער״, מכבד געווען שלמה׳לען מיט אַ פייכטע שמאַטע!...

## ח

ברצות ד׳ — זאָגט דער פסוק — אַז דער אויבערשטער בע־וויליגט דרכי איש, די וועגען פון אַ מענשען, גם אויביו, איז אויך זיינע פיינד, ישלים אתו, מאַכט ער פרידליך מיט איהם נישט דוקא פלעה, הינד, ווי די חכמים זאָגען, ווערען שלום מיט דעם בעגליקטען, זיי בעפאַלען איהם נישט, בייסען איהם נישט, נאָר אויב אַפילו, אָדער בעסער צו זאָגען — אַ פשיטא שוין מענשען. דעם אָרימאַן — איז דאָ אַ ווערטעל — האָבען אַלע ברידער פיינט, און פיל זענען דעם רייכענס פריינד. געווס עמ׳צען פון טויער און טהיר קריכט מען פאַר איהם אויף אַלע פיער, שלמה׳לע, וואָס דאָס מזל האָט איהם געשפּיעלט צו בעקומען טעג מיט נעכט אויף עסען און שלאָפען, האָט אויך מיט דער צייט בעקומען חן און לייטזעליגקייט, אין די אויגען פון אַלע ישיבה־בחורים, אַפילו די אַלטגעזעסענע דאָרט האָבען זיך געלאָזט איבערבעטען און איהם אין חברה אַריינגענומען. „חאָרט״, אַ ווייס־חברה׳ניק, אַ מזיק אויף נאַסע שמאַטעס צו־וואַרפען, ״פאָנפעס״ אונטערצולאָזען, איינער אין דער וועלט, האָט זיך קאָמפּאָנייעט מיט **שלמה׳לען — לערנען**

ווי אַ חבר מיט איהם צוזאַמען, האָט עס געהייסען. „חאָרט״ איז, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, געווען בטבע אַ דימענט, אַ גאָלדענער כאַראַקטער מיט הייסע טיף אין-זיך פערבאָרגענע געפיהלען פון רחמנות, פון ליעבשאַפט, וואָס פלעגען אָפט אַרויסשפּרודלען אין אַ פּערעל-ציטערדיגע טרעהר אויף די אויגען, און אַ שטיל-אומעטיגען קרעכץ אויף די ליפּען — אַ גאַנץ וואויל בחור׳ל נאָר אַנ׳אָרעמס, אַ עלענדעס נעביך. אָט פון די דאָזיגע גליקען, פון עסען און טרינקען אין געזעלשאַפט, האָט זיך שלמה׳לען נישט געלערענט. עס האָט איהם פערפיהרט אין דער זייט וועג פון דער תורה, וואוהין ער האָט פריהער געוואָלט און האָט בעדאַרפט קומען, אמת טאַקי, אַזוינע גליהען משטיינס געזאָגט, אויף אַלע שונאים געזאָגט געוואָרען, דאָך אָבער זענען „טעג״ — אַפילו אין קיך, אין גלות ביי אַ בייזער קיך-יודענע, פּאָרט בעסער ווי פּת במלח, ברויט מיט זאַלץ, אַ שיטערער קרופּניק בעסער ווי מים במשורה, וואַסער אַביסעל, שלאָפען אויף אַ וואַרימער „לעזשאַנקע״ פיל בעסער ווי ועל הארץ תישן, ווי אויף דער הוילער ערד שלאָפען, און ליידען אַמאָל דאָס יענץ, צו-וואָס אַ זאַטער זינדיגער מענש האָט חשק, איז אַלץ בעסער ווי איידער, אַ ביטער לעבען פון אַ הונגעריגען, אַ נויטבעדערפטיגען.

פון שלמה׳לעס לעבען אין ס—ק, וואָס האָט זיך געצויגען איניאיינעם אַ פּאָר יאָהר לערך מיט אַ הפסקה און דערמיט, לוינט זיך צו פערהאַלטען מעהר-ווייניגער אַביסעל נאָר אויף געווויסע שטעלען. די איבעריגע זענען עט! נישט געלעבט נאָר עפּיס אַ שפּראָצען ווי אַ געוועקסען — אַ אָטהמען אַ מאַכען מיט די זייטען, מיט די אויגען און אַ קאָכען, אַ פערדייען פונ׳ם מאָגען, אַ לעבען גלאַט אַזוי זיך אָהן אַ שום בעוואוסט-זיין, וואָס לאָזט נאָך זיך נישט איבער קיין זכר פון אָרט און צייט, נישט אָנחויבענדיג גאָר צו ליגען אינ׳ם געדעכטעניש.

שלמה׳לע געדיינקט יענע ווינטערדיגע פאַרנאַכטען אין דער ישיבה. די זון האָט, נאָך איהר מרה שחורה׳דיגער קורצער רייזע, זיך געזעצט אין אַלערליי קאָליערען-שפּילענדיגע, איהר אויפן וועג זיך גראָבליך אויסציהענדיגע וואָלקענס. די לעצטע שטראַהלען

איהרע רייסען זיך אריין אינעווייניג אין דער ישיבה דורך די דיק-פערפרווירענע פענסטער און פלאטערען א קעגען אויף דער וואנד מיט דעם גאנצען אָבגעסטעמפעלטען אָבגלאנץ פון צוויי-פערטילדיגע און פון פראָסט מיט עפּיס מיני געצאצקעטע, פער-מאהלטע שויבען. אין דרויסען ברענט, סמאליעט דער פראָסט. אינעווייניג אין שטוב איז קאלט-טונקעל. די פונאנדערגעגאנגענע בחורים הויבען ערשט אָן איינציגווייז זיך צענויפקומען. איטליכער רייבענדיג די הענד און מאכענדיג א-א! אין אויבען הייצט זיך. צוויי בחורים — פון די פערבליבענע, איינער עפּיס א שלימזול, גאר אָהן א „טאָג", און דער אנדערער פונ'ם „טאָג" האָט מיט זיך גע-בראכט אויף וועטשערע עטליכע קארטאָפעל, זיצען אויף די קניה ביים אָפענעם טהירעל, א קעגען דעם פייער, אכטונג געבענדיג איטליכער צו זיין זידענדיגען טעפּעל, וואו עס יאָגט זיך א גרויס נאָך א גרויס, ארויף-אראָב מיט א רוגזא, א טיאָכקען; טיאָך, טיאָך, ט'אָך! דאָס פייער קנאקט, בעלויכט זייערע פנים'ער און פון די, וואָס ארום זיי. א שטארק זיך-צעפלאקערענדיגע שייט-האָלץ שטעקט ארויס פונ'ם אויבען דעם עולם לאנגע פלאָם-פייערדיגע צינגלעך, אויסשיסענדיג האָפערדיג, הארט ביים טהירעל, מיט גליהענדע קויהלען, און אויסבלאָזענדיג לסוף פיפ-פ-פ א תקיעה גדולה! עס ווערט וואַרעם, דער עולם האָט הנאה. פערברייינגט די צייט מיט מעשיות, מיט זאָגענישען, מיט גלייכווערטלעך, די בחורים פון די טעפּלעך נעהמען זיך צום עסען — שטעהט אויף, יודען! — ווערט א געזאָגעריי — קריאת-שמע יודען, אין א גוטער שעה! די כהנים געהן אריין עסען תרומה, זופען זייער קרופּניק!... און די בחורים זופען, ארבייטען געשמאָק, בעגלייטען איטליכעס לעפעל פונ'ם טעפּעל צום מויל מיט א שיר פון די לעפצען, אָנמאכענדיג אויף די צוקוקער א וואלפישען אפּעטיט. מען קראצט זיך, מען בע-לעקט זיך פאר גרויס חשק, מיטוואָך געוועהנטליך זיצט דאָ שלמה'לע אויך, אין דערמיט, און עסט תרומה פון ברויטעל, וואָס יענטע די מארק-זיצערין פלעגט איהם דעם טאָג געבען, ער עסט עס זעהר ערנסט, בכונה, עפּיס מיט א „לשם יחוד", היטענדיג זיך, ווי א שמורה'ניק, עס זאָל חלילה נישט אראָבפאלען קיין ברעקעל—

אָט דאָס ברויטעל איז באמת טייער, עס דאַרף בעוויליגט זיין כמנחה על מחבת ווי אין פוטער אַ געפּרעגעלטער פּאַנקוכען, טהייערער פונ׳ם בעסטען „טאָג״, בעטראַכטענדיג זיך, מיט וואָס פאַר אַ הייסע ליעבשאַפט צו גאָט און צו זיין תורה, דאָס דאַזיגע ברויטעל איז געגעבען געוואָרען. אַ פּאָר טויבען. אַ קרבן פון אַ אָרימאַן, איז ביי גאָט אָנגענומען ווי דאָס פעטע רינד פון בשן—דאָס לעצטע האָט דער אָרימאַן געביך איהם אַוועקגעגעבען!...

## ט.

און צום לערנען איז אַפּעטיט ביים עולם בחורים דוקא ניט אַזאַ גרויסער געווען. דער מאור־התורה האָט פון שיעורים, פון די בלעטליך גמרא, ניט אַזוי העל אַרויסגעלויכטן, אַזוי גע־וואַרעמט ווי פון די טרוקענע שייט־העלצליך, פלאַמענדיגע אין אויבען. עס האָט געראויכערט, געשפריצט, געבלעזעלט, ווי נאַ־סע האָלאָוועשקעס, פון אייז־קאַלט חריפות און וואַסערדיגען פלפול. דער למוד איז ניט געווען און טאַקי גאָר פון לכתחילה נישט געגאַנגען מיט אַ פלאַן פון אונטען אַרויף שטופענווייז, בהדרגה. די בחורים, נישט זיי זענען געווען אַ גוטער אויסגע־אַרבייטער מאַטעריאַל, צוגעפּאַסט צו דער זאַך, וואָס מען האָט געלעהרענט, נישט זיי האָבען זיך געריימט צווישען זיך איינער מיט דעם אַנדערען. ס'איז געווען אַ אויסמישעניש פון פערשי־דענע שטאַנדען און כאַראַקטערען, אין מענשליכקייט, אין פער־שטעהן וואָס גוט, וואָס שלעכט—אַ ערב־רב פון חדרים, תלמוד־תורות, ישיבות און קלויזען. קיינער פון זיי האָט קיין געדאַנק געהאַט נישט פונ'ם תנ"ך און אויך נישט אַפילו פונ'ם חומש,

פון וועלכען מען האָט אַמאָל העכסטענס געלערענט די ערשטע פרשה פון יעדער סדרה. הײנט ווי אַזוי־זשע, פרעגט זיך. איז אַ מעגליכקייט געווען שטעלען אַ אויבערשטען עטאַזש — די מינדליכע תורה שבעל פה, תלמוד הייסט עס, אַז דער אונטערשטער עטאַזש — די שריפטליכע תורה, תורה שבכתב, הייסט עס, הויבט זיך נישט אָן און האָט זיך גאָר נישט אָנגעהויבען צו זיין? און אָט דערפון האָט זיך גענומען פיל זעהר נישט קיין גוטע זאַכען: דרעהדליך, פאַלשע פשטליך, מאַטערניש, קאַפּברעכעניש, קוועטשעניש, נישט־פערשטעהעניש און פערלירעניש דערנאָך אינגאַנצען דעם חשק צום לערנען, אַרויפוואַרפענדיג זעהר אָפּט די שולד אומזיסט־אומנישט אויף דער אומשולדיגער גמרא, אַז זי פערדרעהט אַ מוח, שווער צו פערשטעהן וואָס זי וויל! ביי אַזאַ צווייגאָרענדיגען דת, נעמליך: פון דער שריפטליכער און מינדליכער תורה, ווי די יודישע איז, וואָס די ביידע זענען צווישען זיך געקניפּט און געבונדען. איינע אָהן דער אַנדערער שווער צו פערשטעהן, בעדאַרף מען זיין, אויב נישט משוגע, אַ ווילדער שוטה צו בעהויפּטען, אַז דער גאַנג לערנען אין אונזערע צייטען איז אַ גלייכער, און דער חדר, ווי ער איז איצט און געווען אין שלמה׳לעס צייטען — איז דאָס יודישע פאָלקס־שול, — ניין! שוין בלויז דער נאָמען „חדר” ווייזט ווי פונקט פערקעהרט ער איז פון די פאָלקס־שולען גאָר אין די פריהערדיגע דורות. די פאָלקס־שולען דענסמאָל ביי זיי האָבען געהייסען בתי־ספר, לעהר־הייזער. הגם ווי די בתי־ספר זענען איינגעריכטעט געווען, איז דייטליך מיט אַלע איינצעלהייטען אין תלמוד נישט אָנגעוויזען, נאָר פון זעהר פיל צעוואָרפענע שטעלען דאָרט, ווי אויך פון דער פּראָגראַמע זייערער, איז זעהר גרינג זיך עס פאָרצושטעלען. די פּראָגראַמע זאָגט: בן־חמש שנים למקרא, פון פינף יאָהר־אָן זאָל דאָס קינד לערנען פסוק, די הייליגע שריפט ביז דעם עלטער פון צעהן יאָהר, און לויט די פוסקים, זיין אַ בקי אין זיי מיט די אַלע דקדוקים. בן־עשר שנים למשנה, פון צעהן יאָחר אָן זאָל ער לערנען משניות, ביז׳ן פופצעהנטען יאָהר, פינף יאָהר הייסט עס. בן־חמש עשרה לגמרא, ערשט דערנאָך פונ׳ם פופצעהנטען

ביז דעם צוואַנציגסטען יאָהר זאָל ער זיך בעשעפטיגען מיט דעם לערנען גמרא. הייסט עס אַ פנים אַזוי: די צייט פונ'ם לערנען בכלל איז געווען אַ פיפצעהניעהריגע, צו פינף יאָהר אויף איט־ליכען קורס. די שולען זענען געווען צווייערליי 1) אָנפאַנגס שולען פאַר קינדער — תינוקות של בית רבן, דרדקי. די דאָזיגע שולען האָבען געהייסען בתי ספר, די מלמדים — סופרים, ספריא, וויל זיי האָבען געלעהרענט דאָרט תורה שבכתב, די הייליגע שריפט אין „ספרים", און 2) הויכשולען פאַר תלמידי חכמים, צורבי מרבנן. אַזוינע שולען האָבען געהייסען ישיבות, בתי מדרש. די מלמדים — ראשי ישיבות, חכמים, חכימיא. געלערענט דאָרט האָט מען תורה שבעל פה, משנה און גמרא, די מינדליכע תורה, און דוקא אויסוועהניג, קוקענדיג דעם רבין אין מויל אריין, נאָכזאָגענדיג אַלץ אין זיין נאָמען, מיט זיין לשון, און אויך אין דעם נאָמען פון אַנדערע חכמים.

לויט אזאַ פראָגראַמע און אַזוינע לעהר־הייזער האָט גע־מוזט געפאָדערט ווערען א) אַז די תלמידים זאָלען איינגעטיילט זיין, כפי דעם גראַד קענטעניש און דעם יאָהר פונ'ם לערנען זייערס, אין כתות, אָדער קלאַסען אין איין שול־הויז, און אויב עס איז נישט מעגליך איז אין בעזונדערע שול־הייזער; ב) אַז מחיוב צו גרינדען אַזוינע לעהר־הייזער, פאָלקס־שולען, איז די געמיינדע, איטליכע שטאָדט, הייסט עס — זי האָט געזעצט מלמדים, וועלכע האָבען געטויגט צו זייער זאַך. נישט יעדער, ווער עס וויל ווערט אַ מלמד, נאָר אַזעלכער, וואָס ער איז אַ „בעל יראה, מהיר לקרות ולדקדק", אַ גאָטספאָרכטיגער, אַ געשיקטער, אַ וואויל־לעהרנער. אַכטונג צו געבען אויף די מלמדים און די לעהר־הייזער האָט די געמיינדע געהאַט דערויף אַ סופר דמתא, אַ שטאָדט מלמד, אַ אַרט אינספעקטאָר, אָדער אַ אויבערלעהרער, וואָס האָט געלעהרנט, געעפענט די קורסען פאַר מלמדים. ג) גע־האַלט דעם מלמד און דעם בעהעלפער זיינעם, ריש דוכנא, וואָס די שטאָדט האָט צוגעזעצט צום מלמד, אין פאַל אַז ביי איהם אין שול איז נעווען מעהר פון פינף און צוואַנציג תלמידים, ווי אויך דעם סופר דמתא, איז גענומען געוואָרען מקופת הקהל,

פון קהל׳ס געלד. אָט דאָס איז אין קורצען די געשיכטע פון די פאָלקס־שולען, לעהר־הייזער, ביי אונזערע עלטערען אַמאָל אין יענע צייטען פאַר יודישע קינדער. אָרים און רייך אַלע גלייך. פונ׳ם נאָמען „חדר״, וואָס הייסט אייגענטליך „קאַמער״, „צימער״, וואו היינט קנעלט, זיצענדיג אין ענגשאַפט, מ׳שטיינס־געזאָגט אַ מלמד — איז אינ׳ם גאַנצען תלמוד אַפילו קיין זכר נישטאָ. „חדר״ — אַ קעמעריל אויף קנעלען, גלאַט אַזוי זיך אָהן אַ פּלאַן, ווי אונטער׳ן פריפּעטשעקיל פאַר היהנער אויף קוואָקען, איז באַלד ביים אָנהויב זיינעם געווען אַ ירידה, אַ צוריקפאַל צום ערגסטען. עס האָט זיך געמוזט אָנהויבען שפּעטער ביים צוזייעט־צושפּרייעט זיין אין גלות, ווען די ליכטיגע זון פונ׳ם יודישקייט האָט זיך פערטונקעלט פון פינסטערע וואָלקענס; ווען דער בונד פון יודישע אַחדות האָט אָנגעהויבען שוואַך צו ווערען; ווען די ערציהונג איז מכמה טעמים אַרויס פונ׳ם רבים, פון דער געמיינדעס הענד, אין די הענד פון יחידים. דענסטמאָל האָבען בעהעלפערס, (ריש־דוכנאָ, חזניא) אָנגעהויבען ווערען ספריא, מקרי־דרדקי מלמדים, מקרי דרדקי. ספריא ווערען חכימיא, גמרא־מלמדים. אין דער אַלטער יודישער פּראָגראַמע ווערט אַ תהו־ובהו, פון בתי־ספר, לעהר־הייזער ווערט אַ „קעמעריל״, אַ חדר. מלמדות ווערט אַ געשעפט, איטליכער מלמד מיט זיין חדר. אויס השגחה, אויס קאָנטראָל, קיין סופר דמתא, אַ אויבערלעהרער איז נישטאָ. רייכע, פערמעגליכע בעלי־הבתים, הויבען־אָן צונויפשטעלען, מאַכען אַ חדר בעזונדער פאַר זיך, און אָרימע — יתומים, עלענדע, ווערען אָבגעזונדערט אין תלמוד־תורות, פונקט ווי אָרימע קראַנקע אין הקדשים — ביידע מיט אַ ווירדיגען, הייליגען נאָמען און מיט אַ אומווירדיגען, מיאוס־פערשוועכטען תוכן, ביידע פערוואָהרלאָזט, פערשטויסען, אַזוי אַז זיי זענען געוואָרען צום געשפעט אָון צו חרפה ביים עולם. אַ תלמוד־תורה׳ניק, האָט מען געוואוסט, מוז ווערען אַ טויגעניכטס, און אַ קראַנקער אין הקדש מוז שטאַרבען. די האָפנונג פאַר זיי איז פערלויר׳ן, קיין לייט פון זיי וועט שוין נישט ווערען. ערשט היינט, אין דער לעצטער צייט, האָט מען זיך אָנגעהויבען אַרומקוקען. אַ היבשע

טהייל תּלמוד־תּורות, איבערהויפּט אין די גרויסע שטעדט, שטעהט שוין, ברוך־השם, אויף אַ גוטער מדרגה, מיט אַ סדר־הלמוד, אַ פּלאַן, ווי נאָר מעגליך איז, אָבער דער פלעק — די אָפּטהיילונגען אָרימע קינדער פון רייכע, איז נאָך אַלץ טאַקי געבליבען. אַ טהייל מלמדים ווידער, אַרומקוקענדיג זיך היינט, ווי ס׳איז נישט אויסצושטעהן ביי זיי פון דער קאָנקורענץ; ווי פיינליך דאָס לערנען איז מיט פערשידענע כּתּות, דערצו נאָך דער גרויסער חסרון פון זייערע אייגענע קליינע קענטעניסען פאַר אַ גרעסערע כּתּה; ווי שווער די מלחמה איז אַ קעגען די פאָדערונגען פון דער צייט; און ווי מיאוס ס׳איז נישט יוצא צו זיין, נישט פאַר גאָט, נישט פאַר לייט, נישט פאַר׳ן פאָלק ישראל — אויך זיי, די מלמדים אַזוינע, פאַלען אַצינד אויף אַ שׂכל, צו מאַכען פון עטליכע חדרים, וואָס יעדער פאַר זיך איז אַ פערמישטער, ערבוביא־חדר, איין לעהר־הויז בשותּפות, גוט איינגעריכטעט ווי ווייט מעגליך, און צו לערנען מיט אַ פּלאַן, איטליכער מלמד מיט זיין כּתּה, אין זיין חדר, קלאַס הייסט עס, צו־וואָס ער טויג. סימנים פון לעהר־הייזער הויבען, אמת, זיך אָן צו בעווייזען, אָבער מיט שוועריגקייטען, מיט שטערענישען פון אינוועניג און פון דרויסען. דאָך בעדאַרף אונזער עולם דערצו זיך צוקוקען, און זיך נעהמען מיט זיינע מיטעל, אונטער זיין השגחה, איינאָרדענען ווידער יודישע פאָלקס־שולען מיט תּורה און חכמה, אַלגעמיינע, פאַר אָרים און רייך אַלע גלייך, האָבענדיג פאַר די אויגען דעם דאָזיגען אייזערנעם כּלל, אַז איטליכע נאַציע, איטליכע צייט, איטליכס לאַנד האָט צו איהרע בעדערפענישען, צו איהרע פּרנסות גוט־צוגעפּאַסטע פאָלקס־שולען.

---

און די ישיבה מיט די ישיבה־בחורים אינגאנצען ווי זיי זיינען, מ׳שטיינס־געזאָגט, האָבען ווי אַ גרויסער מיט גרינגראָז בעדעקטער זומפּף ביסליכווייז, ביסליכווייז טיף אין זיך אריינגעצויגען שלמה׳לען ביז צום פערלירען דעם קאָפּ, דעם ווילען, דעם חשק צום לערנען און דער תכלית זיינעם. פונ׳ם קומען אין פערבינדונג מיט דעם גאַנצען פעקעל חברה־לייט ווערט ביי איהם אין האַרצען געבוירען פרישצאַפּעלדיגע תאוות—פערשוואונדען מיט זיי אינאיינעם די צייט מעשה־יונגעל אין אָפּטע אונטערהאַלטונגען, פלוידערייען, גערייעדערייען וכדומה יונגעלשע זאַכען אַזוינע, צו וועלכע ער האָט זיך מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען.

געזעלשאַפט איבערהויפּט, אַ כלל מענשען הייסט עס—האָט ווי אַ מטבע צוויי זייטען. איין זייט איהרע ווירקט אויף דעם פּרט, אויפ׳ן יחיד נישט צום בעסטען דערמיט, וואָס זי איז אויסען אויף זיין פערזענליכקייט—בערויבענדיג איהם די זעלבסטשטענדיגקייט זיינע. זי נעהמט ביי איהם־צו דעם יושר, דאָס

געוויסען, מאַכט פון זיין צונג אַ לעדערנעם דישעל און ברייננט איהם דערצו, מבטל צו זיין זיין ווילען פאַר יענעמס ווילען, אין דער איינבילדונג פון עפּעס אַ טובה, עפּעס אַ הנאה, וואָס איהם דאַכט זיך דורכדעם צוהאָבען. די תאוה פון חניפה פון, צביעות וואַקסט אויס אַזוי גרויס, אַז ביי איהם ווערט רעכט, צו מאַכן פון זיך אַ שמאַטע, צובאַסעווען דער כנופיא און צו־פאַרקויפען דעם פאַרשטאַנד פאַר אַ טאָפּ לינזען, וואָס איהם חלומ׳ט זיך דערפאַר. אַנדערש איז דער מענש פאַר זיך אַליין, אַנדערש איז ער כמעט תמיד אין געזעלשאַפט. דאָרט איז ער נאַטירליך, ווי ער איז, ווי גאָט האָט איהם בעשאַפען, און דאָ איז ער אַ צווייפּנימדיגער, פאַרשטעלט און פאַרמאַסקירט. די שלעכטע זייט פון דער געזעלשאַפט איז, קען מען זאָגען, דעם יצר־הרע׳ס. אָט דאָ זיצט ער עס זיך אין זיין פערבאָרגעניש, ווירקט ווי אַ פאַרפיהרער אויף דעם מענשען, איינגעבענדיג איהם שאַרפע רייצענדע מיני תאות אין גרויסע פּאָרציעס עס זאָל איהם ריהרען, בריהען, צוקאָכען דאָס בלוט, און עס זאָל זיך איהם גלוסטען־גלוסטען האַנדלען, ריידען פון זיין הנאה וועגען, לויט איהם דאַכט זיך אין דער הייסער שעה. מעשה־שטן נעהמט איהם אָפּ דאָס מויל, דער שכל, ער בעצויבערט איהם פאַרבלענדעט איהם, נישט צוקוקען אין דער זייט פון זיין געג־נער. פונ׳ם יצר־טוב, וואָס שרייבט איהם פאַר זיינע מיטעל וואַ־סערדיגע, אָהן טעם, אָהן ריח, פון „באַבסקי אַלט־פעטערישע״ מוסר־קוואַלען אויף אָפּצוקיהלען איהם און שטילען זיינע געבליי־טען, דער אמת אָבער קומט אַרויס פון זיי ביידע אינ׳איינעם. תאות פון כל־המינים פון דער וועלט, דאָס זיינען די בעווע־גונגסקראַפט אין דעם מענשען. די טרייבפעדער, די פרוזשינע צו אַלע זיינע אונטערנעהמונגען. אַ מענש אָהן תאות אָהן אַ יצר־הרע, איז אַ שיף אָהן רודער, אַ גולם, אַ נבלה. דער יצר־הרע היצט, היפּעט און גיט אונטער דעם חשק, און דער יצר־טוב איז דער רעגולאַטאָר, ברעכט און שטעלט דעם צופיעל היצי־גען חשק אין דעם ריכטיגען גראַד, אין דער געהעריגער מאָס. נישט קיין מלאך, נישט להבדיל קיין בהמה איז דער

מענש, דעם זינדיגען מענשענ׳ס גרויסקייט בעשטעהט אין תאות און ברעכען די תאות!

נאָר דאָס אַלץ איז געוועזען גערעדט געוואָרען ביי אַ דערוואַקסע־נעם מענשען, אַ גרויסען וואָס דאָס לעבען האָט איהם אויסגע־אַרבייט, אָפּגעהאַרטעוועט אין דער מלחמה מיט אַלערהאַנד אומ־שטענדען און אַלערליי אָנשיקענישען. אָבער ווי קען עס אַזוי־שטרענג געמאָלט זיין ביי אַ זעלכען ווי שלמה׳לע אינגאַנצען נאָך אַ הייסבלוטיג יונגעל. וואָס שטעהט עם כל־הנערים, מיט ווייסע־חברהניקעס ביי דער שוועל פונ׳ם לעבען און האַלט ערשט ביי „מה טובו״... אַז ער זאָל שוין זיין אַ כובש את יצרו, ברעכען דעם יצר־הרע פון הבלי העולם, וואָס מאַכען איהם פאַרגעניגען, האָבענדיג אין זינען נאָר די גמרא און תכלית זאַכען.

נאָך גאָר אין־אָנהויב, האָט דאָס אַריינטרעטען שלמה׳לעס אין דער ישיבה אָבגעהאַקט די פליגעל פון דער פריהער פליה־ענדער פאַנטאַזיע זיינער, דערזעהענדיג פאַר זיך דאָרט דעם ערב רב פון נאָהענט און ווייט צונויפגעלאָפענע בחורים, פאַר־וואָהרלאָזטע, פאַרשידענע אין זייער אויפפיהרונג און אין דעם שטייגער לערנען, נישט מיט קיין סדר, נישט מיט קיין פלאַן. ער איז געקומען אַ הער אין דער דעה צודערגרייכען דאָ אַ הוי־כען גראַד אינ׳ם לעבען;

אין דער האָפנונג צוגעפונען דאָ נייע, גוטע חברים, צווישען וועלכע ער וועט זיך נישט פיהלען אַזוי געפאַלען, פאַריתומ׳ט ווי צווישען די זייניגע ביי זיך אין שטעדטיל. עס האָט איהם זיך פאַרגעשטעלט גרויס נחת, פיל פרייד און פריינד־שאַפט מיט בחורים-מתמידים, וואוילע, בעגערענדיגע לערנען. זיי וועלען איהם אויפנעהמען ברידערליך, לעקען די פינגער פון זיין קענען פסוק, קלאָהר ווי אַ וואַסער, און ער זיי וועט ליעב־האָבען פונ׳ם גאַנצען האַרצען. שלמה׳לעס נשמה בטבע איז דער עיקר איהרער בעשטאַנען פון ליעבע און פריינדשאַפט. זי האָט ווי דאָס פייער צום קנויטעל זיך געצויגען און געדאַרפט אין עמיצען זיך צו־צוקלעבען. קוים זיך צוגעקלעבט ... זי געוואָ־

רען אַ טייל פון יענעם, האָט געטרענט, געשיינט, דאַכט זיך געלעבט מיט זיין לעבען. נאָך אַזאַ עלענד, נאָך אַזאַ פאַרפרעמד־קייט אין דער היים איז ביי שלמה׳לען אָנקומענדיג מיט אַזאַ געבראָכען האַרץ, שוין רעכט געווען דערנאָך אָנצוכאַפּען זיך אין די ישיבה־בחורים וועלכע ס׳איז, נישט איבערצוקלייבען.

אָבער אומזיסט די מיה—זיי האָבען פאַר איהם זיך געהיט, אַזוי ווי פאַר פייער. פאַר וואָס? פשוט ווייל רויע האָלץ וויל זיך ניט אָננעהמען! אָט דאָס איז ביי אונז מענשען די שנאה פון אַ עם־הארץ צו אַ למדן... שלמה׳לעס גוטע מעלות זיינען ביי זיי געווען פאַררעכענט פאַר חסרונות. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז ער נעהמט זיך איבער דערמיט, ער איז אַ אָפּגעפּייפט מענ־שעל, אַ שענע מורנו און קוקט אויף זיי אַראָפּ מיט גדלות. אַ חוץ דעם נאָך האָט זיי געשטאָכען זיין גליק—וואָס דער אוי־בערשטער האָט איהם באַגליקט מיט „טעג”, צוגעשיקט איהם אַ באַכטלעגער, אַ מניך, אָהן קיינעמ׳ס הילף. אַנ׳אויפגעקומענעם איז מען אַזוי טאַקע מקנא, נאָר אין האַרצען האָט מען איהם פיינט, מען רעדט־אָפּ פון איהם צווישען זיך אַלדאָס־בייז. בעזאָנדע־רענ׳ס פיינט האָט שלמה׳לען געהאַט דער רעכטער רעדעל־פי־רער, דער „פינסקער” בחור, מיט די געל גרין ברייטע ציין ווי די לאָפּעטעס. איהם האָט זיך אין שלמה׳לען געדאַכט עפּעס ווי פריקרע, עפּעס נישט געפּאַסט צו, עסק זיינעם. אין שלמה׳לעס געגענוואַרט האָט ער זיך געפיהלט, ווי דער פעסט־זיצענדער טשוואָק אין וואַנד, וואָס ריקט זיך, קריכט, נישט ווילענדיג, פאַמעליכען אַרויס פון זיין שטעלע, קומענדיג אין בעריהרונג מיט אַ מאַגניט. אָט אַזוי האָט עס געהאַלטען תחילת צווישען שלמה׳לען מיט דעם פעקיל חברה־לייט. נאָר די צייט טהוט זיך איהר׳ס, מאַכט אַלע איבערקעהרענישען אין דער וועלט.

## 9.

שלמה׳לעס פּערליהרען אַלץ וואָס ווייטער די אַכטונג זיינע צו דער בּאַהרונג, צו דעם שטייגער לערנען אין דער ישיבה; אויך דאָס שטאַרקע לעכצען זיינס נאָך פריינדשאַפט, דאָס זוכען חברים און צוגעלאָזענקייט פון זיין זייט; ווידער־זשע די אַלץ שוואַכער־שוואַכער, אויסגעוועפּט געוואָרענע שנאה בּיי חברה פון דער אַנדערער זייט — האָט מיט דער צייט צונויפגעפיהרט, דערנעהנט די דערווייטערטע. חברה נעמט אַריין שלמה׳לען צו זיך! „חאָרט" כאַפּט זיך אָן, ווערט מיט איהם חבר. איינער צום אַנדערען ווערען זיי צוגעקאָכט, נפש־אחת, בּיידע אַרבּייטען מעשים צוזאַמען. בּיידע געהן שלינג־און־שלאַנג צוזאַמען און בּיידע טהוען דעם רצון פון׳ם „בחורץ" דעם גרעסטען אין דער כנופיא! שלמה׳לע ווערט בּיי חברה אַ חשוב, מען לויבּט איהם אין טאָג אַריין: ס׳איז נאָך אַזאַ חברה־מאַן גאָר נישטאָ, אַ שטיל וואַסעריל, דאַכט זיך, און גראָבּט טיף! עס געהט אַזוי ווייט שלמה׳לעס חשיבות, בּיז ער דערגעהט העט־העט אַזש צו דעם „בּייטעל", צום קהל׳שען בּייטעל! דאָס הייסט, דאָנערשטאָג און פרייטאָג

לאָזט זיך געהן צונויפנעהמען נדבות אינעם ליינוועטענעם ביי־טעל דער רבי מיט שלמה׳לען איבער די הייזער. נישט אומזיסט חלילה, נאָר פאַר ח״י גראָשען, אַ קאַסע געלד ביי ישיבה־בחורים! הייסט עס אַפּנים, שלמה׳לע פערדינט, ברוך־השם, חברה לאָזט איהם־צו אַ פערדינסטעל. היינט ווייטער: אויף די „זיצונגען״ ביי דעם וואַרימען אויבען און פאַר׳ן פייערעל ביי די זידענדיגע טעפּלעך קרופּניק, ביי געבאַקטע און געקאָכטע קאַרטאָפלעס די ווינטערדיגע פאַרנאַכטען — פערנעהמט שלמה׳לע דאָס שענסטע אָרט. ער רעדט אַליין, רעדט ער, און האָרכט זיך־צו צו חברה־לשון: צו די מיינונגען, מעשיות און שמועסען דאָרט. עס פאַלען המצאהלעך, גלייכווערטלעך איבער בעלי־הבית׳טעס, קיך־אידענעס, דינסטמיידלעך, איבער דער אכילה און קוגלען, נאָך וועלכע זיי זענען אַזוי שטאַרק להוט, אויך איבער די שיעורים און דעם לימוד וואָס זיי נעהמען עס אין מויל נישט, איבער לומדים, ראשי־ישיבות, משולחים, משגיחים, מאַכענדיג פון זיי אַלע אַשפּה. קורץ און גוט, שלמה׳לעס לעבעדיגע נאַטור, נאָך פריינדשאַפט לעכצענדיגע נשמה לאָזט זיך וואָס ווייטער־ווייטער אַריינציהען פונ׳ם יצר־הרע אין חברה. ער פיהלט זיך שוין נישט עלענד צווישען זיינע נייע חברים און ווערט ווי זיי אַ עכטער „פּאַטראָן! פּאַטראָן — דאָס האָט געהייסען פטור פון פיל זאַכען אין דרך־ארץ אין יודישקייט. שלמה׳לע ווערט פטור פונ׳ם פלייסיגען לערנען, אויך פונ׳ם תנ״ך, וועלכען ער האָט אַזוי געקענט נאָך פון דער יוגענד; פטור אויך פונ׳ם דאַווענען, וואו ס׳איז דאָ אַזויפיל הערצליכקייט, אַזויפיל טרייסט, הימעלשע ליבליכקייט, אַזעלכע גייסטיגע בייַנקונגען, פייערדיגע פערבינדליכקייט מיט קודשא־בריך־הוא און זיין שכינה, ווי ער האָט עס דרינען פריהער געפונען בשעת׳ן אויפהאַלטען זיך אינ׳ם שטעדטיל ט—ץ, דאָס ערשטע מאָל צווישען חסידים. ער ווערט פטור פון נאָך און נאָך זאַכען, נישט מאַכענדיג זיך דערויס אַזאַ וועזען. מיט אַזויפיל קניפּלעך, נישט מיט אַזויפיל קניפּלעך ציצית, מיט מעהר פעדעם מיט ווייניגער פעדעם — עט! איז עס ביי אַ פּאַטראָן, אַבי ציצית. יאָ געוואוסט, נישט געוואוסט וואָס מען דאַווענט —

מילא נו, בע, נישקשה! עס געהט ווי אַ מזמור, גיך־געשווינד, נישטאָ קיין צייט. אַ טאַפּ דעם של־יד, אַ קוש די פינגער און — פותח את ידך! אַ בויג דעם קאָפּ און — ברכו! מיט אַלע פינף פינגער די האַנד אויף די אויגען און אֶחָ־חָד! אַ שפרונג, אַ העצקע און — קדוש, קדוש! אַ קלאַפּ אין האַרצען און — אשמנו! אַ שפיי־אויס — און פטור. חאַסיה גיטע, גיט פאַר אַ נראָשען צע־קאָכטען אַרבעס! חאַסיה גיטע — דאָס איז געווען אַ הויכע בע־טאָגטע יודענע, זעהר אַ גוטע, וואָס פלעגט אַלע אין דער פריה נאָך דעם דאַווענען קומען אין דער ישיבה, שטעלענדיג זיך ביי דער טהיר, מיט אַ הייסען, אין אַ שמאַטע איינגעוויקעלטען טאָפּ, ווי אַ טייג צוקאָכטען אַרבעס, אויף וועלכען די אָרעמע בחורים פלעגען זיך מיט אַ הייס־הונגער וואַרפען ווי די בינען אויף האָניג.

אַ חוץ די אַלע אויבענדערמאָהנטע תאוות שלמה׳לעס, וואָס מיט חברה, איז די תאוה פון „נעכטיגען" געווען אויף דער קוואַרטיר ביי איהם, אויך זעהר גרויס. עס האָט פאַר איהם, אין די גרויסע פרעסט כמעט זומערדיג־געקליידעטען, געוואַרט אַ מחיה־וואַרעמע „לעזשאַנקע", דערויף צושלאָפען דאָרט. דערצו נאָך פלעגט זיך איהם גלוסטען זעהר שטאַרק הערען די שמועסען און די שענע מעשיות פון די בני בית, וואָס אויסטהוענדיג זיך, איטליכער פון זיינע טאָג־געשעפטען אין שטאָדט, פלעגען זיך צולאָזען אַביסעל תענוג אין אַ שמועס איבער דעם, איבער יענעם פאַר׳ן שלאָף, מיט אַ ממרא, אַ פזמון און קונדייסקע שטיק־לעך צווישען זיך. ווי אַ יוד אין אַ תענית גלוסט צו דערלעבען נאַכט און נעהמען אין מויל אַריין עסען, אַזוי האָט שלמה׳לע זיך געצויגען צו דער וועטשערע אויף זיין „טאָג", אָבעסען דאָרט און געהן אַהין, אין זיין רוה אַריין. תחילת הלילה, ווען די ישיבה־בחורים האָבען געוועהנטליך זיך אויסגעזעצט אַרום די לאַנגע טישען, אויף וועלכע עס האָבען געברענט טונקעל מיט אַ רויטליך פייערעל דינע, זיך שמעלצענדיגע חלב׳נע ליכטלעך— האָט שלמה׳לע און „האָרט" זיין חבר פון יוצא־וועגען זיך גע־שאָקעלט איבער דער גמרא קידושין (מען האָט דענסטמאָל אין

דער ישיבה געלערנט קידושין) מעהר גערעדט ווי געלערנט, אונטערזינגענדיג מיט דעם גמרא־ניגון און דרעהענדיג מיט'ן גראָבען פינגער, פערטיפט אין אַ שמועס און כלומרשט אין דעם מאָרגענדיגען „לייענען" אַזוי: „אין ארוסה בת ישראל אוכלת"— אַ ארוסה, זאָגט־נאָך „חאָרט", אַ ארוסה, אַ בת ישראל אוכלת עסט— ניין, עסט נישט! וואָס זאָגסט דו, גוי אייגער? אין, שטעהט פריער, אין אוכלת בתרומה.—אַהאַ! טהוט זיך חאָרט אַ כאַפּ, אַ בת ישראל אוכלת עסט נישט... אַ ביסעל ווייטליך אַפילו דער „אין".— ווי מיינסט־דו, „חאָרטיקעל", נאָך ווייט צו וועטשערע?... זאָג־זשע, זאָג עד שתכנס לחופה ביז זי וועט, מיין איך, אַריינגעהן אויף דער לעזשאַנקע שלאָפען, מיין איך... נאָך אַמאָל: אוכלת בתרומה, מיין איך, אין אוכלת, עסט נישט—אַי, וויל איך עסען, ווילט זיך מיר אָבעסען... און אויסגלייכען, ווילט זיך, די ביינער"!

אָט אַזוי האָבען די חברים האַלב ווי געלערנט, האַלב געשמועסט—און באַלד טאַקי טפררו! אויס שאָקלען זיך. אויסגעשמאָלצען, אויסגעגאַנגען זענען די ליכטלעך, פערמאַכט ווערען די גמרות, און—אַ גוטע נאַכט, הישיבה־בחורים נכנסים געהן אַריין אויף די „טעג" לאכול וועטשערע!...

דאָס הויפט-אָרט אָבער דעם יצר-הרע'ס, וואו ער האָט, ווי אַ געניטער יעגער אין פערבאָרגעניש, „געלוגט פון זיין האַרבריג" אויף שלמה'לען, אַריינצוציהען איהם אין זיין נעץ, איז געווען— הערט אַ מעשה—אין דעם הויז, וואו שלמה'לע, אַ אָרים-בחור פונ'ם שטענדיגען מנין האָט דאָרט געדאַווענט!

דאָס הויז אינגאַנצען, אַ אַלטס, אַ נידעריגס, איז בעשטאַנען פון אַ פּאָר-הייזעל און צוויי היבשע ליכטיגע צימער, פונאַנדערגעטיילט דורך אַ בשותפות'דיגען גרויסען אויוועז, צו קאָכען און באַקען אין איהם, און געהאַט גענוג אָרט פאַר צווייען צו שלאָפען אויבען אויף איהם. איין צימער פון די ביידע, ביסעל אַ גרעסערס, האָט פערנומען אַ פאַמיליע פון פיער פערשוין, לויטער ווייבער— אַ מוטער מיט צוויי טעכטער. איינע אַ יונג ווייבעל, די צווייטע אַ אַלט מיידעל און אַ שנוהר, נאָך אין די יונגע יאָהרען. אָט דאָ האָט עס דער מנין געדאַווענט. נאָך וועמען? דאָס מאַכט איבער־

הויפט קיינעם פון בעשטעלטע דאַוונערס נישטאויס. מען צאָהלט—
נו, זאָל זיין געדאַוועט. וואָס פאַר אַ דאגה זיי האָבען? מען צאָהלט
פאַר אַ קדיש — זאָגט מען. מען וויל אַ פרק משניות — לערענט מען.
אפשר פערלאַנגט מען נאָר תהלים — אָך, אויך סחורה! משונה
האָט אין פלונק אויסגעזעהען נאָר דאָס, עפּיס ווי געדאַוועט נאָר
אין אַ ווייבערשער שול — אַ שטוב מיט ווייבער! און וואו, רבונו
של עולם, זענען עס די מאַנען? אָט דאָס גראָד האָט זיך יאָ
געוואָרפען אין די אויגען, און די ערשטע צייט נישט געלאָזט
שלמה׳לען רוהען, דעם גאַנצען דאַווענען אַלץ געטראַכט, געטראַכט,
אויסגעשפּיגען, געמאַכט אַ פרום פּנים׳ל — און ווייטער טאַקי גע-
טראַכט. מיט דער צייט אָבער האָט עס איהם זיך אַרויסגעוויזען
גאַנץ פשוט: די מוטער האָט נישט קיין מאַן — איז אַ אַלמנה.
דאָס יונגע ווייבעל, איהר טאָכטער, האָט אַ מאַן, נאָר ער האָט
זי אַוועקגעוואָרפען — זי איז נעבעך אַ עגונה. די שנוהר, איהר
זוהנס ווייב, האָט-און-האָט-נישט קיין מאַן, ער דרעהט זיך אַרום,
צי ער קנעלט ערגיץ-וואו אין וואָהלין, אין די ווייטע מקומות
דאָרט — איז כמו אַזוי ווי אַ עגונה, און דאָס מיידעל איהרס נישט
קיין געראָטענע נעבעך, פונקט ווי די אַלע ווייבער דאָ זענען
תנ׳עוודיגע, פון אַ שען אויסזעהן פיין געשטאַלט, אַזוי איז עס
באַבקעוואַטע, צעקראָכען, אָהן אַ געשטאַלט — אַ מויד, אַ בגורות
אָהן אַ מאַן. די שנוהר אין דער דאָזיגער פאַמיליע האָט אָנגע-
הערט שואל דעם נאָז אַ שוועסטער, בכן זענעןביידע פאַמיליעס
געוועזן נאָהענטע מחותנים, און טאַקי געלעבט צווישען זיך פריינד-
ליך ווי אייגענע און ווי גוטע שכנים. שלמה׳לע, ווי אַ בעשטענ-
דיגער „נעכטויער״ אויף שואל׳ס „לעזשאַנקע״ איז ממילא אויך
געווען אַ שטיקעל מחותן מיט דער ווייבערשער פאַמיליע, וואו
ער האָט ליב געהאַט צו פערברייגען אַ מאָל די צייט און אַריינ-
צולאָזען זיך אין אַ ווייטען, פערשטעלטען שמועס מיט זיי, און
אָנהערען זיך מעשיות איבער דאָס, איבער יענץ, איבער ביטערע
געמיטער און שווערע הערצער, אַממיינסטענס האָט איהם אינטע-
רעסירט די אלמנה. דאָס איז געווען אַ בעלייבטע, אַ בעטאָגטע,
נאָך גאָר קיין מעשה נישט פון אַ יודענע, מיט אַ קלוגען קאָפּ

פון אַ ערענסט אויסזעהן ווי אַ מאַנסביל — אַ מירעלע אפרת! אין
ליטא זעגען דאָ, ווי ס׳איז בעקאַנט, פיל ווייבער בריות, אשות-חיל,
פּרנסה-געבערענס, פיהרען געשעפטען, האַנדלען, זיצען אין קראָ-
מען, און די מאַנען זיצען אין קלויז און לערנען. נאָר אַזוינע
ווי די אלמנה איז אויך דאָרט אַ זעלטענהייט. זי איז אַמאָל, אין
איהר צייט געווען, קען מען זאָגען, אַ לאַנד-סוחר׳טע, אויסגעוויען
אַ וועלט, אָנגעשפּאַרט אויף די גרויסע ירידים, ווי אַ שטייגער:
ועלווער, באָריסעווער, פּאַלטאַווער, אויך חאַרקאָווער יריד אַפילו
וכדומה. זי האָט איבערגעהאַנדעלט מיט דעם, מיט יענעם פון די
בעריהמטע סוחרים מאַנופאַקטוריסטען, אַ מבינ׳טע געווען אויף
צעלניק, אויף וועבעל, אויף מאָסקווער און דעם דייטש׳ע שניט-
סחורה. אויף איהר׳ס אַ וואָרט האָט מען געשטעלט, האָט זי גע-
זאָגט איז געזאָגט, געזאָגט: קויפט — איז געקויפט! טאָמער ניין! —
איז ניין! פּריוועך אפשר אונטערקויפען זי, ווי געוועהנליך צווי-
שען סוחרים — חס-ושלום!... דערצעהלען פלעגט זי עס אַמאָל ביי
אַ געלעגענהייט שטיל-געלאַסען, אויף אַ הייזעריקליכער שטים, אין
אַ רוהיגען-גלייכמעסיגען טאָן, אַזוי אַז איהרע ווערטער האָבען זיך
געשאָטען ווי פּערעל, נישט מיאוס-ווערענדיג שעה׳ענלאַנג זי צו-
הערען. געוועהנטליך אָבער פלעגט זי זיצען שווייגענדיג אין איהר
ווינקעלע, אַרויינקוקען אין איהרע ספרים — אין טייטש-חומש, אין
קב-הישר, מנורת-המאור, מיט אַ פּאָר אַלטע שפּאַקולען, אָנגערוקט
אויף דער שפּיץ נאָז, און צייטענווייז פלעגט זי, אָברייסענדיג די
אויגען פונ׳ם ספר, אַריבערקוקען איבער די שפּאַקולען גלאַט אַזוי
אין דער וועלט אַריין, פערטראַכט, ערנסט, און דער שטאַרער
בליק איהרער האָט מעהר ווי גערעדט געלאָזט הערען, וואָס געהט
פיר טיעף אין איהר נשמה, דאָס פערטראַכטקייט איהר׳ס פלעגט
אָנשטעקענד איבערגעהן אויף שלמה׳לען. עס האָט איהם זיך גע-
דאַכט, אין דעם „אויגענבליק״ לעבט זי איבער איהרע פּאַסירונ-
גען אַלץ-מיטאַנאַנדער, און פערטראַכטערהייט זיך געלאָזט אין
די ווייטע ערטער, אין די רוישענדיגע האַנדעלפלעצער נאָך
איהר, ווער לערנען, וואָס לערנען. וואו ישיבה? אַהער-אַהין —
אויפ׳ן הימעל אַ יריד!...

## ט.

דאָס אָבער איז נאָך ניט אינגאַנצען, ס'איז נאָך דאָ עפּיס אויך אַ צימער פאַר אַ שכנה — אַ שענע יודענע אין די מיטעלע יאָהרען, אויך איינע אַליין, אָהן אַ מאַן, ניט אַ אשה, וואָס דער מאַן איז אַוועק למדינת הים, זי געמאַכט פאַר אַ עגונה; אויך ניט אַ אשה, וואָס דער מאַן קנעלט ערגיץ אין וואָהלין. חלילה! ער איז דוקא דאָ, אין שטאָדט, ער האָט זי דוקא ליב און איז, דאַנקען־גאָט ניט קיין מלמד, וואָס־זשע דען? ער איז אַ „מעגש״— אַ משרת הייסט עס ביים ס—קער גביר! נישקשה, ניט אַזאַ בושה. אַ סך בעל הבתים, וואָס האָבען דאַכט זיך הייזער, וואָלטען זיך געמעגט ווינשען זיין „מענשן״, אַזאַ שטעלע פון אַ משרת. עפּיס אַ קאַטאָוועס אַזאַ גביר, אַזאַ פאַרנעהם מיט אַזאַ נאָמען, וואָס הערט זיך ווייט אַרום און אַרום!—און אָט דאָ, ביי דער דאָזי־גער שכנה אין קאָרב פון שפייז, איז עס דעם יצר־הרע'ס בע־העלטעניש, דאָס בעסטע אָרט צוליגען אויף שלמה'לען, אַריינצו־נאַרען איהם צו זיך!... די מעשה פאָדערט צוליב פיל וויכטיגע זאַכען אַ ביסעל אַרומגערעדט צו־ווערען.

מען זאָל זאָגען היינט אַ שטיינער—אַ גביר, אַ פּאַרנעם, מיט וועלכען עס קלינגט די וועלט, קען מען גאָר אנדערש ניט מיינען ווי אַ גרויסער באַנקיר, וועלט בריהמטער פאַבריקאַנט, אַ מיליאָנער, וואָס פאַרמאָגט שרפ״ט מאָל שרפ״ט אלפים. דאָס הויז זיינס איז אַ פּאַלאַץ מיט אַ מחנה בעדינטע, אַ שווייצאַר מיט גילדענע קנעפּלעך און טרעסטען ביי דער טהיר, קיין אָרימאַן, נישט נאָר ער איז ניט זוכה אַריבערצוטרעטען די שוועל אַהין, עס קומט איהם אַפילו גאָר שוין ניט אַרויף אויפ׳ן געדאַנק שמעקען אַהינצו, אָנווענדענדיג אויף איהם און זיין גלייכען דעם פסוק, בשעת מעשה אַ מאַכגעבענדיג מיט דער האַנד—אל תּבטחו בנדיבים, קוקט ניט אַרויס אויף די דאָזיגע לייט! אין קאַרגשאַפט, פונדעסטוועגען, קען מען זיי בשום אופן ניט חושד זיין, אדרבה, פאַרקעהרט, ווער נאָך אַזוי ווי זיי וואַרפט אויף וואָס און וואו אַפילו מען בעדאַרף ניט פולע הויפענס מיט געלד. בעלי־צדקות זענען זיי גרויסע. דער עיקר אָבער איז אויף כלל־זאַכען—אַ שפּיטאָל אַ שטייגער, עטליכע בעטליך דאָרט, אַ צוים אַרום בית־עולם, אַ קלייזעל, אַ בעדעל להבדיל ולהדומה, עס זאָל איבערעש׳ן. ווערען בעוואוסט, דערגעהן וואוהין מען בעדאַרף, צדקה אויף כלל־זאַכען האָט אַפילו מעלות—ס׳איז מסוגל צו אַ נאָמען, צו אַ טיטעל, מען ליגט אין מויל פון אַ רבים, אַפילו ביי אַזעלכע, וואָס זיי איז דערפון ניט קאַלט ניט וואַרעם. מיט יחידים אָבער טהון חסד—אונטערהאַלטען אַ געפאַלענעם, אַ נויטבעדערפטיגען, אַ מטופל מיט קינדער, איז אַ אַרויסגעוואָרפענע זאַך. קען מען דען—זאָגען זיי, האַלטענדיג זיך ביי אַזאַ פּרינציפּ—קען מען דען איטליכען קבצן בעזונדער פאַרזאָרגען, אויף איטליכען בטלן רחמנות האָבען? מיט דעם רחמנות וועט מען איהם, אדרבא, נאָך מעהר פערדאַרבען, זאָל ער ניט זיין קיין טויגעניכטס, קיין מיוחס ביי זיך; זאָל ער ניט קינדלען אויף יענעמס קאָפּ! אפילו צו אַזעלכע, וואָס האָבען אַוועקגעלייגט דאָס געזונט, טאַקי אין זייער געשעפט, איז אויך ביי זיי דער אייגענער פּרינציפּ—זאָלען אַזוינע קבצנים, אַזוינע מענשליך ניט זיין קיין עזות־פּנים׳ער!

און וואָס אַזוינס צו גאָט, צו זייער פאָלק! דערפון איז

דאַכט זיך איבעריג צורייד׳ען. גאָט בעדאַרף דאַנקען פאַר דעם מענטליק, וואָס אַזעלכע גרויסע ווי זיי, טהוען איהם אָן, צודער־מאָהנען אַ מאָל פון יוצא וועגען זיין נאָמען. דאָס פאָלק מעג זיך איבערנעהמען, זיך בעריהמען, פויקען אין די בלעטער, וואָס אַזעלכע־געהויבענע לייט, קאָזערען, טויזען, שמעקען צו איהם אַ מאָל, שטעהן אין געוויסע צייטען אין זיינע ד׳ אמות!...

וואָלט אַ יוד פון אפשר אַ ק״ן, רי״ש אלפים אַדומים; אַ יוד אָהן אַ שום טיטעל, אָהן אַ זילבערנעם מעדאַל אַפילו, ניט קיין באַנקיר, ניט קיין פליהער, ניט קיין מאַכער, ניט קיין הועלטענקעהרער; אַ יוד, וואָס דער האַנדעל זיינער איז בעשטאַנען פון חלב אַ שטייגער וכדומה אַזוינע אַרטיקלען, און נישט ווייטער דאַכט זיך געגאַנגען ווי ביז קרעמנטשוק; אַ יוד, וואָס די נעשעפטסלייט זיינע, יודען מיט בערד און פאות און לאַנגע קאַפּאָטעס, האָבען געהייסען „מענשען״, „משולחים״, „נאמנים״— וואָלט אַזעלכער, פרעגט זיך, גאָר כדאי געווען היינטיגע צייטען, מען זאָל פון איהם ריידען?—געוויס ניט!... אַזאַ ענטפער וואָלט אויסגעקומען הערען לויט יענע פאָרשער, וואָס בעהויפּטען, אַז אַלסדינג אונזערס פון פאַרצייטענס ביז אַצינד איז בסך־הכל אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, און ווען מען זאָל זיך ניט געווען חס־ושלום כאַפּען היינט, בעצייטענס אָנהויבען מיט יודען „אלף־בית״ פון־דאָס־ניי, ריידען מיט זיי דבורים, פשוט מיט׳ן לשון „ברחל בתך הקטנה״ קוקט ניט אַהינטער, רב יוד, געהט, רוקט זיך, זייט מוחל, ווייטער־ווייטער, אייער דאָברע־מזל ליגט דאָרט אין־פאָראויס — ווען נישט דאָס, הע־הע וואָלטען זיי ניט ווערטה געווען, וואָס זיי לעבען גאָר אויף דער וועלט!

דאָ אָבער ביי אונז איז ניט קיין מאָדנער מאַגאַזין מיט ניי־מאָדנע חקירה־ספרים פאַר היינטיגען געהויבענעם עולם, נאָר אַ אַנטיקוואַריש קלייטעל פאַר דעם אַלטפּעטע, אין יודישען עולם; אַ מין מוזעאום מיט אַלטוואַרג פונ׳ם אַמאָלדיגען לעבען, ווי אונזערע עלטערען האָבען געלעבט, געהאַנדעלט צווישען זיך, און געפירט־זיך אין דער היים ביי זיך. זייער בליק אויף מענשען און מענשליכקייט, זייער יראת־שמים און זייער גאַנג אין

צדקה־װאַלען, און צװישען די אַלע אַנטיקען דאָרט פאַרנעהמט מיט רעכט דעם ס--קער גביר, רב יונה, זעהר אַ שען אָרט.

קוקט איהם אָן אײנגאַנצען מיט זײן הױז, מיט זײן פּיה־רונג. בעטראַכט איהם און מאָלט איהם!

אַ הױז אַ הילצערנעם, אײנגאָרענדיגעס, מיט אַ גאַניקעל אױף עטליכע טרעפּליך די הױך בײ דעם אַרײנגאַנג, און אַ שורה מיטעל־הױכע פענסטער, גלעזערנע אױגען, איהם פון בײ־דע זײטען קוקט אַרױס, אין אַ גרױסען, אַרומגעצױמטען הױף. און אַזױ טאַקי, מיט דעם נאָמען „רב יונה׳ס הױף“, הײסט אין דער שטאָדט די װאױנונג זײנע. אין אײן זײט הױף שטעהט זיך אױסגעבױט זעהר אַ שענע שול, אַ בית־מדרש הײסט עס. דאָרט דאַװענט אַ גרױסער עולם—די פון דער משפחה און אױך זײטיגע יודען. דאָרט זיצט אױך יונג און אַלט און לערענט טאָג װי נאַכט. אַזױ איז עס געװען בחײו, און אין זײן זוהנס צײט שפּעטער — אַ מנין יודען לומדים, זקנים און יונגע לײט, זענען אױף שכירות געזעסען שטענדיג און געלערענט. שכירות האָט אױך בעקומען אַ ראש־ישיבה פאַר דעם זאָגען דאָרט אַלע פריה מאָרגען נאָכ׳ן דאַװנען אַ שיור גמרא מיט מפרשים פאַר׳ן עולם לומדים.

פרײטאָג־צו נאַכט בעקומט דער הױף עפּיס גאָר אַ נײ אױס־זעהן, אַ יום־טוב׳דיג פּנים, אַ גרױסער אַ לאַנגער עמוד־אש פון פיל ברענענדיגע ליכט אין שול, אין הױז, שטראַהלט אַרױס דורך די פענסטער און בעלױכט, צושפּרײטענדיג זיך איבער׳ן הױף, אין איטליכס װינקעלע. עס פיהלט זיך עפּיס װי די גור־טע מלאכים, דעם אױבערשטענס דינער, געשיקטע פון הקדוש־ברוך־הוא אין הימעל, שװעבען אַרום דאָרט, אָבװאַרטענדיג דעם גביר מיט זײנע קינדער בײם אַרױסגעהן פון שול, צובעגלײטען זײ אַהײם. דאָרט אין שטוב, אין אַ ליכטיגער גרױסע סאַליע שטעהן פאַר דעם הױזגעזינד און נאָך פאַר צעהנדליגער אורחים, אָרימע לײט, שענע יודען, שבת׳דיג געדעקטע טישען מיט אַל־דעם־גוטען — מיט בענש־ליכט אין דרײ, אין זיבען־רערעדיגע זילבערנע לײכטער, מיט טהײערע קרעדענצען פון פאַרפיר. װײן

פינקעלט, פערעלט-זיך אין געשליפענע,, בייכיגע, לאַנגהאַלזיגע פלעשלעך, אָבשיינענדיג זיך מיט אַלערליי רעגענבויגענדיגע קאָלירען אין קריסטאָלענע קידוש-גלעזלעך. פאַר יעדען פון די שפייזענדע בעזונדער ליגט אויף אַ שניי-ווייסען טישטוך אַ פּאָר פריש-שמעקענדיגע, ווי יונגע היתנדעליך, ערשט פונ׳ם איי, פּילענקע, געלענקע קוילעטשליך — לחם-משנה, אָנקוקענדיג דאָס אַלסדינג קומט-צו, דאַכט זיך, אַ נייע נשמה — די נשמה יתרה, מען פיהלט, אָט איז שבת, אָט קומט די ליבע כלה, אָט געהט מען איהר אַקעגען, מקבל פּנים זיין אין שול מיט אַ „בואי בשלום״, זינגענדיג דעם „לכה-דודי״ הויך אויף אַ קול מיט אַ ברען!

אויף אַזאַ אופן איז דער גביר יוצא געוועזן פאַר גאָט, און פאַר זיין תורה. ער איז אָבער, ווי אַנ׳איינוואוינער און ווי אַ יוד, אַ זוהן פון זיין פאָלק, אויך יוצא געוועזן אַקעגען דער שטאָדט און דעם כלל-ישראל. ער איז דרינען בעטייליגט געווען. גאַנץ געוויס, מיט זיינעם אַ גרויסען חלק. די צדקה זיינע פאַר׳ן כלל האָט, פונדעסטוועגען, ניט מוציא געווען דעם פרט, ווי מען איז מוציא ביי אונז יעגעם אַ שטייגער פון ברכה-מאַכען אויף ווייז וכדומה. דאָס הייסט, מיט די נדבות פאַר׳ן רבים האָט ער ניט אָפּגעפּטרט יענע נויטבעדערפטיגע יחידים, זיי האָבען גענומען ביי איהם די מטבע איטליכער בעזונדער, קבצנים פון אַלערליי מינים, דלפנים אַזוינע און אַזוינע, מיט טאָרבעס, אָהן טאָרבעס, נשרפים, עגונות, שלעפּערס מיט געשריפטסען פון רבנים, אָהן געשריפטסען — אַלץ איינס, יעדער האָט בעקומען זעהר פיין זיין גראָשען. וועד רעדט פאַר אייגענע, פאַר שטעדטישע ובלא יודעים, שטילע, „מתן בסתר״ הייסט עס, מיט עסען און טרינקען, גאַסטפריינדליך אויף אברהם-אבינו׳ס שטייגער.

אָט איז אַ בילד, ליבע יודען, אַ אַנטיקוואַריש בילד! היינטיגע צייטען אַ זעלטענהייט... קוקט עס, זייט מוחל, אָן!

דאָרט אינ׳ם הויף, גלייך אַקעגען דעם גביר׳ס הויז — איהר זעהט — איז אַ היבש געביי, אַ לאַנגס, אָהן פענסטער מיט אַ פּאָר גרויסע אָפענע, אָפּגעלעגטע טויערען, וואו איינער אונטערגעגאַרטעלט, די פאָלעס פאַרשטעקט די אַרבעל פאַרוואָרפען, מיט

אויסגגשטרעקטע הענד, נעהמט עפיס אין זעקעליך פון אינוועניג און דערלאַנגט אַ צונויפשטופּענדיגען עולם אין־דרויסען, מאַנס־בילען, ווייבער בעלאָדענע מיט פּעקליך, ליכטליך און פלעש־ליך—דאָס איז—איהר הערט ליבע יודען—דאָס איז אַ שפּייכלער, וואו עס געפינט זיך עסענוואַרג, אויך נאָך אַנדערע נויטיגע זאַכען, און פון וואַנען דעם גביר'ס אַ „מענש", אַ אויפזעהער דע־רויף, גיט אַרויס אַלע דאָנערשטאָג געוויסע אָרמעלייט אויף שבת. און געפאַלענע, אָבגעקומענע נעביך, אַזוי וואָס שעהמען זיך אָנשטעלען די האַנד, שיקט מען זיי אָב שטילערהייט אַ היים בכבוד.

קוקט אָן, יודען, ווייטער אַ ביסעל!

אין דער זייט הויף פאַרנעהמט דאָרט פּלאַץ אַ גרויסער פליגעל, פון די קוימענס איהען זיך זיילען רויך, משרתים, ווייבער, מיידלעך אין ווייסע פאַרטיכער, מיט טיכלעך רייגע־ווייסע בעדעקטע קעפּ, דרעהען זיך שטאַרק בעשעפטיגט, מיט כלים, טישצייג אַהין־אַהער, אַ מאַנספּערשוין אַ חויכער, אַ גע־זונטער—קוק איהם אָן—אַ יונג מיט ביינער, שטעהט אין דער טהיר. ער קאָמאַנדעוועט און לאָזט אַריין מענשען, וואָס קומען און געהן איינער נאָכ'ן אַנדערען—הערט אַ מעשה, וואָס אַ פער־צייטיגער גביר קען—איינפיהרען ביי זיך אַ קיך אויף קאָכען, באַקען און געבען דאָרט אַלע טאָג עסען הונגעריגע, מיט פער־מעגליכע, בית־המדרש'ניקעס עלענטע אָרימענקע, שוואַכענקע נעביך!...

יאָ, דאָס איז דעם ס—קער גביר'ס פּאַר אָרימע, הונ־געריגע אָפענע קיך! נישט צו מיינען דערמיט חלילה פּאַר זיך קיין כבוד, קיין שום בעלויבונג; נישט צו־דענקען אַפילו, אַז מען וועט מאַכען פון איהם אַ מאָל אַ בילד—אָט־אָ דאָס בילד!

און אָט יענער, וואָס קאָמאַנדעוועט דאָרט — דאָס איז דער שכנה'ס מאַן, יענע יודענע, וואָס וואוינט אין צווייטען צי־מער אינ'ם הויז פונ'ם מנין. דער מאַן איהרער, נישט קענענדיג זיך אָפּרייסען פון דער קיך, אַזוי פיל אַרבייט ליגט אויף איהם שטענדיג דאָרט, קומט נאָר איין מאָל אין דער וואָך אויף אַ

פֿאָר שעה אַהיים און ברענגט אָן פֿון כּל־טוב. דער קאָרב איז פֿול און פֿול מיט גוטע געשמאַקע זאַכען, וואוהין דאָס האַרץ און די אויגען שלמה׳לעס ציהען זיך, וואָס מעהר ער פּערזוכט דערפֿון, אַלץ שטאַרקער שטאַרקער. און דער יצר־הרע, דער אונ־דערהיטער, זיצט אַם־מיינסטען פֿערבאָרגען דאָ אין קאָרב צווי־שען די נאַשערייען, גיט פֿונדאַנען אונטער שלמה׳לען חשק צו־זיין דאָרט, וואו ער דאַווענט אַ שׂכוב מענש, אָבהאַלטענדיג איהם דערוייל פֿון לערנען.

## י״ג.

הייסט עס אַ פּנים אַז דער יצר־הרע האָט שלמה׳לען אַראָבּ־געפיהרט פונ׳ם וועג. פונ׳ם תּכלית זיינעם; ער האָט עס איהם אָנגערעדט צום שלעכטען, צו־פאַרברייגגען פאַר גרויס פריינד־שאַפט די צייט מיט גאָרנישט—מיט חברים און חבר׳טעס, די און יענע... צוגליסטען און עסען פונ׳ם קאָרב די ליבליכע, גלוסטיגע נאַשערייען! און וואָס נאָך? ער האָט עס איהם אַרויס־געשלאָגען פונ׳ם זינען די היים, דעם גן-עדן זיינעם קינדוויינ, די מוטער זיינע, אַ וויסטע אַלמנה מיט קליינע קינדער, יתומים נעביך. בכן איז־עס דאָך טאַקי עפּיס גאָר אַ מיאוסע מעשה!

אָט אַזוי וואָלטען, גאַנץ זיכער, געזאָגט און גוט אויס־געמוסר׳ט שלמה׳לען די נאָהענטע, געטרייע קרובים זיינע. נאָ־הענטע—אויף מעגען שיטען זאַלץ אויף די וואונדען; געטרייע—אויף שטעכווערטליך, מוסר־זאָגען. נישט תּמיד אָבער טרעפען די מוסר־זאָגער, נישט תּמיד טרעפט אויך דער יצר־הרע. אַלע בענאַרישען זיי זיך אַמאָל—עס קומט נישט זעלטען אויס פּונקט קאַפּויר; פערקעהרט ווי זיי האָבען געמיינט.

דאָס פאַרפיהרט־זיין שלמה׳לעס פונ׳ם יצר־הרע איז פאַר איהם, ווי עס דערווייזט זיך, גאָר אַ גליק געווען. עס האָט איהם דערהאַלטען ביים לעבען!

דאָס לעבען שלמה׳לעס באַלד נאָך דעם פאָטער׳ס טויט הויבט־אָן גרויען ווי נאָכ׳ן זונען־אונטערגאַנג ביים אָבשטאַרבען פונ׳ם ליכטיגען טאָג. אַלץ וואָס ווייטער גרויער, טונקעלער ביז דער שוואַרצער, אַלסדינג אין דער וועלט איינשלינגענדיגער פינסטערניש. עס ציהט זיך פאַר איהם אַ גרויסער, בעטריבטער מדבר מיט אַלע זיינע שרעקענישען—צרות, לייד, אַנגסטען און מאַנגעל אין די נויטיגסטע בעדערפענישען, איינגעבילדעטע נע־בעל־בילדער, פאַלשע הילפס־מיטעל, וויסטקייט, פרעמדקייט אַרום און אַרום. עס שטורמט, עס וואַרפט, עס טראָגט אַהין־אַהער נישטאָ קיין וועג! די גויט שטופט און שלמה׳לע, וואָס זאָל ער טהון, וואַנדערט און געהט. די לאַגע זיינע דאָ, פאַרוואָרפען, פערלאָזט איינער אַליין, אָהן הילף, אָהן טרייסט, אָהן עמיצענס אַ גוט וואָרט; אויך די לאַגע פון די היימישע—פון דער מאַמען און קינדער, זיינע ברידער און שוועסטער, דאָרט; זייער אַלע־מענס לאַגע אַצינד אין פערגלייך מיט דעם, וואָס אַמאָל—דאָס אַלסדינג נעהמט־צו ביי איהם די לעצטע קרעפטען, ער איז טויט מיט אַלע אברים! ווען דער יצר־הרע זאָל נישט געווען זיך אונטערכאַפּען, ווי אַ מלאך־הגואל, מינטערען איהם מיט זיינע שאַרפע רייצמיטעל—אונטערהיצען איהם, אויפבלאָזען דעם כמעט אויסגעלאָשענעם פונק פון זיין פייערדיגער, פיהלענדיגער נשמה, אַנגליהען אין איהם דאָס געפיהל פון פעסט־קלעבעדיגע פריינד־שאַפט און אונטערגעבען איהם חשק צום לעבען—ווען נישט ער מיט זיינע מיטעל, וואָלט שלמה׳לע שוין לאַנג אויף דער וועלט נישט געווען, און ממילא אויך נישט זיין איצטיגע לעבענס־בע־שרייבונג. ווייניג דען ביי אונז אַזעלכע ווי שלמה׳לע מענשען, יונגע לייט בעגאַבטע, בלאָנקען זיך ווי פעראירטע שאָף אַרום? זייער מיה איז אומזיסט. זייער רופען, בעטען הילף איז אַ קול אין דער מדבר. זיי פאַלען און מען ווייסט אַפילו נישט וואו ערגיץ איז הינגעקומען זייער געביין. דער יצר־הרע האָט געמיינט

צום שלעכטען, דורך אויפרייצען שלמה׳לעס אין־חלשות־פאלענ־דיגע, פון דער נאטור פייערדיגע נשמה, כדי איהם אין שאול תחתיה צו פערפיהרען, און אויסלאזען אבער האט זיך אויסגעלאזט גאר צום גוטען!

שלמה׳לע האט אמת טאקי, ווי א הייס בחור׳ל, ווי א לע־בעדיגס, מיט הארץ און געפיהל, זיך געלאזט פערפיהרען וואוהין דאס הארץ ציהט, וואוהין די אויגען טראגען. האט איהם אין עפיס־וואס־ס׳איז זיך געפיהלט א פערגניגען, איז איהם געווען שווערליך דערפון, ווי פון האניג, זיך אבצורייסען. ער האט עס מיט חשק געגאסען, נישט איבערצוטראכטען דערביי, טאמער כאפט ער א ביס און דער האניג וועט איהם באקום אויספאלען. אזוי געהט עס געוועהנטליך מיט א הייס יונגעל ביים אנמעסטען א שטייגער א נייעם בגד, הגם עס ציהט, עס קוועטשט, מאכט ער זיך דערוויל פאר שמחה נישט וויסענדיג, און איז מקבל באהבה דעם קוועטש. ביי אזעלכען פערנעהמט דאס „חיי־שעה” א לאנגע שטרעקע ארט און צייט, ציהט זיך העט־ווייט, אזש נישט ארויס־צוזעהן פאר ווייטקייט דעם סוף; דעם „שפעטער”. א טראפען פערגעניגען דאכט זיך איהם—א ים; א שעה עולם הזה—א יאהר; א יום־טוב—א אייביגקייט.

נאר אלסדינג אבער אין דער וועלט איז מיט א צייט. גוט און שלעכט, פרייד און טרויער, פערגעניגען און יאמער געהען פוס־טריט איינע נאך די אנדערע. נאך דעם יום־טוב מיט זיין ליבליכען „אתה־בחרתנו” און זיינע פרעהליכע אונטערהאלטונגען קומט די גרויע פערזארגטע וואכעדיגקייט, מיט איהר אומעטיגען „והוא רחום”, מיט איהר קלאפען זיך אין הארצען אשמנו, אראב־לאזען דעם קאפ, און תחנון־פאלען!

אויך שלמה׳לעס לוינען האבען זיך געביטען. אוועק איז די פרעהליכע גוטע שטימונג זיינע—און ער בלייבט נישט צופרי־דען מיט זיך, מיט דער לאגע זיינער, מיט אלסדינג ארום און ארום!

די ערשטע בייזע שעה איז אויף שלמה׳לען אנגעקומען אויפ׳ן „טאג” ביי א יוסטען בעל־הבית, דארט אין קיך, וואוהין

ער איז געקומען, ווי דעד שטייגער פון אַ ישיבה־בחור איז, עסען וועטשערע.

אין קיך, אין אַ ווינקעל האָט געצאַנקט אַ חלב׳דיג ליכטעל. די קיכנע, אַ יודענע מיט אַ רויטע פערקרימטע נאָז, מיט פעטע ליפען, אַ ברייט מויל, אָהן צוויי פאָדערשטע ציין, האָט זיך גע־באָברעט ביים אויבען, געברומט, געמורמעלט בייזלעך, גלאָט אַזוי־זיך אין דער וועלט אַריין, נישט צוקוקען אין שלמה׳לעס ווינקעל, גלייך ווי ער איז נישטאָ. שלמה׳לע זיצט ווי אויף שפּילקעס, די נשמה געהט איהם אויס וואַרטענדיג. די טהיר פון דער קיך עפענט זיך אַלע מאָל מיט אַ סקריפּ. אָט־אָט, מיינט ער, קומט די גאולה, די וועטשערע—און גאָרנישט, די שטוב־מענשען אַריין־אַרויס! ער זיצט און ווערט שיער נישט צוזעצט וואַרטענדיג. ס׳איז שוין שפּעטליך, צייט געהן אין זיין רוה אַריין, וואו ער נעכטיגט. מען קוקט שוין דאָרט אויף איהם אַרויס מיט נעכטיגע, נאָך נישט געגעסען, און אויך מיט נייע־פרישע מעשיות. ער לאָזט זיך מערקען מיט ישיבה־בחור׳שע תנועות—אַלע ווייזע אַ הייב, אַ קראַץ, אַ זיפץ, אַ הוסט, אַ סמאָרע מיט דער נאָז—און זי, גאָרנישט! זי האַלט אין איין מורמלען, עפּיס ווי זי טענה׳ט זיך מיט עמיצען אויס, פרעה׳ס מכות אויסלאָזענ־דיג צו זיין קאָפּ. אָט דענסטמאָל איז מיט אַמאָל ווי פון דער ערד, אַרויסגעקראָכען פאַר שלמה׳לעס אויגען אין העלע פאַרבען אַ בילד פון זיין לעבען, פון דעם וואָס פריהער און וואָס אַ ציינד. און בשעת־מעשה טאַקי, אינאיינעם דערמיט הערט זיך אַ בת־קול ברומט ווי אַ קיכיודענע, רופט און זאָגט: געה, בחור׳ל, געה וואַש זיך. בחור׳ל!—בעוואַשענדיג זיך מיט טרערען וואַשט זיך שלמה׳־לע, הייבט־אויף בייז, פאַרדראָסיג די הענט מיט אַ „שאו־ידיכם" ניט חלילה אַקעגען גאָט, נאָר אַקעגען דעם פינסטערען מזל זיינעם און דער יודענע מיט דער רויטע נאָז. ער איז מקיים, ווי עס פירט זיך, דעם גאַנצען סדר: זעצט זיך, מאַכט המוציא, אַ ביס ברויט, אַ זופּ קרופּניק, בענשט, מאַכט עס אָפּ בקיצור, זאָגט אַ גוטע נאַכט די פּיער ווענט און געהט אַרויס גע־שווינד, צעטראָגען, נישט קושענדיג די מזוזה, שטאַרק אויפגע־

בראַכט, פערראומערט, נישט צופרידען מיט זיך, מיט קיינעם ניט, אַז־אָך און וועה—טראַכט זיך איהם אויפברויזענד און די געדאַנקען—צו איהם, צו זיין מזל, צו־וואָס ער איז איבערגע־קומען! אַ פּאַטראָן, אַ ישיבה־בחור, איז ער, עסט „טעג״, מ׳שטיינס־געזאָגט... אַז־אָך און וועה צו זיין געהויבענקייט ביי חברה־לייט, אָרימע בחורים... אַז־אָך און וועה צו דער זכיה זיינער, אַרומצוגעהן מיט דעם רבין איבער די הייזער צונויפקבצ׳נען נדבות אין דעם בייטעל, אויך צו דער זכיה, וואַלגערען זיך, שלאָפען אויף דער וואַרמער לעזשאַנקע... גליקען. תכליתים—שענע תכליתים...

פון זינט דענסמאָל איז שלמה׳לע עפּיס גאָר צודרעהט. עס קומען־אָן עפּעס אויף איהם די בייזע שעה׳ן. חברה דער־קענט אין איהם נישט יענעם שלמה׳לען וואָס פריהער.

---

## יד.

ראש־חודש אדר. און אַז אדר קומט—מרבין בשמחה, הייסט די גמרא פרעהליך זיין. ס'איז שמחה וששון—ליהודים אין שטעד־טיל! אפשר דעריבער, וואָס חודש אדר איז דער אָנזאָגער פון דעם ביאת הפריהלינג—דעם דערלייזער פונ'ם שווערען־ביטערען ווינטער, אָט־אָט הערט מען בלאָזען תקיעות דאָס וואַרמע, מילדע ווינטעלע; עס טריפט דער הימעל, בענשט טל—און אַ אויפשטעהעניש תחית־המתים אין דער וועלט, אין פעלדער אין אומעטום?—חלילה! ווער פריהלינג, ווען שטילינג, וואָס געהער זיך עס אָן מיט יודען, מיט ס—קער יודען?—נאָר פאַרוואָס דען איז עס ליהודים? גאַנץ פשוט—עס שמעקט מיט פורים, אומעטום מיט גאָלע נסים, מיט פורים! השומשמנים, די מאָהנדליך נתנו ריח, גיבען די שמוכט, און אויף די שטעלען: טישליך, ביינקלעך אין מאַרק ליגען אויסגעלייגט געצוויקעלטע קישעליך, פלעדליך. פון די מולטערס דאָרט ווינקען אַרויס, רייצענדיג דעם אַפעטיט כל־המיני געבעקסען אין פורים'דיגע געשטאַלטען: ברוכים הבאים המן־טאַשען! סקאָציל־קומט אסתר המלכה, זרש און אויך הרבונה אין־מיטען! אַלע רייטען זיי אויף צוקער־זיסע משונה'דיגע פערד־

ליך, אויף געלע, גרינע פישעליך וכדומה אַזוינע ווילדע בעשע־פענישען. די בלאָטע אַפילו דענסטמאָל שמעקט אויך מיט פורים, גאָר נישט די, וואָס אַ גאַנץ יאָהר. ס׳איז עפּעס שען, גוט, יו־דעשליך !...

עס שמעקט מיט פורים אויך אין דער ישיבה! דאָס לערנען אין דער זייט. עס שטעלט זיך אַ יריד, דער גרויסער פורים־דיגער יריד. געשעפטען, ברוך־השם, זענען דאָ, אַבי געזונד, אַבי נאָר דאָס פּיצעלע מזל. בחורים, בעטראַכטענדיג זיך בעציי־טענס, וואָס וועט זיין מיט זיי ווייטער, זומער, אם־ירצה־השם— צי בלייבען דאָ, צי פּרובען זיך ערגיץ אַנדערש, און געהן דערווייל אויף פּסח אַ היים, הויבען־אָן זיך אַרומצוזעהן, וואָס זיי פעלט, וואָס געהט זיי אָב אין דער הלבשה וכדומה נויטיגע בעדערפע־נישען. זיי הויבען־אָן דענקען וועגען פּערדינסטליך פון לייענען. די מגילה פאַר בעלי־הבית׳טעס, פאַר דינסטען, קיך־יודענעס, און אויך פון שלח־מנות טראָגען. אַ שטוב מיט ווייבער, מיט פיל קרובים, קיין עין־הרע, איז אַ ריין גליק. אַז וואויל דעם בחור, וואָס איהם איז באַשערט צו האָבען אַזוינס! ער וועט האָבען, הייסט עס, צו זינגען און צו זאָגען און צו טראָגען און צו מאַכען אַ גראָשען. עס הויבען־אָן בחורים זיך צוגרייטען, פריי־וועןזיך פערהערען זיך אין־לייענען די מגילה מיט דעם טראָפּ, מיט דעם ניגון, מיט׳ן קוועטש. איין בחור שטעלט די כלי, הויבט־אָן „ויהי בימי אַחשורוש״, ציגעלט זיך גאַנץ פיין, בעל־הבתיש, נישט געיאָגט. צוויי חברים פערהערען זיך, איינער פּאַג־פּעט אַביסעל, מאַכט עס בקיצור, געשווינדליך: „עשה המלך״, דער אַנדערער איקעט: אי־אי־אי ציפּאָדערט פון איהם אַ פּזר, אַ דרעה, כאַפּט זיך טאַקי לייענען, ווייטער און דרעהט אויס אויף דער גראָבער סטרונע אַ פּזר מיט אַ תלישא גדולה—צוויי שטאַר־קע דרעהען מיט־אַ־מאָל, פערבייסענדיג מיט אַ דרגא תביר. און בשעת אַ בחור דאָ צולאָזט זיך אין „איש יהודי היה בשושן הבירה״, גאַלאָפּ־גאַלאָפּ, לעבעדיג, פרעהליך, לאָזט־אויס יענער דאָרט ווי צו קינות „והעיר שושן נבוכה״ אויף אַ פערדימפּפען, ט־ויעריגען קול!

אַ געטליך־שעפּפערשע קראַפט און אַ מילד לופטיג ווינטעלע, בלאָזענדיג פונ׳ם שענעם־ריינעם הימעל, שוועבט ווי דער „כוח־אלהים״, גאָטס גייסט פאַרצייטענס איבער דער אינ׳ם ווינטער־שלאָף פאַרזונקענער נאַטור, גיט איהר, ליבליך־שטיל, בעריהרענ־דיג זי, דעם ערשטען, צויבערשען פריהלינגס קוש, און עס נעמט זי אָן עפּיס אַ חשק, אַ ציהעניש, אַ בענקעניש! זי דערפיהלט אַ וואַרעמען שטראָם, איבערלויפענדיג איהר אין אַלע גלידער, עפּיס אַ נײַ לעבען, גאָר מחיה! עס ציהט זי, ציהט, נישט לאָזענדיג רוהיג איינליגען. זי ווארפט באַלד פון זיך אַראָפּ די שנעה־ווייסע, ווי „וואָל״ ווייכע ווינטערדיגע קאָלדרע—און כאַפּט זיך אויף ביי-געבוירען, שטאַרק פערליבט, פערבענקט! יאָ, עס בענקט־זיך, עס ליבט־זיך אומעטום, ביי אַלע בעשעפענישען אין דער גרויסער נאַטור! איטליכע בעשעפעניש—פונ׳ם קלענסטען ביז דעם גרעסטען; פונ׳ם פיציקען ווערעמיל ביז דעם גרויסען וויזעלטהיער אין דעם פיי־נעם מענשען פיהלט עפּיס אַ מין ציהעניש, אַ בענקעניש. פייגעל אין די ווייטע פרעמדע לענדער, פערביינקענדיג זיך נאָך זייערע אַלטע פערלאָרענע נעסטען, קומען צופליהען פון דאָרט צוריק אַ היים. אַ קאַרטאָפעל אַפילו אין דעם פינסטערען קעלער רייסט זיך, ציהט זיך. ווי ווייט נאָר מעגליך, כאַטש פון ערגיץ צו שפּאַלט דאָרט אַ קוק טהון דענסטמאָל אויף גאָטס ליכטיג וועלטעל!...

און די אָרימע בחורים אין דער ישיבה—אויך ביי זיי דאָרט האָט מיט דער פער׳פסח׳דיגער לופט זיך געשפּירט עפּיס אַ מין בענקשאַפט, פערטראַכטקייט. דאָס האָט זיך געלאָזט מערקען אין זייער ערנסט פּנים אין זייער ריידען פון תוך־זאַכען, פון „בין־הזמנים״, אין דעם בעטראַכטען די זאַכען, די קלימקעס, אין דעם מאַכען קלאָרע חשבונות, וויפיעל גילדען סך־הכל זיי האָבען; וויפיעל זיי קענען פון דעם געזעגענען-זיך „אויף די טעג״ נאָך האָבען; וויפיל און אויך וואָס פון די נויטיגסטע הצטרכות זיי קענען דער־ווייל אויסגעבען אַ טהייל האָבען געשמועסט, גערעדט פון דער היים זיך געצויגען געריסען אויף יום־טוב אַ היים; אַ טהייל האָט עס געצויגען ערגיץ אַנדערש-וואו, אַבי נישט דאָ אויף איין אָרט,

אַבי אַ ענדערונג ; און אַ טהייל אָרטיגע, געבליבענע און אזעלכע, וואָס האָבען געמוזט בלייבען, האָט זיי גלאָט סתם אין דער וועלט אַריין געצויגען, גאָט דער ליבער ווייסט צו וואָס און נאָך וואָס ?...

דו ישיבה האָט אויסגעזען דענסטאָל כמלונה במקשה, ווי אַ פערלאָזען ביידעל און אַ באַסטאָן פון אוגערקעס !

אַ גוט מאָרגען, אַ פער׳פסח׳דיגער פריהמאָרגען אומעטום אין דעם נאַטור ! די ליכטיגע זון הויבט שוין פריער אָן אַרויסגעהן אין מזרח-זייט פון איהר געצעלט, אַנצוקוקען גאָטס ווערק אין זיין וועלט. יונג און אַלט, געוויקסען אַלערליי, און לעבעדיגע בעשעפענישען, אין פעלד, אין וואַלד, וואַכען-אויף, ריהרען זיך אייגס נאָך דעם אַגדערען כסדר, וואַשען זיך אָפּ מיט פרישען הימעלשען טוי און שפיגלען זיך אין טייכען, טייכלעך איבערגע-פילטע, צונויפגעזאַמעלטע פונ׳ם רינענדיגען, זיך שמעלצענדיגען שנעה און פונ׳ם רעגען. נאָר אין איין העמד, נישט אָנגעטהון נאָך, שטעהט דער טענענבוים, די אַנדערע בוימער—מוטער-נאַקעט מיט אָנגעקוואָלענע ווי ברוסט, שטייפענקע, נישט צופּיקטע, נישט צולאָזטע, נאָך פערפאַקטע בלעטלעך. פון פאָרענט, פון הינטען, אַרום און אַרום, קוקען אויף זיי די אַלט-געזעסענע פונ׳ם וואַלד פימסענבוימער זקנים און פאַריאָהרדיגע, אויסגעריבענע, אָפּגעבליאַקעוועטע גרינע שובעס שווענצלעך—שישקעס אַזוינע. אַרויסשטעלענדיג די קעפּליך פון צווישען ערשט אַרויסשפּראָצענ-דיג גראָז אויף די לאָנקעס, ווינקען, מאַכען חן גריבעלעך פרישענ-קע בלומעליך, מאַרגאַריטקעס, מיט פייכטענקע, דורך-און-דורכנעהמענ-דיגע אויגעליך. אויף אַ שטיק פעלד, ציהענדיג זיך ווייט-ווייט, אַז מיטן אויג נישט צו-פערוואַרפען, איז פון איין זייט הויבען זיך קאָ-רענע, ווייצענע יונגוואַרג פון די גערעגערס. געגוג געשלאָפען אַ קאַלעכדיגען ווינטער, שוין צייט אויפשטעהן, אָנטהון די הי-טעליך אויף די קעפּ און טראַכטן ערנסט, פּערזאָרגען מיט ברויט די וועלט ! און פון דער אַנדערער זייט קאָכט די אַרבייט פון מענשען און בהמות, צו-וואַרפען אויף אַ גרויסען שטח, ווייט איינער פון אַנדערען, דאָ אַקערט אַ פויער אויף

אַ פּאָר אָקסען אויפריהרענדיג לאַנגע פּאַסען ערד. פּיס־טריט הינ־טער איהם שפּאַצירט זיך אונטער שפּרינגענדיג אַ ראָב, קוקט זיך גנבהש צו אויסציהענדיג דאָס קעפּעל, צו איטליך שטיק פרישע ערד, און כאַפּט אַריין אין פּיסקעל אַ צאַפּעלדיגען וואָרים. און דאָרט געהט עמיצער מיט אַ קאָרב און אַרויסנעהמענדיג דערפון פולע הויפענס לייגט ער עס אַריין פּאַמעליכען, שטיל אין ווייכער פּוכקער ערד, ווי מען לייגט שלאָפען אין קישעליך אַ ברעקיל קינד. „לערכע״—דאָס פויגעלע די בעריהמטע זינגערין, מאַכענדיג אַרום דעם אַ הקפה, אויפהויבענדיג זיך הויך, פּערוויגט עס מיט אַ זיס ליד...

אַ גוטען אויפשטאַנד אויף אַלע, אַלע גאָטס בעשעפעניסען: אויף קליינע און אויף גרויסע; אויף קריכענדיגע, שפּרינגענדיגע! אַ גוט מאָרגען בהמות אין די „טשערעדעס״! ברוכים הבאים פון פרעמד אָנגעקומענע פויגעל—טהייערע, ליבע, אָנגעלייגטע געסט!...

מיט אונטערגעהויבענע פּאָלעס, פערשטעקטע אין גאַרטעל, מיט קלימקעס אויף די פלייצעס און מיט שטעקענס פון אָפּגעבראָכענע צווייגען אין די הענד, שפּאַנען אויף אַ זייטענוועגעלע דורך אַ שיטער, נישט רעכט נאָך בעבלעטערט וועלדעל. דריי פערשויגען פון נישט קיין גלאַטער וואוקס—איינער אַ דיקער, אַ עלטערער, האַלט אָנגעבויגען דעם קאָפּ, קוקענדיג ווי אַ קורציכטיגער און בלייבט אָפּט הינטערשטעליג. דער צווייטער אַ דאַרער. „זשוואַווער״ לויט די יאָהרען נאָך אַ לאַנגער, און דער דריטער, אַ אינגערער, עפּיס נישט קיין איבגעל, און דאַכט זיך אויך, נישט נאָך קיין בחור, דרעהט זיך הין און הער, בלייבט אַמאָל הינטער דער קאָמפּאַניע, בעטראַכטענדיג, דאָס־יענץ אין וועג, און אַמאָל לאָזט ער זיך געהן זיי פאָראויס.

איבערהויבט איז אין דעם גאַנג זייערען צו דערקענען, אַז קיין וועג מענשען זיינען זיי נישט; מאַרשירען גוט, גלייך, ווי געלנער אַ שטייגער, געלערנטע אין טכסיסי־מלחמה, קענען זיי נישט. גאַרנישט, געדרעלט הייסט עס. ווי אַ יוד אַ שטייגער אויף אַ שמחה טאַנצט! ס׳איז אַ מוז טאַנצן—מילא וואָס מאַכט עס אויס, מהיכה־תיתי טאַנצט מען... צוקומענדיג צו אַ בערגעל ביי אַבי־אָט

אַ דאָרפס בריקעל איבער אַ טייכעל, בעוואַקסען פון ביידע זייטען מיט הושענות-בוימלעך, נישט ווייט פון גרויסען שליאַך האָבען זיי, פאַלענדיג פון די פיס, געזעצט דאָרט, אָפּרוהען, כאַפּען דעם אָטהעם. אַראָפּגעוואָרפען פון זיך, איטליכער זיין פעקיל, נעהמען זיי אַרויס פון דאָרט ברויט מיט הערינג עסען געשמאַק, ווי נאָך אַ תענית, פערטרינקען מיט וואַסער פונ׳ם טייכעל און ציהען זיך אויס ווי די פּריצים אויפן ערשט זיך בעוויזענעם יונגען גראָז, מיט דער בויך אַרויף שמועסענדיג צווישען זיך.

—מילא וואָס, האָב איך אויפן וועג געזאָגט, אַז וואָס?...

אַז רש״י האָט עס, אַזוי געזאָגט, זעהר גוט בעוואָהרענט מיט זיין „כלומר״ דו הערסט?—זאָגט דער דיקער פערשוין, שטערכעדיג מיט דעם עלענבויגען דעם אינגערען בחור׳ל וואָס ליגט אַרויסגעשטרעקט צווישען איהם אין דעם דאַרען פּאַרשוין—מילא עס. ס׳איז זיך גאָרנישט!... אַ איינפאַל איז עס אַפּילו אַ שענער, יום-טוב און ירצה השם, אין דער היים, וועל איך אַ בעקן זיין דיר ווייזען מיין אויפטהו מיט אַ שפּיצעל און „שירא-פרנדא״... אַ האַרב שטיקעל...

—וואו, האַ ביסטו עס שלמה׳לי! דו הערסט?

—פּטור נו, אַ שאלה אַביסעל!—מאַכט דער אינגערער, וואָס איז טאַקי געווען שלמה׳לי, ער מיט זיין כבוד אַליין אָברוקענדיג זיך פון דיקען אַלץ ווייטער, נישט צוכאַפּען פון איהם אין זייט אַ שטערך—וואו דאַוענט מעלתו—אין בית-מדרש הי׳ פריהער, צי אפשר אין קלויז?

—היינטיגס מאָל גאָר אין דער גרויסער קאַלטער שוהל נעבען מיין מחותן.

—הייסט עס געוואָרען אַ חתן?... וויפיעל נדן, וויפיעל קעסט?

—הונדערט גילדען מזומן געלד, דריי יאָהר קעסט.

— אַך מזל טוב דיר, גימפּעל-פּייוויש! — ענטפערט-אָפּ בתמימות לעקעשיוואַטע, גימפּעל-פּייוויש.

— און וואָס טראַכסטו נאָך דער חתונה עפּעס טהון? — פרעגען איהם יענקל און שלמה׳לי, ביידע אין איין קול.

— איך טראַכטען וואָס וועל?.. גאָרנישט! נאָך דער חתונה

די צייט פונ׳ם קעסט וועל איך מיר פאָהרען לערנען ערגיץ אין א שטעדטיל, זיין א פרוש דערנאָך... צו וואָס טראַכטען וואָס דערנאָך?.. דערנאָך זאָל גאָט טראַכטען. מאן דיהיב חיי, ווער עס גיט לעבען, יהיב מזוני, גיט צום לעבען...

אָט די דריי פערשוינען, ווי זיי זענען מיט די קלימקעס, מיט דער גאַנצער הלבשה, האָבען זיך געפּאָדערט ארויסגעהן פון ס״ק מאָרגען פריה און וואַנדרעווען עס בקומפּאַניע א היים — שלמה׳לי און גימפּעל-פייפיש צו זיך גלייך קיין ק... און „כאַרט-שלמה׳לעס חבר, אראָבגעהמענדיג זיך עטליכע וויערסטליך וויי-טער, פונ׳ם וועג, צו זיך אין זיין שטאָדט.

און האַלטענדיג אזוי אין אזא שמועס, ליגענדיג ארויסגע-צויגען ווי די פריצים אויפ׳ן בערגעל, כאַפּען זיך מיט אמאָל אויף אַלע דריי וואַנדרעווער פון עפּיס א שאָרך—דאַכט זיך א בילען ערגיץ פון א הונט, און קוקען זיך דערשראָקען, נישט טויט, נישט לעבעדיג, אין אַלע זייטען ארום. עס טהוט זיך א וויז פון דערווייטענס א קוימען, א רויטער דאַך, א אַלייע בוימער — א וועג אין א פריצישען הויף.

—נישקשה, נישט געשראָקען זיך, יודישע קינדער! — בעַ-רוהיגט שלמה׳לי די קומפּאַניע און אַליין טהוט ער טיעף פונ׳ם האַרצען א זיפץ—אוי דאָס איז דער הויף פונ׳ם וואָס—דער פריץ, דעם טאַטענס מיינעם, עליו השלום, א גוטער פריינד. גענוג זעקליך ווייץ, גענוג אינדיקעס האָט ער אַלע יאָהר אויף פּסח אונז איבערגעשיקט!

—לאָמיר געהן, לאָמיר געהן!—טרייבט גימפּעל-פייפיש אונ-טער מיט א ציטערדיגען קול—די זון זעצט זיך. שפּעטער וועט מיר שווער זיין זעהן די וועג. איך האָב „קוריצא-סליעפּאטא״ האָב איך א קשיא אויף א מעשה, וואָס קען זיך נאָך טרעפען. לאָמיר געהן!

צוקומענדיג אין א שעה ארום צום אָרט, וואו דער וועג שיידט זיך פונאנדער אין פערשידענע זייטען, האָבען אונזערע צוויי חברים פעסט ארומגעהמענדיג איינעם דעם אַנדערען, זיך געזע-געגט. טרערען ווי די באַב זענען זיי געשטאַנען אין די אויגען.

דאָס מויל—קיין וואָרט, נאָר די הערצער האָבן גערעדט; איינער פונ׳ם אַנדערען זיך געשיידט, נאָר די נשמות האָבען זיך צונויפגעגאָסען. עס האָט זיך געבענקט, געפיהלט, גערעדט, זיך געטראָגען צום הימעל אַ געבעט:

אָ, רחמנות׳דיגער גאָט, אָ, רבונו של עולם! אַ רחמנות נעביך אויף דיינע פערוואָגעלטע צאן־קדשים—אויף דיינע בלאָנקענדיגע, אָרימענקע, עלענדע, בידנע שעפעליך!..

# פון מיין ספר הזכרונות

## פון מיין ספר הזכרונות.

נאָך הײַנט אין די עלטערע יאָהרען לעבט אין מיין זכרון יענער פרייטאָג פון די פאַרגאַנגענע יוגנדטעג מיינע. פרייטאָג איז בכלל אַ טאָג, וואָס ווירקט זינט יונגעלווייז דערפרישענדיג אויף מיין געמיטה. נאָך אַ אָפּזיטצען אין חדר די גאַנצע וואָך, פון פריה ביז פאַרנאַכט, פערשפאַרט ווי אַ גאַנז, נישט וויסען פון אַ לעבען צוזאָגען, האָט ביים אַרויסגעהן פריי פונ׳ם רבּ׳נס הענד לעבעדיג, פרייטאָג פאַר פריה, זיך געפיהלט אַזוינס, וואָס דער ערשט־בעשאַפענער מענש, אין דעם פרייטיגדיגען טאָג טאַקי, האָט געמוזט פיהלען, אָנקוקענדיג פאַרגאַפט אַ ליכטיגע וועלט פלוצלים פאַר זיך. ער האָט געמוזט, אַזוי ווי איך מיט מיינע חברים, איבערקוליען־זיך, מעשה־קונדעס, אַמאָל צעהן און אַ שפּרונג טהון דערנאָך ווי אַ קעלבעל אין דער הויך פאַר גרויס פרייד! יענער פרייטאָג אָבער, פון וועלכען די ריידע איז דאָ איצט, האָט געהאַט דערצו נאָך גאָר אַ בעזונדער טעם אויף אַריינצושניידען־זיך טיף אין מיין נשמה.

אַ פריהמאָרגען איז יענעם פרייטאָג געווען איינער פון די

זעלטענע שענע, ווי עס גיט זיך אויס אַמאָל אין דעם ליבען חודש מאַי. דורך שפעלטליך פונ׳ם לאָדען האָבען זיך אַריינגעריסען צו מיר אין שלאָפצימער פערשייטע שטראַהלען פון דער גילדענער־ליכטיגער זון, קריכענדיג מיר אויפ׳ן קאָפּ, אין די אויגען, דראַפּענדיג־זיך אויף די גלייכע ווענדט און נישט לאָזענדיג מיך איינליגען אין בעט. מאַך איך נישט פיל שהיות טהו מיך באַלד טאַקי אָן, נעהם צדה־לדרך, דאָס שטעקעלע אין דער האַנד, געה אַרויס שטיל אויף די שפיטץ פינגער, נישט צושטערען מיין ווייבס שלאָף, און מאַרש אויף מיין שפּאַציר!

אויפ׳ן האַרצען איז מיר גוט. ס׳איז ערשט אַ קורצע צייט נאָך מיין חתונה. דער קאָפּ איז מיר פריי פון דאגות—איך זיטץ מיט מיין ווייב, אַ בת־יחידה, אויף קעסט. יונג בין איך, כח האָב איך, לערנען בעגעהר איך, ספרים שרייב איך, שירים אַמאָל מאַך איך—האָב איך ליב די נאַטור, „געה־אויס" נאָך איהר... אין די ווייטע פעלדער, אין די געדיכטע וועלדער—שפּאַצירען איז מיין לעבען!

איך ווייס נישט, אויב נח, אַז ער האָט געעפענט די תבה נאָכ׳ן מבול און דערזעהן, די ערד איז טרוקען—אויב ער האָט אויך אַזוי געטאַנצט, ווי איך האָב פאַר שמחה געטאַנצט, געשפרונגען אויף רידעס פון אויסגעטריקענטע שמאָלע סטעזשקעליך און אויף די שפיטציגע ברוק־שטיינער, וואָס האָבען שוין, ברוך־השם, זיך אַרויסגעוויזען פון די גרויסע, נאָך פון פאַר־פסח׳דיגע גלופסקער בעריהמטע בלאָטעס. גלופסק איז געווען וואַך! ווייבער זענען מיט דעם בעגין אויפגעשטאַנען, ווי געוועהנטליך, צו דער „חלה". עס האָבען זיך ערטערווייז געלאָזט זעהן נאָך אין די קאָפּקעס, נישט רעכט נאָך אָנגעטהונענע ווייבליך, איבערלויפענדיג, אין־דער ברייט, די גאַס פון די אַקעגענדיגע הייזער מיט גליהענע, אָפּגעטראָגענע לאָפּעטעס, פענדליך, ריבאַייזענס, לאָקשענטעפּליך, און איבערוואַרפענדיג זיך פונדערווייטענס מיט ווערטליך, שטעכווערטליך אויף קוויטשענדיגע, האַרחלענדיגע, הייזעריגליכע, צוגעלעגערטע שטימעס.

— —

עס שיטען זיך אַרויס אויף דער גאַס בעלי־הבית׳טעס אַקעגען טעקלע, דער שטאָדט־גוי׳ע, ווילענדיג זי פאַרנעהמען, איטליכע צו זיך, מיט איהר פּאָר פולע עמער, און אַלע אין איין קול: געוואַלד־ מיט רב לייב דעם וואַסער־פיהרערס פערד האָט אַ אומגליק זיך געטראָפען. נאַ־נאַ! שרייט העכער פון אַלע איינע, גראָד ערב שבת קומט איהם אויס, דעם שענעם פערד, ווערען פגר׳ן! אַלטע יודען, בעלי־מלאכות, בעלאָדען מיט טלית־און תפילין־זעק, לויפען צעשפּילעט אָפּהאַפּען אַ דאַוונען ותיקין צום ערשטען מנין. עס פאַרטראָגט זיך פון ערגיץ אַ סמאַליענעס פון אָפּגעפּליקטע עופות און קעלבערנע פיסליך און פון אַ גאַניקעל טהוט זיך אַ גאַס אַ ווייק־שעפטעל און עפּיס אַ צעבערעל מיט כל־טוב. אויס די קוימענס ציהען זיך פויל אין דער הויך ווי פאַרשלאָפען העל־גרויע, כמעט דורכזיכטיקע, אָפּנים שוין די לעצטע, זיילען רויך. פון הייזער לאָזט זיך הערען אויף אַ קלינגענדיג קול דאָס אויבערשטע פון שטויסעל, און דאָס האַק־מעסער אַרבייט—האַק־האַק אויף אַ ברעטעל. דער צימערינג צום קוגעל האָט געגעבען די שמועה. פיש פון די פענדעליך זענען מיט זייער ריח פערגאַנגען אין דער נאָז. עס האָט אויך גע־שמעקט מיט פריש־געבאַקענע חלה און מיט דעם אמת יודישען טעם דאָס ראָסעל־פליישעל!

שטאַרק אָנגעלייגט ביי מיר אָט דאָס אַלסדינג, וואָס גלופּסק האָט מיך געלאָזט הערען, זעהן און שמעקען, בין איך געווען זעהר צופרידען ביים אַרויסגעהן פון איהר.

נישט ווייט פון דער שטאָדט, אַביסעל אין דער זייט, האָט זיך מיר ענטפּלעקט די גלופּסקער יפהפה—די פּיאַטאָגני־לעווקע, אָנמאַכענדיג מיר אַ חשק זיך „געגנעהנען" צו איהר. גאָר נישט געווען זי צו דערקענען—אַזוי שען איז זי. אין שטאָדט זעהט זי אויס ווי אַ שוואַרציאָהר, פאַרדאָסט, פאַרדרי־פּעט מחילה, דער גאַנצער שמוטץ פון די הייזער ליגט אויף איהר, אַזוי אַז ס׳איז פּשוט נישטאָ ביי איהר אַזוי פיל וואַסער אויף אָפּוואַשען זיך. און דאָ איז זי אינגאַנצען עפּיס ווי אי־בערגעביטענע געוואָרען. זי איז אָפּגעוואַשען—וואַסער גענוג, ווייל

מען וויל. אָנצושפּיגלען זיך אין איהר פּנים, אַזוי קלאָהר-לוי־טער איז עס! אויסגעפּוצט ווי אַ פּריצטע אין אַ זומערדיג־הימעל־בלויען מאַנטעל, בעגילדט מיט גילדענע פלִיטערליך. שפּי־לענדיג אין אַלערליי קאָלירען אַקעגען דער זון, געהט זי זיך געלאַסען, נישט געיאָגט, אינ'ם שענעם טהאָל צווישען גרינבע־יואָקסענע בערג, וואָס טראָגען איהר אונטער אויפ'ן וועג בו־קעטען פון שמעקענדיגע בלומען, בוימער פונדערווייטענס בע־גריסען זי, שאָקלענדיג מיט די קעפּ, און פון צווישען צווייגען הערט זיך, איהר לכבוד, אויף די העלזער אָפּשפּילען אַ וויוואַט גאָר „פויגעלדיג"! נישט לאַנג געטראַכט מאַך איך מיך גרייט, און מיט הענד און פיס פוץ... אין איהר!

פריש און קרעפטיג נאָכ'ן אָפּבאָדען־זיך בין איך אַרויף אויפ'ן גרינעם־באַרג–און, רבונו של עולם! וואו נעהמט מען ווערטער איבערצוגעבען דאָס גרויסע פאַרגניגען, די הייסע גע־פיהלען, וואָס האָבען זיך דערוועקט אין מיר פונ'ם ווימלענדי־גען ניי־פּריש לעבען דאָרט? די ערד דאַכט זיך אַ גראָב־מגושם'דיגער קערפּער, בייזע רוחות–ווינטען, קעלט, פרעסט, האָבען ערשט נישט לאַנג געווילדעוועט אויף איהר–פונוואַנען־זשע, רבונו של עולם, האָבען זיך צו איהר גענומען די אַלע יונגע גראָזען דאָ, די קרייטעכצער, בלומען און שאר ירקות פון אַלערליי געשטאַלטען און כל־המיני קאָלירען? עס ציען זיך ווייט, מיט'ן אויג נישט צו פאַרנעהמען, קאָרן, ווייץ, האָבער, גערשטען, נאָך אין דער פריהער־יוגענד, קוים וואָס עס פּיקט־זיך זיי אַרויס די זאַנגען. לאָנקעס בעדעקען זיך מיט פּריש־אויסגעוואַקסען היי, און גערטנער–מיט יונגע בלעטער פון מיני געוועקס. פערזונקען מיט'ן קאָפּ טיף אין דר'ערד איז דער רעטיך, די מעהרען. און פאַרריסען־אַרויף די לאַנגע פּיסלעך, גרינע הויזלעך, שטעהט עזות'דיג די ציבעלע, דער קנאָבעל. פערקלייבענדיג זיך אויף אַ בעזונדער אָרט שפּילען זיך אין בעהעלטעניש יונגעטשקע בלימעליך, פעלדרויזעליך, נאָך פּייכ־טינגע פונ'ם טוי, אַרויסקוקענדיג פון צווישען געדיכטע גראָז, איינע צו די אַנדערע שאָקלענדיג מיט די קעפּלעך לעבעדיג,

דירעווּדיג. אוּן דאָרט אין־מיטען פעלד שטעהט זיך ביחידות אַ עלענד בוימעלע פוּן כל־נדרי באַרלעך אוּן בליהט... אַקעגען — אַ וואַלד בוימער, גרין־בעבלעטערטע, מיט גדלות פאַרריסענע קעפּ הויך אין הימעל אַריין. אָט די אַלע שפּייזט די ערד — די מוטער, וואָס האָט זיי געהאַט, איטליכען מיט אַ בעזונדער זאַפט, מיט אַ בעזונדער טעם אוּן מיט אַ בעזונדער ריח. זי שפּינט, וועבט אוּן פיהרט איהרע קינדער אַרויס אין דער וועלט בע־האַנגען, בעפּוּצט, איטליכען ווי איהם פּאַסט. ס׳איז אַ פריידׂ, אַ לעבען — למזל־טוב עס שפּראָצט, עס געהט־אויף, עס וואַקסט, עס לעבט! אוּן ביי גאָטס לעבעדיגע בעשעפּענישליך דאָ טהוט זיך ווי אויף אַ חתונה. עס צימבעלט די גריל, עס טאַנצט דער היישרעק; עס זוזשעט די פליג, עס שפּרינגט משה רבינו׳ס פערדעלע; עס ריקט־זיך, אויסגעפּוּצט ווי אַ מחותן, דער זשוּק, אין דער נייער גרינער זופּיצע אוּן עס דרעהען זיך טאַנצענדיג, ביז מיד צו־ווערען, באַבעצקעס, מיקען. די מילב ווייזט קונצען — בעלאָדענדיג־זיך מיט אַ שטרויעלע קלעטערט זי אויף אַ דין, זיך־שאָקלענדיג גרעזעלע. אוּן די ביהן, די נאַשערין, מאַכט ברכה, זופּט פוּן אַ בלומענבעכערעל.

לחיים ביהנעלע! לחיים די גאַנצע משפּחה ברואים׳לעך דאָ! עפּיס זענען מיר דאָך שטיקליך מחותנים, שטיקליך קרובים — ששי בחמישי׳ס... פוּן איין „לעבענסקוואַל" טרינקען מיר, איך מיט אייך. אין אייער פריהלינגס־לוּסט פרעהט זיך אויך מיר דאָס האַרץ!

אָט די ווערטער רייסען מיר זיך אַליין אַרויס פוּנ׳ם מויל. אוּן שכור, בערוישט פאַר גרויס פאַרגניגען בלייב איך אַ היב־שע צייט ליגען אויסגעשטרעקט אויפ׳ן גרינעם גראָז.

אַרויסגעשלאָגען פוּן מיין זיסער בערוישונג האָט מיך אַ שאָרך פוּן טריט. איך טהו אַ בליק — עה, אַ הונד! איך מיט אַ הונד בין אַ קנאַפּער מחותן. אַ הונד האָב איך ליב פוּנדערוויי־טענס. דערווייטער איך מיך טאַקי אַ היבשע שטרעקע פוּן איהם אוּן זוך מיר אויס אַ שען בעוואָקסען אָרט אונטער אַ בוים, פוּנ־וואַנען עס זעהט־זיך אַרויס ווייט אַרום אוּן אַרום דאָס פרייע

פעלד. באַלד דערזעה איך דאָרט נאָך אַ צווייטען הונד; אין אַ ווילע אַרום—אַ דריטען; שפּעטער אַ ביסעל—אַ פערטען, אַ פינפ־טען, אַ זעקסטען, אַ גאַנצע טשאַטע. זיי שלעפּען זיך פון דער שטאָדט איינציגווייז, אונטערהעצקענדיג־זיך, מיט אַרויף־פאַר־ריסענע ווידלען, אַרויסגעשטעלטע צונגען, האַלטענדיג דעם קאָפּ עפּיס אַזוי, ווי עס געהט זיי איצט ניט אָן מעהר ווי נאָר איין זאַך. וואָס זאָל עס בעטייטען? וואונדער איך מיך. גלאַט אַ שפּאַציר?—שטאָדט־הינד אָבער זענען דאָך צופראַקטיש, זיי זאָלען אָהן אַ שום נוטצען גלאַט אַרויס אין פעלד אַריין שפּאַ־צירען. בפרט ווען ס'איז דאָ אין שטאָדט אַ אויסזעהן אויף אָפּ־צולעקען אַ ביינדעל, ווי היינט, פרייטאָג, אַ שטייגער, וואָס ביי־יודישע קינדער טהוט זיך, „קאָכט״ זיך... זאָל דאָס אפשר זיין ביי זיי אַ אסיפה?—ניין! וואָלטען זיי דאָך געבילט, זיך געביסען, ווי דער שטייגער איז, געריסען איינער דעם אַנדע־רען ביי די האָר, נישט זיטצען דאָרט אַקעגען אָנגעשפּאַרט אויף די פעדערסטע פיס, שווייגענדיג שטיל און בעלעקענדיג זיך, עפּיס נאָר טאַקי ווי מקבלים־קבצנים זיטצען און וואַרטען, קראַטצענדיג זיך, אויף דער פאַרצויגענער שפּעט אין דער נאַכט אַריין חופּה־וועטשערע.—נאָר וואָס האָט מען זיך צו־וואונדערען אויף כּלבים און וואָס געהן זיי מיך אָן? טראַכט איך ביי מיר, אַוועק־קעהרענדיג דעם קאָפּ, נישט צוקוקען אין זייער זייט.

צוריק אַהיים האָב איך מיך געלאָזט געהן מיט אַ סטעזש־קעלע פאַרביי אַ וואַלד, אויף אַ גרויסען פרייען פּלאַטץ דאָרט, וואו אויפ'ן גרונט פון נידעריג, סאַמעט־גרינעם גראָז ריסעווען זיך ערטערווייז, ווי אויף אַ טהייערען דיוואַן, זאַפטיג־יונגע בוימלעך, איינע אין די אַנדערע פערצווייגטע, און פרישענקע ערשט פונ'ם טוי אויסגעצוואָגענע בלומענקעפּלעך אויף פעטע־קלעבעדיגע סטענגליך. אַ פריהמאָרגען־ווינטעלע וועהט, פאַרטראָ־גענדיג פון נאָהענט און פון ווייט געשמאַקע ריחות און זיסע לידער, וואָס צעגעהן זיך אין אַלע גלידער. פון זיך אַליין עפּענט זיך מיר דאָס מויל און עס זינגט זיך פּסוקים פון שיר־השירים מיט'ן טראָפּ, מיט'ן ניגון, ווי מען לייענט פּסח אין

שוהל. געהענדיג אַזוי לעבעדיג, זינגענדיג, באַווייזן זיך אָפּשטעלענדיג אָפּצורייסען דאָ אַ בלומעל, דאָרט אַ בלומעל און אַריינעהמען עס ביי מיר אין אַ בוקעט אַריין, וואַרפט זיך מיר, אין די אויגען עפּיס ווי אַ פּעסעל אויפ׳ן פעלד פונדערווייטענס.

צוקומענדיג אַ ביסעל נאָהענטער ווערט פונ׳ם פּעסעל אַ גוף, פון אַ בעשעפעניש עפּיס אַ קערפּער, נאָך נאָהענטער—ווייזען זיך אויסגעשטרעקטע פיס. שוין גאָר נאָהענט—עס ליגט אויסגעשטרעקט אַ פערד! דער בויך איז איהם אָנגעפּוישט ווי אַ פּויק, קוים וואָס עס מאַכט מיט די זייטען. איך שטערכע עס מיט מיין שטעקעל—עס ריהרט זיך ניט. אפנים געפּגר׳ט. ניין, עס זיפּעט. עס טהוט אַ דריגע אַ פוס. עס טהוט זיך אַ הייב, אַ שטעל־אויף אַ לאַנגער, אויכגעדייווערטער האַלז. אַ פּאָר פאַרלאָפענע אויגען שטעלען זיך אויף מיר אויס. עס ליגט אין זיי עפּיס אַזוינס, וואָס חאַפּט מיך אָן ביים האַרצען, און איך בלייב שטעהן ווי צוגעשמידט צום אָרט, נישט קענענדיג אַוועק פון איהם. איך קוק מיך גוט צו, און דערקען אין איהם רב ליב דעם וואַסערפיהרערס פערד!

אמת, אויף איטליכס גאָטס בעשעפעניש, וואָס ראַנגעלט־זיך נעביך מיט׳ן טויט, איז אַ צער בעל־החיים, בפרט נאָך אויף רב ליבס פערד וואָס האָט אַ צייט־לאַנג ביי אונז אין שטאָדט אַוועקגעאַרבייט צוצושטעלען, דעם עולם וואַסער פונ׳ם טייך. און אַ אַרבייט איז דאָס זעהר זעהר אַ שווערע. פּיאַטאָגנילעווקע איז דאָך, כידוע, נישט אַזאַ נותן׳טע וואַסער. מעלקט זיך ניט, ווי מען זאָגט, אַזוי גרינג, זומער, אין די הייסע טעג פערלאָזט זי זיך איינגאַנצן ווי אַ יאַלעווקע. מיט גרויס מיה איז אָנגעקומען דעם פערד נעביך אַרויסשלעפּען דעם וואָגען מיט דער פולער פאַס פון דער שטעהענדיגער בלאָטע ביים טייך און קריכען דערנאָך דערמיט באַרג אַרויף. עס האָט געקייכט, געשוויצט, זיך געשטרעקט אין דער לייג, אין דער ברייט, איינרייסענדיג זיך דאָס געזונט. נאָר אַחוץ דעם, וואָס ס׳איז אַ צער בעל־החיים און אויך אַ וועהטאָג צוצוזעהן דער וועלטס שענעם יושר, אַז נאָך אַזויפיל יאָר אַוועקדינען געטריי ליגט עס אין

די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען אויסגעשטרעקט דאָ, אויפ'ן פעלד, אומברחמנות אַרויסגעוואָרפען פאַר הינד—איז דאָ נאָך עפּיס אַזוינס, וואָס האָט מיט אַמאָל מיר אַ שטאָך געטהון אין האַרץ, און נישט אָפּגעבענדיג זיך נאָך קיין קלאָהרע רעכענונג פאַר וואָס, בין איך געבליבען שטעהן צעקאָכט.

די הינד האָבען דערשמעקט אַ מת—און דאָס אַפּנים, זענען זיי פון דער שטאָדט געקומען, אין דער האָפנונג חאַפּען אַ מנה יפה, אָפּלעקען דאָ אַ ביינדעל.

דאָס פערד ליגט אויסגעצויגען, קוים־קוים וואָס עס זיפּעט. די הינד פונדערווייטענס רוקען זיך פּאַמעליכען־צו אַלץ נעהענטער. גרויסע בייזע פליגען, גרינליכע מיט אַ גלאַנץ פון קופּער, דרעהען זיך ווי די מלאכי־הבלה, שטעלען זיך איהם אויף דעם אָנגעריבענעם ריקען, בייסען, זויגען דאָס בלוט, און איהם בעזעגט זיך נישט דער עק זיי אַוועקצושמייסען. באַלד אָבער נעהמט זיך עס צונויף מיט די לעצטע קרעפטען, פּערדרייסט אַרויף דעם האַלז, אויסדרעהענדיג צו מיר דעם קאָפּ, טהוט אַ שנאָרך, אַ זיפּץ און קוקט, קוקט מיר אין פּנים אַריין נאָר עפּיס ווי אַ מענש אַ גוסס, ווי עפּיס טאַקי מיט א פּאָר מענשליכע אויגען. זיין זיפץ האָט ווי אַ דונער מיך געטראָפען; זיין בליק האָט ווי אַ שפּיז מיך געשטאָכען—און איך האָב שוין געוואוסט, זעהר גוט געוואוסט פאַר וואָס. אוי וועה! דאָס איז דער זיפץ, דאָט חאָרחלען, דער בליק פון מיין קינד, אַ יונגעלע פון א יאָהר צוויי, בשעת עס האָט געגוס'ט, געפּאָכט מיט דער נשמה. די מוטער האָט מען פון איהם דערווייטערט, זי זאָל נישט צוזעהן דעם קינדס ליידען. זי וואָלט עס נישט געקאָנט איבערטראָגען. איך איינער בין געשטאַנען ביים קינדס בעטעלע. נאָכדעם ווי ס'איז געלעגען פאַרדולט, האָט זיך עס אויפגעחאַפּט. געחאָרחעלט, געזיפּצט, געמאַכט מיט די ליפּעליך, וואַרפענדיג היןֿ־הער מיט'ן קעפּעלע און זוכענדיג מיט פאַרגלאָצטע אויגעליך. דערזעהענדיג מיך, דעם בעטריבטען, מיט פאַרבראָכענע הענד שטעהענדיגען טאַטען, האָט עס געקוקט צו מיר מיט אַ בליק, וואָס האָט גערעדט, אויסגעדריקט עפּיס אַזוינס, וואָס אין

כּלל נישט פֿאַר אַ געזונט־קינדס מוח עס אויסצודריקען. עס האָט גערעדט נישט אַ קינטס, נאָר אַ מענשענס נשמה—אַ גייסט, א יי־נער, אַ אומפֿאַרענדערטליכער, וואָס ווייסט ניט פון קיין עלטער—יונג און אַלט. עס האָט אויסגעדרוקט אַזונס, וואָס קען האָבען פֿיל טייטשען, און יעדער מיט אַ געבראָכען האַרץ, וואָס האָט איבערגעלעבט דאָס און דעסגלייכען וואָס איך, וועט פֿיהלען און פֿאַרשטעהן, ווי איך האָב געפֿיהלט, ווי מיר, שטאַרק בעטריבטען פֿאָטער, האָט זיך אויסגעטייטשט מיין קינדס בליק, „אַך, רבונו של עולם, צו־וואָס האָב איך בעדאַרפֿט גאָר געבוי־רען ווערען, אַז איך שטאַרב אַזוי יונג? צו־וואָס אָזויפֿיל יסורים ביים קומען אויף דער וועלט און אַזויפֿיל צער ביים אַוועק־געהן פֿון איהר? און דאָס גאַנצע אויביגע געדרעה פֿון לעבען און טויט—הכּל היה מן העפר, אַלע בעשעפֿעניש בעהמען זיך פֿון דר׳ערד והכּל שב אל־העפר, און אַלע געהן־צוריק אין דר׳ערד—אָט דאָס אייביגע איבערחזר׳ן, מאַכען און אויסמאַכען, בעלעבען און בעגראָבען, אָט דאָס גאַנצע „כּי הני כּחומר״, צו־וואָס, רבונו של עולם, צו־וואָס?!״... אוי, טאַטע!—האָט דעם קינדס בליק צו מיר זיך געבעטען—אוי, עס טהוט וועה, טהוט וועה, טאַטע!... אָך־און־וועה איז דעם טאַטען!—וויינט אין מיר דאָס האַרץ—אויף צרות נאָר בין איך אַ טאַטע און דו אַ קינד, מעהר נישט טאַקע ווי אויף צרות. אויך די אייגענע מעשה טאַקי וואָס אַ פּריץ מיט זיינע פּויערים אַמאָל. דער פּריץ האָט מיט זיי געטהון וואָס ער וויל: געפּייניגט, פֿאַרקויפֿט, צושיידט גאַנצע הויזגעזינדען. אַ טאַטע איז ניט קיין טאַטע, אַ מאַמע ניט קיין מאַמע, אַ קינד ניט קיין קינד. אַלע דערפֿיהלען זיין גע־באָט... טהוען וואָס ער הייסט! — — —

אַך דיין בליק, דיין בליק, בידנע, שלימַזלדיג פּערד! איין בליק, איין אויסדרוק און איין אָנבליק ווי ביי מיין גוססדיג קינד, נישט צוזאָגען אַפילו קיין להבדיל. דער טויט גלייכט־אויס קליין און גרויס, מענש און בהמה, קיין אונ־טערשייד. ווי דאָס אָנהויב לעבען די ערשטע צייט אין דער מאַמעס בויך איז ביי אַלע מיני ברואים—פֿון איין שניט, איין

פאַרט, אַזוי אויך ביים סוף לעבען זענען אַלע בעשעפענישען גלייך. „דאָס וואָס מיט דעם מענשען—זאָגט קהלת—איז אויך מיט די בהמות, אַלץ איין שלאַק. איין טויט פאַר די און פאַר יע־נע, און איין גייסט ביי זיי אַלע".

דאָס פערד האָט פאַרלייגט מיט אַ קלאַפּ אין דר'ערד דעם קאָפּ צוריק, און איך האָב מיר פאַרשטעלט דאָס פנים מיט ביי־דע הענד. נישט דעריבער, כדי ניט צוזעהן דעם ביטערען טויט, נאָר פיל מעהר צוליב דעם, נישט אָנצוקוקען דעם גע־מאַכטען חן מיט דער לעבעדיגקייט פון דער נאַטור, וואָס האָט דענסטמאָל, אין דער שווערער מינוט, אויסגעזעהן ביי מיר ווי אַ פרוי אַ יאָלדאָווקע, וואָס אַליין איז זי אַ אַלטע סקראַבע, און דער גאַנצער פוטץ אויף איהר, פון קאָפּ ביז די פיס, מיט די אַריינגעשטעלטע ציין, ווי די פערעל, און רויט־געפאַרבטע באַ־קען, איז נאָר אַ געגנאַרטע זאַך.

אַוועקנעהמענדיג די הענד מיר פונ'ם פנים האָב איך שוין געזעהן ליגענדיג פאַר מיר אַ נבלה. הינד האָבען געקנורט, גע־שאַרפט די ציין און צוגעקומען שוין נאָהענט. דערביי טאַקי האָט זיך געלאָזט אויך הערען אַ געזאַנג—לידער פון פויגעל אויס דעם וואַלד אַקעגען. איך טהו אויף זיי אַלע אַ מאַך מיט דער האַנד און לאָז מיך געהן סטראַקס־געשווינד, איבערלאָזענדיג די הינד צו טהון דעם פגר זיין רעכט!

# פון מיין ספר הזכרונות

דער טאָג, פון וועלכען איך דערצעהל דאָ, איז געווען איינער פון די שענע זומער-טעג, ס׳איז געווען אַ קלאָרער ליכטיגער טאג. דער הימעל איז געווען לויטער און בלאָה, אונזער ערד איז אויך געווען שען און אָנגענעם, זי איז געווען אויסגעפוצט, ווי אַ כלה צו דער חתונה. איז געווען צוגעדעקט מיט אַ גרינעם שלייער פון קוויטען און בלומען און אַ ליבער חן איז אויף איהר געווען אויסגעגאָסען. דאַכט זיך אַלץ גוט — שען און ליכטיג, פרעהליך און אויפגעלעגט, יום-טוב און גליק! פונ-דעסטוועגען, קען איך ביז היינט נישט געדענקען דעם טאָג, נישט אָפּצוזיפצען ביטער אויף איהם. ס׳זעהט אויס, אַז גאָט האָט איהם מיר אומישנע צוגעשיקט, ווי אַ שענע בייזע פרוי, ער זאָל מיר פאַרביטערען דאָס לעבען.

נישט פאַר אייך געזאָגט, אַזאַ שלעכטע ביטערע צייט, ווי עס איז דעמעלסט געוועזן! ס׳איז געווען אַ צייט פון מלחמה

*) איבערזעצט פון העברעאישען.

פון אַ בייזער מלחמה מיט אַ שטאַרקען פיינד אויפ'ן וויטען מזרח.ביידע מלוכות, וואָס האָבן געפיהרט די קריעג זענען געווען זעהר שטאַרק, ביידע האָבען זיך העלדיש געשלאָגען, פון ביידע זייטען זענען געפאַלען אַ סך גע'הרג'עטע און בלוט האָט זיך געגאָסען ווי וואַסער. אין יענער צייט זענען נאָך נישט געווען קיין אַעראָפּלאַנען און אונטערוואַסער-שיפלעך ווי היינט, אָבער די כלי-זין, וואָס זענען דעמעלסט געווען, האָבען אויך בעוויזען אויסצוהרג'ענען און אומצובּרענגען אַ סך מענשען אין איין טאָג, חרוב צו מאַכען שטעדט און לענדער און מאַכען פון בעוואַקסענע פעלדער, גערטענער און סעדער—אַ וויסטע מדבר. ס'איז געווען אַ צייט פון צער און וועהטאָג, עס זענען אָפּגעריסען געוואָרען קינדער פון עלטערען און עלטערען פון קינדער און זענען פערטריבען געוואָרען אין וויטע לענדער אין מיליטער אַריין.

מיין איידעם, אַ יונגער געניטער דאָקטאָר, איז גערופען געוואָרען צו דינסט אין מיליטער ווי אַלע דאָקטוירים. ער פערלאָזט זיין היים, זיין ווייב און קינדער און זיין פרנסה און ווערט פערטריבען קיין מאַנזשוריע, דאָרט וואו עס דינערען די האַרמאַטען און עס קאָכט די מלחמה, ער זאָל דאָרט פערבונדען די וואונדען און אָבשניידען אברים פון לעבעדיגע מענשען. און זיין ווייב, דאָס איז מיין ליבע טאָכטער, האָט צוריקגעקעהרט צו מיר אין שטוב, אַ היים צו איהר פאָטער, זי מיט איהרע צוויי קליינע קינדער, צו וואוינען ביי מיר איבער דער שלעכטער צייט. זיי האַלטען כסדר אין איין וואַרטען און אויסקוקען, זיי וואַרטען אויף בריעף פון זייער ליעבען, האָפען זיך צו דערוויסען, וואו געפינט זיך זייער טייערער און וואָס ער מאַכט, בענקען נאָך איהם, האָבען עגמת-נפש און טראַכטען פון איהם שטענדיג אפילו אין חלום ביינאַכט—ס'איז דאָך מלחמה-צייט, וואָס משטיינס געזאָגט איז אַ מענשליך לעבען?—שפינוועבס! אַלע זענען גלייך, יעדען קען טרעפען די קויל!

און אין דער שלעכטער צייט האָט מיין טאָכטער גענומען געהן צו קינד און האָט געבוירען—און צוזאַמען קומען צוויי קאָנטראַסטען: אַ געפיהל פון טרויער און אַן אָנגענעם געפיהל;

אַ מזל טוב כּהלכה און דערבּיי יגון ואנחה. אויסערליך אַ שיינע־דיג פּנים, אַ גדולה און אַ פרייד, און אין האַרצען—טרויער און לייד, און דאָס האָט נאָך מעהר פערגרעסערט מיין צער. דער צער האָט געבּראַכט צו רחמנות. און דער רחמנות האָט פער־גרעסערט די ליבּשאַפט צו דער געווינערין, די געליעבּטע און פערשעהמטע און אויך צום פעָרשעהמטען קינד, צום לעבּעדיגען יתום אָהן אַ טאַטען.

כ׳האָבּ נישט קיין נחת אין שטוּת און האָבּ נישט קיין שלום, בּרודערשאַפט און גוטפריינדשאַפט אין דער גאַנצער שטאָדט. עלענד און אַליין בּין איך דאָרט. אַלע זענען דאָרט מענשען נור לויט זייער לאַנד, רעליגיע, מיינונגען און פּאַרטייען. יעדער פּאַרטיי וויל צוריקדרעהן דעם גלגל פון דער געשיכטע לויט איהר ווילען. די־דערנענטערען ווייטע און די—דערווייטערען נאָענטע מיט שנאה, קנאה און נישט פערגינערייּ. יעדער חברה האַט זיך פּאַרן אויבּערשטען פון שטייסעל, פּאַר׳ן עיקר אויף דער וועלט און פּאַר׳ן תכלית פון דער וועלט. און די מיטגלידער פון יעדער חברה פּוצען אויס איינער דעם אַנדערען ווי די זונות—אַלע זענען „מאַכערס” גרויסע ווייסערס, אָרדענער און גרויסע קעפּ. דאָס לאַנד איז זייער, און דער ישוב איז זייער, און די פּראָסטע יודען, וואָס געפונען זיך נישט אין זייער חברה, צו זיי, זאָגט מען ווי צו די פּאָעטען בּיי דער „ערד צעטיילונג” פון שילערן, אייך קומט גאָר נישט, גאָט איז אייער פאַרמעגען!

ווען נישט דאָס שפּאַציערען אין פעלד, און די זיסע נאַ־טור מיט וועלכער איך פאַרבּרענג, וואָלט איך אומגעקומען פון צרות. איך האָבּ געקענט אַ בּעקאַנטען אַ דאָרפסמאַן, וואָס האָט געוואוינט אַרויס פון שטאָדט, אין וועמענס שכנות איך האָבּ פאַר־יאָהרען זומער געוואוינט מיט מיין הויגעזונד. דאָס איז אַ מענש אַנ׳ערד אַרבּייטער אין זיין אייגענע פערמע, אַ מענש, וואָס אַקערט און זייעט און טהוט יעדער אַרבּייט, און אַלע פון זיין פאַמיליע, פון קליין בּיז גרויס העלפען איהם צו: די זיהן שניידען די לאַנ־קעס, לאַדעווען אויף די בּינטלעך און ברענגען זיי צופיהרען אין שייער. די פרויען פּיעלען די גערטענער, מעלקען די בּהמות,

גיבען אַכטונג אויף די עופות, זעצען אַוועק די היהנער אויף די אייער, באַקען, קאָכען און וואַשען, קנעטען צענויף דאָס מיסט פון די רינדער מיט שטרוי און טרוקענען עס אויף דער זון, עס זאָל זיין צום הייצען. די קינדער פּאַשען אויף דער לאָנקע; אין צייט פון שניט—און אַלע שניידען, בינדען און טראָגען צע-נויף די סנאָפּעס. מליטשען, רייניגען, זיפּען און אַלץ ווערט גע-טהון מיט געזאַנג און מיט לידער. „מילב" האָב איך אַ נאָמען געגעבען דעם מענש אין זיין הויז—„מוראַווייניק". כ'האָב גע-פאָלגט די רייד פון שלמה המלך און איך פלעג פון צייט צו צייט געהן צו דער דאָזיגער מילב און צוגעקוקט ווי די מילבען, די דאָזיגע קליינע מענשעלעך, גרייטען אָן אום זומער זייער ברויט, אַרבייטען מיט פלייס און זענען עוסק בישובו של עולם. איך האָב זיך געפרייד מיט זיי און אויך זיי האָבען זיך געפרייד מיט מיר.

אַזוי האָב איך גוט פערבראַכט דעם פערגאַנגענעם זומער, און אין אַ יאָהר אַרום, אין דעם אַנדערען זומער, האָב איך נישט געקענט איבערטראָגען די שטאָדט און ס'איז מיר מיאוס געוואָ-רען דאָס לעבען איבער דעם טומעל און רעש און שווערען לע-בען אין די גרויסע שטעדט. ס'איז אַנ'אַנדער לופט, אַנ'אַנדער וועלט, אַ בהלה און אַ מהומה! די וויסענשאַפט לאָזט זיך הערען, די צווילעזאַציע שרייט אויפ'ן קול—אַ רעש פון דראָזשקעס און פון רעדער אויף די שטיינער פון גאַס; אַ געשרייערייי און אַ שפּילערייי; גראַמעפאָנען, פּאָרטעפּיאַנעס און סימפאָניעס פון די הייזער און קאַטרינקעס אין דרויסען. הענדלער, סוחרים פון אַלטוואַרג, קליינוואַרג, צייטונגס-פערקויפער און גלאַט פערקויפער לויפען אַרום איבער די גאַסען, שרייען אויס זייערע סחורות און זאָגען ליגענט און נאַרען אָב! סלופּעס און סלופּעס, פון לאַמטערנעס, פון טעלעגראַף, פון טעלעפאָן און פון עלעקטרי שטעהן ווי שטאָדט-וועכטער אויף דער וואַך מיט גרויס חוצפּא און איבער זיי ציהען זיך דראָטען און דראָטען. בקצור: די גאַנצע שטאָדט ווי זי שטעהט און געהט—מיט איהרע קלייטען, מיט די באַנק-הייזער, מיט די בירזעס פאַר איהרע סוחרים,

העגדלער און מעקלער, מיט הייזער וואו מען קומט זיך צענויף שפילען אין קאָרטען, מיט די שענקען פאַר איהרע פרעסער און זויפער, שכורים און הוליאַקעס און מיט איהרע זנות-הייזלעך, אויך מיט איהרע היכלע קאַמעניצעס און פאַלאַצען פון איהרע עשירים מיט די נידעריגע שטיבלעך און חורבות, פינסטערע נאַסע דירות אין אינטערשטען שטאָק, קעלער־שטובען און היילען פאַר איהרע אָרימעלייט, און אַ גרויס געמיש פון משונה׳דיגע צורות און משונה׳דיגע באַשעפענישען—איהרע מנהיגים און רעדעל-פיהרער, מיט איהרע רמ״ח חכמים און שס״ה טפשים, שרפ״ט עזות-פנים׳ער און תתקע״ט גבאים און בעלי-טובות, אָהן אַ שיעור חברות, אסיפות ,רעדנער און אָרדענער, וואוילטעטיגקייט און אָרימקייט מיט זיבען נעמען: אָרימאַן, אביון, קבצן, אָבגעריסענער, פערוואַגלטער, פערלאָזטער, פערשטויסענער און נאָך און נאָך מיני קבצנים.

און אַז ס׳איז מיר געוואָרען איבעלדיג אויפ׳ן האַרצען פון דער שטאָדט מיט איהר געטומעל און נאַרישקייטען, און מיין בענקשאַפט צום דאָרף איז שוין געווען נישט אויסצוהאַלטען,—בין איך מיר אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירען אין פעלד אַריין און מיינע פיס האָבען מיר שוין אַליין געפיהרט ביז צום הויז פון מיין באַקאַנטען—צו דעם „מורעווייניק״.

איינמאָל, אַז איך בין בעת׳ן שפּאַצירער אָנגעקומען צו דעם הויז, זענען מיר די מילבען אַנטקעגען געלאָפען מיט אַ גוטער בשורה: די רויטע קוה אונזערע האָט געהאַט אַ קעלבעל! אויך איך האָב זיי געזאָגט: אויך מיין טאָכטער האָט געהאַט אַ יונגעל! און מיר האָבען צוגעווינטשען די געווינערינס, יעדע ווי עס פּאַסט פאַר איהר: איך האָב צוגעווינטשען די קוה זי זאָל געבען אַ סך מילך און פוטער, און זיי—מיין טאָכטער, זי זאָל מגדל זיין איהר זון מיט מזל, לחופה ולמעשים טובים! ס׳איז געקומען די צייט צו מעלקען די בהמות די סטאַדע איז אָנגעקומען פון פעלד. אַלע בהמות געהן זיך געלאַסען און שאָקלען צו מיט די קעפ ביי יעדען טריט, זענען אונטערטעניג און שווייגען ווי כשר׳ע צנועות׳דיגע ווייבער, און די רויטע איילט זיך און לויפט ווי

אַ פערשייטע, שמייסט מיט'ן ווידעל און מרוטשעט מיט אַ קול שופר וואָס רייסט זיך פון בויך אַרויס, שטופט זיך דורך און געהט אַריין די ערשטע אין פּאָדוויר אַריין, נישט אָבגעבענדיג קיין כבוד די עלטערע פון איהר. און דאָס יונגע קעלבעל, וואָס איז אײנגאַנצען רויט און האָט אַ ווייסען פלעק אויפ'ן שטערען, ווי נאָר עס האָט דערשמעקט די מוטער, האָט עס באַלד פעריסען דעם ווידעל, האָט אָנגעהויבען שפּרינגען און האָצקען און איהר אַנטקעגען געלאָפען, האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף די פאָדערשטע קניהען און מיט גרויס גלוסטונג זייגט עס פון איהר אייטער. די מוטער דרעהט אויס דעם קאָפּ און לעקט איהר קעלבעל מיט גרויס נחת און דערבאַרמונג. קיינמאָל וועל איך נישט פערגעסען ווי זי האָט אויסגעשטעלט אויף מיר איהרע אויגען און געקוקט אויף מיר ווען איך האָב מיט דער האַנט געגלעט דאָס קעלבעל איבערען האַלז. אַ סך זאַכען זענען געלעגען אין דעם דאָזיגען קוקען: ס'איז געווען אין דעם שרעק, איך זאָל חס ושלום נישט דערקוועטשען דאָס קעלבעל. ס'איז געלעגען אין דעם גרויסקייט, וואָס זי האָט זיך געגרויסט מיט איהר טייער קינד, די פרייד איהרע. ס'איז אין דעם געווען אַ פערגעניגען, וואָס איך אַ מענש, וואָס געה אויף צוויי פיס און בין דער האַר פון אַלע בהמות גלעט עס. און ווער ווייסט, וואָס עס טהוט זיך ביי אַ בהמה אין האַרצען: אפשר ווייסט זי דאָס טראַכטונג פון מענשען און זי ווייסט, וואָס איך האָב זינען. און באמת האָב איך דעמעלסט אַ סך געטראַכט—קוקענדיג אויף דער קוה מיט'ן קעלבעל האָב איך מיט ליעבשאַפט געדענקט אָן מיין טאָכטער און אייניקעל און האָב געקריגען גרויס רחמנות צו זיי. כ'האָב געטראַכט וועגען מענשען און בהמות און מיר איז אייגעפאַלען: אָט איז אַ בהמה—וי פיהלט דאָך אויך און פערשטעהט; זי האָט אויך ליעב איהר קינד, בענקט צו דעם, זייגט עס, לעקט עס, און שמועסט זיך מיט דעם איבער אויף איהר לשון אויפ'ן לשון פון חיות און עופות. כ'בין געשטאַנען און געטראַכט, וועגען דעם אונטערשיד צווישען איהר און איהר קעלבעל און מיין טאָכטער מיט איהר קינד. די דאָזיגע בהמה האָט געווינען און באַלד איז זי אויפ-

געשטאַנען, זיך אָבגעטרייסעלט און זיך געגאַנגען איהר וועגס. און מיין טאַכטער, להבדיל, האָט שווער געווינען און זי איז נאָך קראַנק און קען צו זיך נישט קומען. און דאָס קעלבעל— ווי נאָר ס׳איז אַרויס פון דער מוטערס בויך און דערזעהן די ליכטיגע וועלט, האָט זיך עס באַלד געשטעלט אויף די פיס, האָט אָנגעהויבען שמייסען מיט׳ן ווידעל און אַרומשפרונגען און פער־ברענגט אין פערגעניגען. נישט געוויקעלט, נישט געהילט, נישט איינגעדעקט אין קיין בעטגעוואַנד און איז געזונט און שטאַרק! און מיין אייניקעל, דער טאַכטערס יונגעל, איז געבוירען געוואָ־אַ גולם, צו אַכט טעג האָט מען איהם מל געווען און יסורים זענען שוין אויף איהם געקומען—ער האָט געשריגען און גע־וויינט פון גרוים וועהטאָג, און נאָך איצט ליגט זיך דער דאָזי־גער חתן-דמים, איינגעוויקעלט און איינגעהילט ווי אַ וואָרעם אין זיין זעקעלע און ריהרט נישט מיט קיין אבר, און ביז ער וועט אויסוואַקסען און זיך שטעלען אויף די פיס איז ער נאָך אָנגע־גרייט צוליידן כלערליי יסורים און חלאים—מאָזלען, כריפקע און פאָקען און נאָך אַזעלכע, און דערנאָך בויך-וועהטאָג און צייהן-וועהטאָג. כ׳האָב אויך געטראַכט וועגען מיין בעקאַנטען דאָרפספויער, דער דאָזיגער פּראָסטאַק און פויער ווייסט נישט פון קיין שום אָנגענומענע פּיערלצען און לעבט זיך שטיל און רוהיג. כ׳האָב פערגלייכט איהם און זיין הויז-געזונד מיט די חכמים און חכמות פון מיינע שטאָדטלייד, כ׳האָב זיי פערגלייכט, געטראַכט און געשוויגען! — — —

דער דאָזיגער זומער טאָג, פון וועלכן עס ווערט
דאָ, דערצעהלט. איז געקומען ווי אַ אָנגעלעגטער גאַסט נאָך אַ סך
כמורנע, רעגענדיגע טעג און האָט באַגריסט די מענשען מיט אַ
„גוט מאָרגען" און מיט אַ גערויטעלט פנים—מיט דער שענער
זון. און ווי טייער איז מיר געווען דער דאָזיגער טאָג, וואָס
האָט זיך באַוויזען צו מיר באַלד בעגינען, ווען איך בין נאָך
געלעגען אין בעט און האָט מיך אַרויסגעפיהרט אין דרויסען
צו זעהן זיין שענקייט און זיך קוויקען מיט איהם—און צו דער־
קוויקונג און רוה האָב איך געבענקט מיט'ן גאַנצען האַרצען און
מיט אַלע מיינע חושים און רמ"ח אברים מיינע, נאָכדעם ווי
איך בין עטליכע טעג כסדר געזעסען אין שטוב, זיך געפיי-
ניגט מיט לייענען פוסטע ביכלעך, מיט משונה'דיגע שאלות און
פראַגען, וואָס די וועלט דאַרף דאָס נישט האָבען. געטראַכט
האָב איך זיך: אָט אויף דעם טאָג האָב איך געוואַרט, כ'וועל
אַרויסגעהן אין פעלד אַריין, וועל זיך פרייען און שפּאַציערען
־אָרט.

אונ צו דער גוטער מחשבה בעהעפט מיין גייסט גע־
זאַנג, אונ עס זינגט אין מיר נישט ווילענדיג. אָט דאָס איז
דאָך דאָס געטליכע געזאַנג פון וועלטבעשאַפונג פון תהו־ובהו
אַרויס; דאָס איז דער גייסט, וואָס קומט פאַר דער בעשאַפונג;
דאָס איז דאָס געטליכע, וואָס האָט געשוועבט איבערן תהום
איידער די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען, אונ וואָס שוועבט
אין אַלעמען זינט די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען—מאַכט שאָר־
כען די הויכע גראָזען ביים טייך, מאַכט שורשען די וואַקסענ־
דיגע תבואה אונ מאַכט זינגען די ביימער אין וואַלד, באַפעלט
די וואַסערען פון ים אונ עס ברומען זיינע כוואַליעס. אונ דאָס
איז דער גייסט אין מענש, וואָס שפּיעלט אין איהם פערבאָר־
גען—אויף די נערווען אונ סטרונעס פון זיין נשמה; דערוועקט
זיי אונ ברענגט זיי אין בעוועגונג; פון איהם קומען די גע־
פיהלען אונ געדאַנקען; אונ אַלע מעשים, גוטע אונ שלעכטע,
גרינגע אונ שווערע, טרויריגע אונ פרעהליכע אַלע זענען לויט
זיין באַפעהל. לויט׳ן זינגען איז דאָס טהון. ווי עס זינגט זיך
אַזוי טאַנצט זיך—דאָס איז „דער גייסט פון הימעל״ דער „רוח
הקודש״ דאָס „בת קול״ וואָס דערוועקט זיך ביי די נביאים
אונ אין טיפעניש פון דער נשמה ביי די פּאָעטען, אונ דאָס
קול פון פאַרבאָרגען געזאַנג קלייד זיך אָן אין ווערטער, וואָס
געהן אַרויס פון זייער מויל. אונ אויך פּראָסטע מענטשן ווען
עס הייבט אָן שפּיעלען דער גייסט אויף זייערע נערוועז, עפּע־
נען זיי אַ מויל ווילענדיג אונ נישט ווילענדיג אונ זיי זינגען
פון פערגעניגען אָדער פון האַרצוועהטאָג, אין דער הייך אָדער
אין דער שטיל, מיט אַ שטיל דין קול.

מיין שטיל געזאַנג פון גרויס פערגעניגען אין דעם דאָ־
זיגען אָנגענעמען פריהמאָרגען, בעהעפט זיך אין מיר צו זיסע
געדאַנקען אונ געפיהלען, אונ אויפ׳ן זינען קומט מיר אַ גרויסע
אידיליע פון דאָרפישען לעבען ווי זי שטעהט אונ געהט—אַ
פּראָסט פשוט לעבען; אַ לעבען פון רוה אונ פרידען, פון אַר־
בעט אונ גוטען שכר. פויערים אַקערען אונ זייהען, שניידען
אונ נעהמען צענויף זייערע סנאָפּעס מיט געזאַנג. זיי לעבען

שטיל און צופרידען. רוהיג און גליקלעך זענען די וואָס וואוי־
נען אין די קליינע נידעריגע שטיבלעך, וואָס זענען פערזונקען
צווישען גראָז אוןביימער ווי פויגעל־נעסטען. די שייערען זע־
נען פול מיט תבואה פאַר זיי צו עסען און מיט היי פאַר די
בהמות. אין די שפייכלערס איז פאַרהאַן גענוג גאָרטען־פּרוכטען.
עופות לעגען אייער, זיצען זיי אויס און עס פּיקען זיך אויס
קליינוואַרג. מילך בהמות און רינדער פּאַשען זיך אויף לאָנקעס,
אויך קעלבער און שעפסען זענען דאָרט, לויפען אַרום, שפּרינ־
גען אַרום און הינד—זייערע וועכטער—לויפען נאָך זיי. די פּאַס־
טוכער מיט זייערע געליבטע פייפען אויף פייפלעך און זיצען
צווישען די בייטען, קלויבען געוויקסען אויפן פעלד און שוואַ־
מען אין די וועלדער. מענש, בהמה און פויגעל אַלע לעבען
פרעהליך ווי פערצייטענס זייערע ערשטע עלטערען אין גן־עדן!

און עס קומט מיר אויפן געדאַנק מיין בעקאַנטער דאָרפס־
פויער, די מילב און זיין הויז, דער איינזאַמער „מוראַווייניק",
און דאָס פעלד פון תבואה—קאָרן, ווייץ און גערשטען רינגלען
זיך אַרום פון אַלע זייטען צוזאַמען מיט די גערטנער פון גרינס:
פּאַסאָליעס, אַרבעס, קאַרטאָפּעל, קרויט און אַנדערע מינים. און
פאַרן טויער פון געפלאָכטענעם פּלויט, ליגען בהמות און קעל־
בער אין שאָטען פון ביימער און זענען מעלה־גרה, אַז זיי קו־
מען פון דער פּאַשע בייטאָג אין דער היץ. אין די דאָזיגע
רוהיגע שטילע ערטער, וואָלט איך שפּאַצירט פון פאַרטאָג ביז
שפּעט אין דערנאַכט אַריין צוזאַמען מיט די פייגעל. דאָרט
וואָלט איך זיך ביי אַ סאַזשעווקע אויסגעצויגען אויפן פרישען
גראָז, וואָלט אָנגעשטרענגט מיינע אויערען און געהערט ווי עס
קלאַפּט דער דפק פון דער נאַטור. וואָלט זיך צוגעהערט צום
זשומען פון דער גריל אין גראָז, און דאָס שפּרינגען פון היי־
שעריג וואָס שפּרינגט צווישען די געוויקסען; דאָס ברומען פון
פליגען און דאָס רעשן פון ביהנען וואָס פליהען אַרום אין
לופטען; דאָס בילען פון הונד, דאָס כאָרכלען פון האָן, דאָס
הירזשען פון געפּענטעטען פערד וואָס געהט אַרום אויף דער
פּאַשע און די שטים, וואָס דער ווינט ברענגט פון מרחקים. איך

האָב זיך אויך דערמאָהנט אין יונגען קעלבעל מיט דעם שע־
נעם קאָפּ און אויערען און מיטן ווייסען פלעק אויפן שטערען,
ווען עס שטעהט אַראָבגעלאָזט אויף די קניהען און זייגט דעם
אייטער פון דער מוטער, וואָס לעקט עס מיט גרויס רחמים.
און אָט די מוטער מיט איהר קינד—דערמאָהנען מיר מיינע
טייערע, מיין טאַטער און מיין אייניקעל, ווי זי דערלאַנגט
איהם די ברוסט מיט ליעבשאַפט, און ער שטרעקט אויס דאָס
מיילעכעל ווי אַ רעהרעל, כאַפּט אָן דעם פּטים פון
דער ברוסט און זייגט און לאָזט נישט אָב ביז ער ווערט
איינגעשלאָפען. איך שטעל זיך פאָר מיין אייניקעל אין דעם
מעמד און עס הייבט מיך אָן צו ציהען צו איהם, ער ווערט
מיר זעהר טייער!

און דעמעלסט, ווען איך האָב געטראַכט פון מיין אייני־
קעל, פון קעלבעל און דער קוה, איז מיר איינגעפאַלען אָנצו־
טהון אַ נחת רוח מיין ווייב און איך האָב מיר געטראַכט: היינט
וועל איך געהן צום „מוראַווייניק", וועל ברענגען מילך און
פוטער פון דער דאָזיגער קוה און זאָל זי מאַכען בלינטשיקעס
און מיר וועלען גוט אָפּעסען. אָבער באַלד האָב איך זיך בע־
דענקט—האַ, וואָס ווילסטו טהון! דו ווערסט עסען און דאָס קעל־
בעל וועט בלייבען הונגעריג, דו ווערסט צונעהמען די מילך פון
דער מוטער און דערווייל וועט דאָס קעלבעל נישט האָבען!
האָב איך זיך בעראָטען און געטהון אַ חסד מיט דעם ליעבען
קעלבעל. האָב פערביטען די מוטער אויף אַן אַנדער קוה און
געהאַלטען, אַז איך טהו אַ גוטע זאַך. און איך טראַכט און זינג
אין איין אָטעם אַ בים־באָם, צום אָנפאַנג שטיל, מיט אַ שוואַך
קול און דערנאָך הויך און אויף אַ געלענגעל מיט׳ן האַלז און
מיט געבעט ביז מיין ווייב האָט זיך דערשראָקען און אויסגע־
שטעלט אויף מיר אַ פּנים פון רוגז און וואונדער ווי זי וואָלט
געפרעגט:

—וואָס איז מיט דיר?

—איך וועל געהן אין „מוראַווייניק"... כ׳וועל ברענגען
קעז און פוטער און ווערסט היינט מאַכען בלינטשיקעס, ווערסט

מאַכען—האָב איך געזאָגט צו מיין ווייב, ווערענדיג אַ ביסעל מבולבל פון מיין ווייבס כעס׳עדיגען בליק.

—וואָס איז עפּעס היינט אַזוינס?—האָט זי צו מיר געזאָגט מיט אַ טאָן פון וואונדער—וואָס איז עפּעס פּלוצלונג די שמחה מיט דיר?

—און אפשר גאָר וועלען מיר ביידע געהן שפּאַציערען? דער פריהמאָרגען איז דאָך אַזאַ שענער און עס איז איצט גוט צו שפּאַציערען—האָב איך געזאָגט צו איהר מיט ווייכקייט כדי צו פערגליטיגען מיין מערכה. און זי ענטפערט מיר, מיט אַ דרדה פון דער נאָז, מיט וואונדער און מיט אַ ניגון:

—צי דער מענש איז משוגע געוואָרען, צי וואָס? נעהם גאָר אין מיטען דערינען, וואַרף אַוועק אַלע אַרבייטען און געה מיט איהם שפּאַציערען באַלד בעגינען!

פונ׳ם ניגון פון מיין ווייב, וואָס איז בטבע אַ גוּ־טע, אַ דימענט, האָב איך פערשטאַנען אַז זי האָט איצט עפּיס עגמת נפש, און איהר כעס האָט מיך אַ ביסעל אָפּגעקיהלט און איך האָב אָנגעהויבען רוהיג און שטיל זיך צו מאַכען דעם פּלאַן פון טאָג. מיין געמיטה, ווי דאָס וועטער, האָט אַ טבע זיך שטענדיג צו פערענדערען. און אין די טעג איז גאָר לייכט געוועזען מיין געמיטה זאָל זיך משנה זיין. פערשלעפּטע קרענק, אָדער נערוועזן מגפה האָט מען גערופען צו די פערענדערונגען פון געמיטה, וואָס האָט אַ טבע איבערצוגעהן פון איין געפיהל צו אַנדערען: פון טרויער צו פרייד, פון אַ גוטער האָפענונג צו יאוש, פון געזאַנג צו קלאָגעריי, פון ליבשאַפט צו פיינדשאַפט פון געבעט צו לעסטערונג, און פערקעהרט, ווי עס פערענדערט זיך דאָס וועטער אום ווינטער צעהן מאָל אין דער מינוט.

פון מיין טאָכטערס צימער האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ שטים, דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ געוויין און אַ גרויס ביטער געשרעה און מען קען איהם נישט איינשטילען נישט מיט דער ברוסט, נישט מיטן וויגען דאָס וויגעל און נישט מיט אָבשפּרעכען אַ גוט אויג. די שכנות קו־מען צולויפען מיט זייערע תחבולות—איינע מיט קאָלערען אייער

און די צווייטע מיט גיסען וואַקס און נאָך אַזעלכע זאַכען און דאָס קינד שרייט, ציהט די פיסלעך צום בייכעל, זיפצט און פערגעהט זיך אין געוויין און הערט נישט אויף. מיין טאָכטער וויינט אויף איהר קינד, מיין ווייב וויינט אויך און מיר איז ביטער. דאָס געוויין פון קינד שטעכט מיין לייב ווי מיט נאָדלען.

איז אָנגעקומען דער צייטונג־טרעגער און דערלאַנגט מיר אַריין דורך דער טהיר די טאָגצייטונג ווי זיין שטייגער איז. איך היפער איבער די מאמרים און די טאָג־כראָניק און הייב אָן צו לייענען די נעמען פון די מיליטער־לייט וואָס זענען פערוואונדעט און געהרגעט געוואָרען אין דער מלחמה. פון צווישען די וואָס זענען שווער פערוואונדעט געוואָרען אויפן פונקט ווי מען פערבינד די קראַנקע, האָט מיר אַ וואונק געטהון אין די אויגען ווי דער נאָמען פון מיין איידעם—און איך בין דערציטערט געוואָרען! איך האָב זיך גוט איינגעקוקט און געפונען אַז איין אות פון נאָמען איז מטושטש, און נאָך איין אות ווי אַ פינטעלע וואָס אַ פליעג מאַכט אָן, איז געזעסען אויף דעם, און אויב דאָס איז אַפילו נישט זיכער דער נאָמען פון מיין איידעם, אָבער אויך אַ ספק איז געווען גענוג עס זאָל צערודערן מיינע אָדערען, צושטורמען מיין געמיטה און אויפקאָכען מיין בלוט ביז דער העכסטער מדרגה. אַלע מיינע נערוועז זענען געוואָרען אַ פידעל פאַר מיין שטורמיג געמיטה.—און עס ווערט אין מיר אַ ברומעריי, אַ טרויעריג געזאַנג און אַ טומעל! מיין האַרץ וועהטאָגט אויף מיין איידעם, אויף מיין טאָכטער און אויף זייערע קליינע קינדער. איך שטעל מיר פאָר אין דמיון זייער פאָטער ווי ער ליגט צווישען פאַרוואונדעטע, דערשטאָכענע און געפאַלענע, טויטע מענשען און פגרים פון בהמות צוזאַמען, אָפגעהאַקטע קעפּ, אָפגעריסענע אברים, צעבראָכענע און צעריסענע, און מיין האַרץ העלפט מיר צו און זאָגט: געשטאָרבען זייער טאַטע, און דערפאַר וויינט דאָס קינד און קלאָגט. ער פיהלט אַז ער איז אַ יתום און האָט מעהר קיין טאַטען נישט!

דאָס געוויין פון ליעבען קינד און די מעשה מיט מיין אומגליקליכען איידעם, האָבען מיך דערשלאָגען און אַרויסגע־טריבען פון שטוב. געפיהלען פון צער און דערבאַרמונג, יסורים און ליידען שטעהן מיר אין האַלז און שטיקען מיך—דאָס שלאַכט־פעלד פערוואָרפען מיט מענשליכע קערפער. אַ שאלעריי, האַר־מאַטען דונערען. בלוט און פייער, געהרגעטע און מענשען וואָס הויכען אויס די נשמה, און פערוואונדעטע וואַרפען זיך. רויב־פייגעל און קראָהען פיקען אין די לייבער און פליהען אַוועק און הינט שלעפען מיט די פיסקעס! איך געה אויפגערעגט און צומישט און איך ווייס נישט וואו איך געה און וואו די פיס טראָגען מיך. און אָט איז דאָס פעלד און דער גלאַנץ פון שאַרפען סערפּ בלאַנקט פאַר מיר. די זאַנגען ווערען אונטער־געשניטען און פאַלען אין גלייכע שורות—זייער שניט איז גע־קומען! נאָך די שניטער קומען בינדער, לאָזען זיך אויף די געפאַלענע און נעמען זיי צענויף אין קופּעס וואָס ליגען ווי כוואַליעס אויפן פעלד. אַקעגן זיי שטעהן נאָך גאַנצע לעגיאָ־נען תבואה, יעדער לויט זיין מין, הויך און קאָליער. דאָרט

איז דער ווייך, דאָס אייבערשטע פון שטייסעל אין דער משפחה פון געוויקסען, ער שטעהט ערענסט מיט געזונקענעם קאָפּ, אין גלאַנץ פון אַ גאָלד־קאַליער. נעבען איהם שטעהט דער קאָרען, פון וועלכען מען מאַהלט מעהל. דאָרט שטעהט אויך דער קלענסטער צווישען די תּבוּאות און דער זאַנג זיינער זעהט אויס ווי דער ווידעל פון אַ פוקס און דערנעבען שטעהט דער גערשטען אין גרויסע מאַסען, אַלע זענען גרייט צו פאַלען צווישען די געפאַלענע פון סערפּ אויף זייער ערד אין פעלד. פון צווישען די קופּעס פון די דאָזיגע בחורים, הער איך אַ וויינענדיגע שטים. דאָס איז די שטים פון „קדיש״, וואָס עס זאָגט דער אַלטער איינגעבויגענער און אַרומגעצופּטער בוים! איינער אַליין שטעהט ער אין מיטען פעלד, דאָס גרויסע קרבּנות־פעלד, בּרומט און קלאָגט, בּרעכט זיך די הענד און בּייגט דעם קאָפּ צו דער ערד.. קליינע פעלד־בּלימלעך, איבּערגעבּליבענע פון זומער, פערלאָזטע יתומים אָהן אַ שוץ און אַ שאָטען ווערען זיי איינגעשרומפּען, פערוויאַנעט בייטאָג און פאַלען אויף די פּנימער... וועה, וועה מיין טאָכטער, אוי מיין איידעם, אוי־אוי מיין אייניקעל! — האָט מיין האַרץ אין מיר געשריגען, און מיין שטורעמדיגע פאַנטאַזיע האָט מיך געטראָגען ווייט ווייט פון דאַנען און איך האָב נישט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט מיר.

איך האָב דערהערט אַ שטורמדיג קול, בין צו זיך געקו־מען — און דער ים ליגט פאַר מיר. דאָס בּרומט דער שוואַרצער ים, האַלט אין איין שטורמען. ווי שטאַרקע פערד מיט אויפ־געשטעלטע גזשיוועס, וואָס האָבען צעריסען די לעצעס און אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די ציימלעך, הירזשען און ווילדעווען מיט צאָרען — אַזוי שלאָגען און שטויסען זיך די קלאָרע שטאַר־קע ים־כּוואַליעס. איינע שטופּט די צווייטע, טרייבּען און ווע־רען געטריבּען, פאַלען אַרויף אויף שפּיציגע שטיינער און ווע־רען צעשלאָגען אָן פעלזען און שטיינער, וואָס שטעהן פאַר זיי בּיים בּרעג. דער דאָזיגער שטורעמדיגער ים איז פאַר מיר אַ דערקוויקונג. זאָל שטורמען דער ים און הויך בּרומען. זיין

ליאַרמען פערשרייט דאָס געשריי פון מיין האַרץ. דער שטורעם אין מיר מישט זיך אויס מיטן שטורמען פון זיינע וואַסערן און ווערט אַלץ מעהר פערלוירען, און דאָס בילד פון טיפען תהום פערשטעלט דאָס בילד פון מיין דמיון—און איך באַרוהיג זיך!

נעהם איך אַרויס פון בוזעם צום רויכערן: די פּושקע טיטון און די שוועבעלעך, פערדריי אַ פּאַפּיראָס, פאַרויך איהם און לאָז רויך, און דער רויך געהט אַרויף אין רעדעלעך. דערפיהלענדיג דעם ריח פון מיין גוטען פּאַפּיראָס איז צוגעקומען איינער, וואָס האָט דאָרט שפּאַציערט, צו פאַרייכערען ביי מיר זיין פּאַפּיראָס מיט מיין ערלויבעניש. און דער שפּאַציערער האַלט אַ בלאַטצייטונג אין דער האַנט. ממש די אייגענע צייטונג וואָס איך האָב היינט אין דער פריה געלייענט. מיט זיין ערלויבעניש האָב איך גענומען די צייטונג און אַריינגעקוקט אין צעטעל פון די פערוואונדעטע און געהרגעטע און געפונען דעם נאָמען, וואָס איך האָב געזוכט, ער איז קלאָר און דייטליך מיט אַלע זיינע אותיות און ס'איז גאָר נישט ווי מיין איידעמס נאָמען. אויך דאָס אות וואָס איך האָב חושד געווען אַז אַ פליעג האָט מיט דעם געהאַט צו טהון, איז אויף דעם קיינמאָל קיין פליעג נישט געווען. איך האָב דאָס דערזעהן—און ס'איז מיר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען! נאָך אַמאָל האָב איך אַריינגעקוקט און ווידער געזעהן—און איך בין צו זיך געקומען! און פון גרויס פרייד, האָב איך דעם פרעמדען אַריינגערוקט מיין האַנט, האָב איבערגעטריבען און איהם שוין צופיל געדאַנקט, געלויבט און גערוהמט פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט מיט מיר געטהון ביז יענער איז רויט געוואָרען פון בושה און וואונדער און גאָט געדאַנקט אַז ער איז פון מיר פּטור געוואָרען. ער האָט זיך געוויס געטראַכט: דער דאָזיגער מענש מוז זיין אַ משוגענער.

די לויטערע לופט וואָס, שמעקט מיט גוטע ריחות פון ביימער און גראָזען, וואָס וואַקסען אין דער הייך אויף די בערג און אין די שפּאַלטען און בערגלעך הינטען—גיט מיר כּ

און שטאַרקייט, פרייד און גוטע האָפענונג, מאַכט מיר פערגעסען די שטאָדט מיט איהר געטומעל, פערטרייבט פון מיינע מחשבות אַלץ. אויך אַ רעליגיעז געפיהל האָט מיך בעהערשט, אַ געפיהל פון ליבשאַפט און האַרציגע תפלה צום רבון עולמים, אַזאַ געפיהל וואָס בעהערשט מיך אָפט ווען איך שפּאַציער איינער אַליין אין פרייען פעלד אויף גאָטס שיינע וועלט; אַזאַ געפיהל, וואָס מאַכט מיך פאַר פרום און גוט און ברענגט אַריין אין מיין האַרץ ליבשאַפט צו גאָט, וואָס האָט אַלץ געשאַפען אין גרויס רחמים צו אַלע זיינע בעשעפענישען, פון אַ מענש ביז אַ בהמה פון געוויקס ביז אַ שטיין אין פעלד. דאָס דאָזיגע געפיהל, וואָס האָט מיך בעהערשט און דער מאָמענט האָט אַרויסגעבראַכט טרעהרען אויף מיינע אויגען, טרעהרען פון טרייסט, פון פרייד—און ס׳זיינען אַוועק טרויער און ליידען!

און איצט, אין דער גוטער מינוט—האָב איך מיר געטראַכט—איצט ווען ס׳איז מיר גוט אויפן האַרצען און איך וואָלט געוואָלט אַרומנעמען די גאַנצע וועלט, און ווען דו ביזט אין כעס, דו שוואַרצער מורא׳דיגער ים, וואָס דיינע כוואַליעס רוישען מיט צאָרען און שטורמען ווי חיות רעות לויפענדיג צום ברעג מיט אכזריות איינצושלינגען די וועלט—איצט ביזטו נישט ווי ס׳איז אין מיין האַרצען! פרעמד איז מיר דיין שפּראַך, פרעמד איז מיר דאָס ברומען פון דיינע כוואַליעס. נישט דיין בעזינגער בין איך היינט!

אַ הונט אַ צוגעשמידטער ביזטו איצט פאַר מיר שטורמדיגער ים, אַ הונט אויף דער קייט במחילה! דער דאָזיגער בייזער הונט וואַרפט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס און וויל נישט פערשטעהן, אַז ער איז צוגעקאָוועט, אַז זיין בעל־הבית האָט איהם אָפּגעטיילט אַ בעגרענעצט אָרט אַזוי גרויס ווי עס איז דער שטריק, וואָס איז אויף זיין האַלז און האָט געזאָגט: ביז אַהער און נישט מעהר! דיין שטורמען, שטורעמדיגער ים, איז אַן איבעריג אומזיסט שטורמען. שוין טויזענטער יאָהרען, וואָס דו רייסט זיך אַראָפּצוואַרפען פון זיך דעם שטריק, צו צעברעכען צוואַרפען און אַריבער די גרענעץ—און אומזיסט איז

דיין מיה! טויזענטער יאָהרען אַז דו ברומסט און צערנסט, שטעלסט זיך קעגן, און שטעלסט זיך ווידער קעגן, דיינע כוואַליעס שטורמען, מאַכען געוואַלדען—און דער שטאַרקער אין הימעל שטילט זיי איין. שטורעמסט און רעשסט מיט דיין גרויסען כח און לסוף ווערסטו אַנשוויגען און הערסט אויף שטורמען!

איצט לאָז מיך צורוה שטורעמדיגער ים, אַ ביסעל נחת־רוח וויל איך כאַטש אויף אַ ווײַלע. דער אומזיסטער צאָרען דיינער דערמאָהנט די שוואַכקייט פון אַלע בעשעפענישען, וואָס קענען זיך נישט לאָדען מיט די שטאַרקערע פון זיי; דאָס דערשלאָגט דאָס געמיטה, ברענגט אום יעדע האָפנונג, ברענגט צער און עגמת נפש. צו זעהן אַ שטאַרקען קרעפטיגען גבור, און אויך ער איז בעזיעגט און פאַלט ווי אַנדערע, אַ שוואַכער און אַ קליינער—דאָס צו זעהן איז קיין גרעסערער צער נישטאָ אויף דער וועלט. שמשון הגבור. די שרעק פון די פלשתים, וואָס האָט אויף זיי אָנגעוואָרפען אַ מורא און אַ פחד, ווי טהוט וועה דאָס האַרץ צו זעהן איהם און זיין פּיין, ווען ער איז בלינד און שוואַך, געקאָוועט אין קייטען און איז פאַר זיי אַ שפּיעלצייג!—איצט אַז ס'איז פאַר מיר אַ גוטע ווײַלע, מיין געמיטה איז רוהיג און זינגט אין מיר גוט און אָנגענעם, איצט צו זעהן דיר, שטורעמדיגער ים, ווען דו צאָרנסט קען איך נישט, און דאָס ברומען פון דיינע כוואַליעס קען איך נישט הערען.

נישט דיין בעזינגער בין איך היינט!

און מיין אויפגעלייגטקייט פיהרט מיך צו דער סאַזעווקע, וואָס פליעסט זיך פּאַמעלעך, רוהיג און געלאַסען דאָרט אין טאָהל צווישען בערג, וואָס זענען איינגעטינקט אין גרינס און אַ וועלדעל פון ניסענבוימער. דאָרט הערט זיך פון ווייטען דאָס רוישען פון דער מיהל, און עס קלינגען די גלעקלעך אויף די העלזער פון די בהמות, וואָס פּאַשען זיך אין פעלד; דאָרט הערען זיך די געשרייען פון קינדער, וואָס שפּיעלען זיך און עס דערטראָגט זיך דאָס געזאַנג פון מיידלעך וואָס זינגען ביים שניט; דאָרט אין אַ גאָרטען ווינקען די אונערקעס, ווערען צײַ־

טיג די קאַוועגעס. און די הויכגעוויקסע זון־רויז שטעלט אַרויס איהר אָפּגעברענט פּנים, וואָס איז אַרומגערינגעלט מיט געלע בלעטער, קעגן דער זון און ווערט צייטיג; דאָרט אין אַ בע־האַלטען אָרט אין דער טיפעניש פון די בערג שלאָגט אַרויס אַ קוואַל פון פרישע וואַסער, גיסט זיך און רינט אַראָב אין אַ געדרעהטען שטראָם איבער שטיינדעלעך און גלאַטיגע משונה־פאַרביגע שטיינער ביז ער בלעזעלט זיך און גיסט זיך אַריין אין סאַזעוועקע!

אַהין, צו דער דאָזיגער איינזאַמער בעהאַלטענער סאַזעוו־קע ציהט עס מיך. און אויף ווייכע גראָזען, אונטער דעם שאָ־טען פון ווערבע־ביימער ציה איך מיך אויס, און דאָס שענע צאַרטע בלימעל „פערגעס מיך נישט״ ווינקט צו מיר מיט די קליינע פייכטע אייגעלעך, מיט די הימעלבלויע אייגעלעך. איך געה אויך אַהין מיטן תנ״ך אין האַנט, פערטיעף זיך אין „שיר השירים״, איך געה און שפּאַציער אין פאַנטאַזיע מיט שולמית די שענסטע פון ציונס טעכטער. ביידע שושקען מיר זיך בסוד. דערווייטערען צו געהן מיט געפיהל אויף אַ שמאָל וועגעל צווי־שען הויכע ביימער, וואָס שטעהן פון ביידע זייטען, שטעהן אין איין גלייכער שורה און ציהען זיך ביז די פעלדער און גער־טענער פון דאָרף. דאָרט גיט די ערד געגוג תבואה און דער בוים—זיינע פּירות. די פלוימען שוואַרצען זיך, די קערשען רויטלען זיך, די פערסיקעס שיינען, די עפעל און די באַרע־נעס ווערען צייטיג און אין וויינגאָרטען וואַקסען וויינטרוי־בען!

דער דאָזיגער טאָהל, די סאַזעוועקע און די גערטענער דאָרטען, דאָס זענען דאָך מיין גן־עדן פון אַמאָל פון מיין פריהער יוגענד, ווען איך בין געווען יונג און פריש און גע־לעבט מיט דער יוגענד־פרוי, מיין חברטע און העלפערן. דאָרט האָ־בען מיר גליקלעך פערבראַכט אונזער צייט, דאָרט געשפּאַציערט מיט גרויס געפיהל און זיך כסדר געפרייד. און ביז אַהער, אויך אויף די עלטערע יאָהרען, יאָהרען פון טיפער עלטער,

איז ער מיר ליעב און טייער און פון מיין ווייטער. וואוינשטאָדט, די טומעלדיגע שטאָדט מיט אַסך מענשען, און פון ברעג פון שוואַרצען שטורעמדיגען ים שיק איך אַ גרוס צו דעם דאָזיגען רוהיגען שטילען אָרט, אַ גרוס צו דער רוהיגער סאַזעווקע מיט איהרע שטילע וואַסערען דאָרט!

ד.

אז איך האָב צוריקגעקעהרט אַהיים, בין איך מיט די שמאָלע װעגעלעך אַרויפגעגאַנגען אין דער הויך אויף די בערג. און פון דאָרט בין איך דורכגעגאַנגען דורך די זומער-װאױנונגען. דורך געדרעהטע שטעגען, װאָס זענען פון אויבען בעדעקט װי אַ סוכּה מיט די צװײַגען פון די בײמער, זײערע שטאַמען שטעהן אין גערטענער נעבען פלויט און זײערע צװײַגען שטאַרען אַרויס איבער די פלויטען און מיט זײערע שפּיצען פלעכטען זײ זיך צוזאַמען. און בשעת פּלאַפּלען און שעפּטשען און גלאַט שמועסען, װי די שכנים, אײנער מיט׳ן אַנדערען, און קיצלענדיג און שטעכענדיג אײנער דעם אַנדערען מאַכען זײ אַנ׳אָרט פאַר די שטראַהלען פון דער זון, װאָס ציהען זיך דורך צװישען זײ און נידערען אַראָב און פלעכטען זיך אויס אויף דער ערד, אונטען, פון ליכט און שאטענס פון די צװײַגען, גאָלדענע פאַסקעס מיט זילבערנע פינטעלעך. די לופט דאָרט, שמעקט מיט כּלערלײ שמעקענדיגע גראָזען, פײגעל זינגען און שמעטערלינגען—טאַנצען. ס׳זעהט אויס אז די נאַטור האָט מיר דאָ דאָס

אַלץ געוויזען כדי מיר צו בעווייזען ווי שען ס'איז דאָס אָרט ביים ים.

צוועק דער שניט, נישטאָ מעהר קיין קאָרען און קיין ווייץ אין פעלד, ס'האָט זיך אָבגעטהון זייער פראַכט און זענען געוואָרען אַ פאַשע-אָרט פאַר סטאַדעס. מיין געמיטה איז דערשלאָ-גען. מיינע חושים פיהלען און שמעקען די שטאָדט פון וויטענס. נאָך אַ ביסעל און איך בין אין שטאָדט!

אויף איינער פון די גאַסען, האָב איך דערזעהען פון וויטען עפעס אַ מענשליך געשטאַלט צווישען די פערדבייגעהער. עפעס משונה און פרעמד איז זיין אויסזעהן אין אָנטהון, עפעס א מין ברייטער רויטער פאַס ציהט זיך איבער זיין אַקסעל פון רעכטס איבער דער ברוסט ביזן גאַרטעל לינקס, און ווי אַ פרעמ-דער, וואָס קען נישט די גאַסען אין שטאָדט געהט ער און שטעלט זיך אָב. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און איך דערנעהנטער זיך צו איהם. דאַכט מיר, אַז ער איז מיינס אַ בעקאַנטער, און דער משונה'דיגער פאַס וואָס איז אויף איהם. דאַכט מיר, אַז דאָס איז אַ לעבעדיגע זאַך. יאָ, טאַקע אַ לעבעדיגע זאַך—אַ יונג קעל-בעל, די פיער פיסלעך זענען געבונדען און פערוואָרפען אַרום זיין האַלז און עס העגגט מיט'ן ווייגדעל אַרויף און דעם קאָפּ אַראָב. די שטראַהלען פון דער זון פאַלען עס אויף די אויגען, וואָס שטעהן גרויס און מיעד, גלאַנצען און בלישטשען ווי גלאָז, די צונג איז עס אויסגעטריקענט און שטעקט אַרויס פון פיסק. און באַלד איז דערדאָזיגער מענש מיט דער משא, וואָס ער טראָגט אויף זיך אַריין אין איינע פון די קלייטען, וואָס אויף דער גאַס און איך, אַ צעמישטער, אַ צעטראָגענער און צעטומעל-טער—נאָך איהם. כ'בין אַריין, האָב דערזעהן, וואָס דאָרט איז און אַרויסגעלאָזט אַ געשרעה! דאָס קלייט איז געוועזען אַ יאַט-קע. דאָרט זענען האַטשעקעס אַריינגעקלאַפּט אין די ווענט און שטיקער פלייש און „זאַטקעס" פון קעלבלעך און בהמות העגגען אויף זיי. דער קצב שטעהט ביים יאַטקע-קלאָץ אָנגעטהון אין זיינע קצבישע בגדים און האַלט אַ האַק אין דער האַנט, און אַ לעבעדיג קעלבעל ליגט געבונדען און וואַלגערט זיך נעבען איהם

אויף דער ערד. פּאָר מיינע אויגען האָט אַ בלאַנק געטהון אַ ווייסער פלעק פון זיין שטערען—בין איך מיט אַ ציטער אָפּגע־טרעטען הינטערווייל'עכטס! אוי קעלבעל—אַט דאָס קעלבעל, דאָס אייגענע קעלבעל, וואָס איז מיר אַזוי ליעב געוואָרען, געהט איצט צו דער שחיטה! עס ליגט שטים און עפּענט נישט דאָס מויל. די שווערדט פון טויט שוועבט איבער דעם און עס ליגט דערשלאָגען אָהן כח. און מיין אייניקעל, זיין גלייכען, האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט: אַוועקגענומען איז ער געוואָרען פון זיין מוטערס הענד און איז שוין נישטאָ. די נשמה איז פון איהם אַרויס!... אַ ציטערניש האָט מיך אָנגעכאַפּט און ווען נישט דער מענש מיין בעקאַנטער, אַן אַרבעטער וואָס איז פער־דינגען אין „מוראַווייניק״, ווען נישט ער, וואָס האָט מיך אונ־טערגעכאַפּט, וואָלט איך געפאַלען אויף דער ערד אין חלשות. דער דאָזיגער מענש פרעגט מיך:—וואָס איז אייך?—און איך, דאָס לשון איז מיר אָבגענומען און איך ווייז איהם מיטן פינ־גער אויפן קעלבעל. און ער, דער קצב, מיינט, אַז איך בין איהם חושד אין אַן עבירה—אין גנבה אָדער קויפען פון גנב. כאַפּט ער און שווערט זיך, אַז ער האָט דאָס קעלבעל געקויפט. און דער פערדונגענער אַרבייטער זאָגט עדות אויף איהם, אַז ער האָט עס געקויפט פאַר אַ סך געלד. דאָס קאַלב איז דאָך יונג און פעט און דאָס פלייש וועט זיין זעהר געשמאַק און דערפאַר האָט זיך דער קצב נישט געדונגען און בעצאָהלט ווי־פיעל מען האָט געבעטען. און ווי ער שטעהט און רעכנט אויס די שבחים פון קאַלב און איך בין אַוועק פון איהם מיט צאָרן, האָב געגעבען אַ מאַך מיט דער האַנט און אַנטלאָפען אַרויס אַ צוטומעלטער און משוגענער פון דעם וואָס איך האָב געזעהן און געהערט!

אין מיר קאָכט עס. משונה׳דיגע אויסגעמישטע קולות שרייען אין מיר. דאָס קול פון קעלבעל און דאָס קול פון מיין אייניקעל, דאָס קול פון דער מוטער און דאָס קול פון דער קוה. די שטים פון זייגענדיגען קעלבעל שרייט צו מיר פון יאַטקע, און דאָס קול פון מיין יונג אייניקעל, פון געמל׳עטען

און קראַנקען שרייט צו מיר פון וויגעל. דאָס קול פון אַ בערמהערציגע מוטער און יונגע פרוי, אַ פערביטערטע, אָרימע און בישט געטרייסטע, וויינט און קלאָגט, און די שטים פון אַ קוה אין פעלד שרייט זי איבער. די אומגליקליכע פערשעמטע קוה, די דערשלאָגענע מוטער שרייט אויף איהר קינד, וואָס איז פון איהר אַוועקגעגזלט געוואָרען. אין דער פריה איז עס נאָך געוועזן און פערנאַכט איז עס שוין נישטאָ! זי זוכט מיט די אויגען; שנאָרכט און שמעקט מיט די נאָכלעכער; קאָפּעט און שאַרט מיט די טלאָען; מעקעט און ברומט, רופט צו דעם הויך אויפן קול—און ס'איז נישטאָ!... אין מיר שטורעמט עס, אין מיין האַרצען איז אַ פינסטערניש, תהו-ובהו, קולות און געשרעהן,— אַ געשרעה פון געפאַלענע, טומעל און רעש און אַ גרויס צעמישעניש—אויס אידיליע. פעלד און וואַלד, דאָרף און שטאָדט, זאָל אַלץ נעמען דער טייוועל!

איך גיב זיך דיר אונטער, שטורעמדיגער ים! זאָלען ברומען און טומלען דיינע וואַסערען; זאָלען רעש'ען און ווילדעווען דיינע כוואַליעס; זאָל דער תהום שרייען און דונערען! וואָס אַהרט עס דיך, ים, אויב דיין צאָרען איז אַן אומזיסטער, דו ביזט דאָך אָבער שען און שטאַרק. מיט דיין גרויסער קראַפט ביזטו פערביטערט קעגן יעדער שטימונג, לאַכסט זיך אויס פון די שטרויכלונגען אויפן וועג, און מיט דיין גרויסקייט וואַגסטו אָנצופאַלען אויף שטאַרקע—אויף די הויכע בערג און אייביגע פעסטונגען, דער שטאַרקער בייזער הונד בילט אויך אויף דער לבנה וואָס אין הימעל! דיין נאַרישקייט—איז דאָך דיין שטאַרקייט און דיין עזות. און איך...

אַזוי ווי איך רעד צו זיך אַליין און אַ הונד ריהרט מיך אָן ביי דער פּאָלע—און איך בין צו זיך געקומען. איך גיב אַ קוק און נעבען מיר איז העקטאָר. דאָס איז מיין געטרייער הונד, וואָס דערזעהענדיג מיך אַריינגעהן צו מיר אין הויף צעטומעלט און דערשראָקען, איז ער מיר מיט פרייד אַנטקעגענגעלאָפען. טאַנצט ער און שפרינגט אַרום מיר, לעקט מיט ליעבשאַפט מיינע הענט און קוקט אויף מיר מיט רחמנות. מיין פנים

איז אודאי געווען פערענדערט דעמעלסט און ער האָט געפיהלט מיין צער.

—אַזוי, אַזוי, ליבער העקטאָר!—האָב איך געזאָגט צו איהם, האָב איהם אַגלעט געטהון מיט מיין האַנד איבערן קאָפּ און האַלז-דיין נאַרישקייט איז דיין עזות, דער עזות פון יעדער בעשעפעניש, וואָס איז אָהן שכל און האָט אַסך כח, און דער מענש-זיין פערשטאַנד מאַכט איהם קליין—וואָס איז זיין כח און זיין גבורה, אַלץ איז נאַרישקייט און פוסטקייט. נאָר פון דער קנאה פון דער פמליה של מעלה מיט וועלכער גאָט האָט זיך בעראָטען, נאָר פון דער קנאה און פון איהר צאָרען איז דער מענש בעשאַפען געוואָרען!... זאָל שטורמען דער ים מיט זיינע וואַסערען. זאָלען ברומען די שטאַרקע פון דער וועלט; די פעסטונגען פון דער בריאה זאָלען צערגען; זאָלען רעש׳ען די קרעפטיגע; זאָלען זיי ברומען, טומלען, שטורמען...

—שאַ! נאָר נישט מיט טומעל און געפילדער, דאָס קינד שלאָפט!—זאָגט צו מיר מיין ווייב, וואָס קומט מיר אַנטקעגען און שרייט אָן אויף מיר אין דער שטיל, ווען איך בין אַריין אין שטוב מיט רעש און פערדרוס און בין נאָך צוטומעלט און צעמישט—פון וואַנען קומסטו און וואו האָסטו בעלמוטשעט ביז אַהער? איז זיך אַוועק און פערפאַלען געוואָרען!... וואָס ביזטו אַנטלאָפען און וואָס זעהסטו אַזוי שלעכט אויס?... אַלץ איז שוין גרייט צו מיטאָג און ער איז אַוועק און נישטאָ! דאַכט מיר אַז דו ביזט שוין הונגעריג און ס׳איז דיר שוין צייט צו עסען. מ׳ר האָבען היינט אַגוט זאַט מיטאָג. וועסט עסען און עס וועט דיר זעהר שמעקען. מיר האָבען היינט אַראָסעלפלייש... קעלבערען פלייש...

—וואָס-וואָס-וואָס?—האָב איך אויסגעשריגען נישט מיט מיין קול. ציטערענדיג מיט אַלע אברים.

—דער מענש איז גאָר משוגע געוואָרען און ווייסט נישט וואָס עס טהוט זיך מיט איהם!—האָט מיין ווייב זיך צעבייזערט, האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ צאָרענדיג פנים—וואָס, קעלבערען פלייש געפעלט דיר אויך נישט? אַ ווילדער מענש — — —

# פון מיין ספר הזכרונות

שלמה ר' היים'ס

# פון מיין ספר הזכרונות

אַ טאָג אַ זומערדיגער איז עס געווען מיט אַ ריינעם, אָהן אַ שום שפּריינקעלע, בלויען הימעל, מלא חן! אונזער ערד איז אויך געווען וואונדער שען, אויסגעפּוצט אין איהר גרינעם-זומער-דיגען חתונה-קלייד מיט דעם גאַנצען שמוק איהרען און פרישע בוקעטען פון אַלערליי קאָלירענדיגע און שמעקענדיגע בלומען — נאָכ'ן אויסזעהן-נאָך דאַכט זיך אַ לעבען אַמזל'דיגעס; אַ פרעה-ליכער טאָג, און דאָך, אוי-ווער, אָהן אַ זיפץ קען איך איהם עד-היום נישט דערמאָהנען! מיר איז בעשערט געווען אויסצושטעהן אין איהם — ווי עס מאַכט זיך אַמאָל מען שטעהט-אויס פון אַ יפהפה, אַ שלאַק, מיט אַ שען פנים'ל — זעהר פול עגמת-נפש.

אוי, אַ-צייט, אַ-צייט איז עס, ניט היינט געדאַכט, דענסט-מאָל געווען, זעהר אַ שווערע! אויפּברויזענישען, ברוגז'ען צווישען עולם, מיט דעם גאַנצען פּעקעל צרות, רייסעניש, בייסעניש צווישען זיך. דערצו נאָך די גרויסע מלחמה מיט דעם דם-שונא העט-ווייט אין מזרח-לאַנד, אין וועלכער ס'איז פון ביידע זייטען פאַרגאָסען געוואָרען אַזויפיל בלוט, אומגעקומען אַזויפיל מענשען! אַ-חוץ-דעם, וואָס די מלחמה האָט שרעקליך געווירקט אויף מיין געמיטה, צוקאָכענדיג מיר דאָס בלוט, ווי אַ צרות-הכלל, האָט זי מיר נאָך פאַרשאַפט אייגענע צרות, געגעבען אַ גוטע פּאָרציע יסורים פאַר זיך בעזונדער אויך.

די אינגערע טאָכטער, נאָך אַ בלוט-יוגענד, איז געקומען מיט איהרע צוויי קליינע קינדער, אויפצוהאַלטען זיך ביי אונז, טאַטע-מאַמע, אַ געוויסע צייט. דער מאַן איהרער, אַ יונגער דאָקטאָר, איז געריפען געוואָרען בשעת מלחמה צו דינען אין חיל, ווי אַלע אַנדערע דאָקטוירים דענסטמאָל. פאַרלאָזען דאָס איינגעזעסענע וואוינאָרט מיט די פּאַרדינסטען, ווייב און קינד, ווערד ער פאַר-וואָגעלט ערגיץ אין עק וועלט, שמעקען פּולווער, שניידען פיס, הענד, בינטעווען מכות-וואונדען. אַ וועהטיג פאַר דער פאַמיליע איז עס אַ גרויסער. שטענדיגע אַרויסקוקעניש אויף בריף, נישט רעכט צו-וויסען, וואו ער געפינט זיך. שטענדיגע בעאומרוהעניש אויפ'ן וואָהר און אין שלאָף, שטענדיגע איבערטראַכטעניש, גאָט ווייסט וואָס — ס'איז דאָך אַ מלחמה. אַ מענש איז גאָרנישט; זיין לעבען — וואָלוויל; מענשליכקייט, רחמנות — נישטאָ!

און אין אַזאַ שווערער צייט בעדאַרף נאָך דאָס טיף-געקריינק-טע ווייב געלעגען ווערען מיט אַ קינד — אַ מזל-טוב מיט שלימזל. עפּענטליכע פרייד מיט פאַרבאָרגענע לייד, אַ גוטע מינע צו אַ שלעכטער שפּיל: און דאָס האָט פאַרשטאַרקט דאָס געפיהל פון צער און רחמנות. פאַרשאַרפט די ליבע אי צו דער שטיל-אין-זיך ליידענדער מוטער, אי צום לעבעדיגען יתום'ל, דעם קינד נעביך. אַ מינדסטע ליידען זייערס האָט ווי מיט אַ מעסער דאָס האַרץ געשניטען. די שטימונג מיינע איז איבער-הויפּט ווי די וויטערונג גענויגט צו פאַרענדערונגען. תמיד געווען קאַפּריזנע; נאָר אין יענער צייט בעזאָנדערס נאָך מעהר קאַפּריזנע — „נערוועז" האָט עס געהייסען. ס'האָט זיך אויסגעדריקט אין גיכע שרעקליכע געמיטהסאויפרעגונגען, אין אַ איבערגאַנג, דורך אַ מינדסטע זאַך, פון אַ גוטער לוינע אין אַ שלעכטער; פון אַ הייטערער אין אַ טרויעריגער, און פאַרקעהרט — ווי דער וועטער אין הערבסט, וואָס בייט זיך צעהן מאָל אין איין רגע.

יענער זומער-טאָג, פון וועלכען עס רעדט זיך דאָ, האָט מיך בעצויבערט נאָך באַלד מיט זיין קינדערש פאַררויטעלטען בענין, מיט זיין זיס-שמייכעלדיגען גוט-מאָרגען ביים זונענאויפ-

גאַנג. ער האָט מיר געמאַכט אַ שטאַרקען חשק, זיך וואויל-טהון אַ ביסעל אין איהם נאָך אַ לאַנגער צייט זאָרג און שווערער אַרבייט. גראָד דערמאָהן איך מיך, אַז מיינער אַ בעקאַנטער, אין אַ קאָלאָניע אונטער דער שטאָדט וואו איך האָב געוואוינט מיט מיין פאַמיליע פאַראַיאָהרען זומער, און וואו איך בין געוועזען די ־פאָריגע וואָך, האָט מיך פאַרבעטען, דעם קומענ-דיגען דאָנערשטאָג, מאָרגען הייסט עס, צו זיך אויף קעז און פּוטער פון זיין ערשט ניט לאַנג געקעלבטער קוה, דער רויטער. עס האָט מיר אַצינד ווי לעבעדיג זיך פאָרגעשטעלט דאָס שענע בילד דענסטמאָל פאַר מיינע אויגען. דאָס קעלבעל, אַ שעהנס, אַ רויטס, מיט אַ ווייסען פלעק אויפ׳ן שטערען, זויגט די ברוסט. קניענדיג, אויף די נאָך שוואַכענקע פאָדערשטע פיס-ליך. די קיה, די געווינערין, אויסדרעהענדיג דעם קאָפּ, לעקט עס מ׳ט דעם צונג, לעקט די רויטליכע, ווי זייד-ווייסע הערע-ליך, און דריקט-אויס איהר פרייד מיט אַ שטיל מריקען, טאַקי נאָר עפּיס ווי אַ מוטער קוועלט, שמעלצט-זיך אין איהר ניי-געבוירען קינד. קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסען איהר וואונדערליך-אויסגעשטעלטען בליק אויף מיר, בשעת איך האָב געגלעט מיט דער האַנד דאָס קעלבעל. דער בליק האָט עפּיס געהאַט פיל טייטשען — אי מורא, איך זאָל עס חלילה ניט גראָב אַ קלעהם טהון, אי שטאָלץ אויף איהר קינד, אי פאַר-גנ׳גען, וואָס איך, מענש, גלעט עס אַזוי...

און ווי איך בין מיר דאָ אַזוי שטאַרק אויפגעריימט, חאַפּט זיך-אויף, אין מיין טאָכטערס צימער, פלוצים דאָס קינד מיט אַ ביטער געשריי: עס שרייט, קייכט, מאַכענדיג מיט די זייטליך, ציהענדיג צום בייכעל די פיסליך און פאַרגעהענדיג זיך אין אַ געוויין, מיט קיין מיטעל, ניט מיט דער ברוסט, ניט מיט׳ן וויגען, וואַרפען אינ׳ם קישעלע, נישט מעגליך עס איינצושטילען. איך בלייב געפּלעפט, אינגאַנצען ווי צושרויפט. געלעכערט האָט מיר דאָס געשריי דעם קאָפּ, אויפגעריהרט דעם מוח, נאָר משוגע צו ווערען. חאַפּ איך דאָס היטעל, דאָס שטעקעל, לויף אַרויס פון שטוב, און אַוועק, וואָהין די אויגען טראָגען.

און צושפּילט האָבּען זיך מיר די נערווען. און געראַוּשט, געשפּילט האָט עס אויף זיי, ווי אויף אויסגעצויגענע סטרונעס. עס ווערגט מיך, רחמנות, צער יסורים, וועהטיגען, וואַגלעניש, קריינקונג. — אינאיינעם. נישט געדענקט האָב איך מיט׳ן פער־שטאַנד, מיט לאָגיש צונויפגעשטעלטע ווערטער; נישט געטראַכט האָב איך וויסענדיג, כּסדר אויסדריקענדיג, וואָס איך וויל; נאָר עס האָט מיר זיך געזעהן מיט-אַ-מאָל בּילדער. עס האָט נאָר זיך געהערט אין מיר אַ געראַוּש, אַ פּאַרמישעניש פון קלאַנגען, אַקאָרדען און טענער — עפּיס אַ מין ערבוביא-מוזיקע, אַ נאַ־טור מוזיקע. יענע אַ שטייגער, וואָס דער ווינד פייפט אין די־קוימענס; וואָס ער לויפט איבּער „גאַמען״ אויפן טשערעט בּיי־דעם פּלוס. שפּילט אויף צווייגען, אויף בּוימער אין וואַלד, און לאָזט טאַנצען שפּרינגען פּאַליעס אין די טייכען. יענע, אויף וועלכער „די הימלען דערצעהלען גאָטס כּבוד, און די ווערק פון זיינע הענד זאָגט אונז די נאַטור; יענע, וואָס די קלינגענ־דיגע סטרונע איהרע ציהט זיך איבּער דער גאַנצער ערד בּיז עק וועלט״. אַזאַ נאַטור-מוזיקע, וואָס שפּילט אויך אינ׳ם מענ־שען אויף די נערווען. אָהן זיין וויסען, אויפרעגענדיג איהם, אַ-מאָל שפּילט עס שוואַך, פּיאַניסימאַ, אַ-מאָל — שטאַרק פאָר־טאָ, און רופט אַרויס אין איהם מיט די טענער פאַרשידענע געפיהלען — שטימונגען!...

און דער צער דענסטמאָל איז גרויס — גרויס ווי די וועלט! בּלוט, טרערען — אַ טיפער אָבּגרונט! בּלוט פון געפאַלענע אין דער מלחמה בּרידער; בּלוט פון מאַנען, אומגע־קומענע טאַטעס, שרייט פון אַ וויית-פרעמדער ערד קולות; טרערען — פון אלמנות, יתומים. געוויין און געשריי!... קולות טרויעריגע, טענער גוואַלדיגע. די אויפרעגונג שטאַרק. די שטי־מונג אַ שוידער! די פּאַנטאַזיע טראָגט — אַ שטופּעניש, שטוי־סעניש פון בּילדער, אַ-שרעק!...

עס טהוט מיר אַ בּליק, אַ שיין אַ שטאָהלען מעסער — און בּאַלד אַ שניידענדער זושען אין די אויערן, עס פאַלען שורות׳ווייז אונטערגעהאַקטע — זאַנגען! ס׳איז אַ קול פון

מלחמה — שניטער, שניטערענס, א שאָרך פון סערפּען! א טהייל שלעפּען די געפאלענע אונטערען מעסער. שטיקען זיי צונויף אינאיינעם, מאכענדיג קופּעס־קופּעס, בערגליך קברים. אקעגען שטעהען נאָך לעגיאָנען תבואה פון אלערליי מונדירען און פאָרמען. עס שטעהט דער איידלער, „וואָהל געבוירענער־ווייץ אין זיין גאָלדפארביגען מונדיר. נישט ווייט פון איהם — דער בעקאנטער, פון אלעמען בעליבטער קאָרן, מיט די ארויף־פארשפּיצטע דינע וואָנצעס. דאָרט איז אויך דער געוועהנטליך פאר פערד געוואקסענער האָבער, מיט צראָפּהענגענדינע איהם פונ׳ם קיוועריל ריהרעוודיגע, ווי די מעדערליך פליהענדיגע, הילזען — אלע פארטיג אנידער־צולייגען די קעפּ מיט די זייעריגע דאָ פון איין לאנד... א־הא פעלד — איך בין אין פעלד! פון צווישען קופּעס תבואה, בערגליך קברים, פארטראָגט זיך מיר א זשומען, א טרויעריג קול — דאָס איז א „קדיש־זאָגען" פון א אלטען, געבראָכענעם בוים! איינער אליין שטעהט ער אין מיטען פעלד, אויף דעם גרויסען, וויסטען בית־עולם, ברומט, שאָקעלט זיך, פארלייגענדיג דעם קאָפּ און פאטשענדיג זיך מיט די הענד, מיט די צווייגען. קליינע בלימעליך, דארענקע, דאָרשטיגע פעלדבלימעליך, געבליבענע יתומים׳ליך, אָהן א שוץ, אָהן א אָבדאך, פאלען נעביך אויף די פּנים׳ליך — אוי, זיי וויינען! זיי וויינען — און אויף די נערוועץ שפּילט זיך מיר שוין פּיאניסמאָ. די קולות א ביסעל שוואכער, שוואכער...

און באלד מיט א־מאָל א שטארקער באס! שטייגענדיג פון אונטען ארויף „קרעסצענדאָ" לאָזט זיך הערען א באם־באם באם אין גוואלדיגע ברומענדיגע שטייגער. — הע־הע, דער ים, דער אויפברויזענדיגער, צאָרענדיגער שווארצער ים! ווי שרעקליך צורייצטע, זיך־אויסרייסענדע פערד שוימענדיג, הירזענדיג מיט אויפגעשטעלטע זילבער־ווייסע גריוועס, יאָגען, ווילדעווען פאליעס, שטופּענדיג איינע די אנדערע, ווארפען זיך משוגענערוויז אויף סקאליעס־העלדען, וואס פארשטעלען דעם וועג און שפּרינגען אריבער, שרייענדיג־פילדערענדיג, גרויסע־אויסגע־

לייגטע שטיינער אויפן ברעג, דער רעש פונ'ם ים בעטויבט אין מיר די אלע אנדערע קולות, דאס משונה-ווילדע, פירכ־טערליך-גרויסע בילד בעדעקט מיט איהר גרויסקייט אלע אנדע־רע בילדער אין מיר. איך קוק מיך אום, וואו בין איך אין דער וועלט. און טהו מיך א ווארף אויפ'ן גראז אויבען אויף דעם בארג, וואו איך בין געשטאנען, און האב א-פנים געחאפט א דרעמיל.

די ריינע לופט, אנגעזאפט מיט געווירץ פון שמעקענדיגע קרייטעכצער, בלומען און עהלבוימער, טראגענדיג-זיך פון די מאלערעש-צעווארפענע זומער-וואוינונגען אויף בערג אויבען, און פון בעוואקסענע קליינע טהאלען צווישען נידעריגע, ערטער־וויז צושפאלטענע בערגליך אונטען — האט מיך אינגאנצען אפגעפרישט, מיר צוגעגעבען א שטיק געזונד, גוטע לוינע, קראפט, לעבעדיגקייט, ארויסשלאגענדיג די שטאדט מיט דעם דול פונ'ם קאפ. עס האט מיך אויך איבערוועלטיגט א רעלי־גיעז געפיהל, א שטארק, הייס-פלאמענדיג געפיהל צום רבונו של עולם, צום מייסטער פון דער וועלט — אזא געפיהל, וואס מאכט זיך א-מאל, עס נעהמט מיך אן בשעת דעם שפאציר אין דער שענער נאטור זיינער; וואס מאכט מיך גוט און פרום, פילט מיך אן מיט ליבשאפט, בארמהארציגקייט צו אלע גאטס בעשעפענישען — פונ'ם מינדסטען ווערימעל ביז די בהמות, פייגעל און דעם מענשען, דעם אויבערהאר זייערען. אפילו א בלעטיל פון א בוים, לאזט עס מיך נישט אומזיסט אפרייסען — אלע-אלע זענען מיר די ווערק פון זיינע הענד!... אט דאס אייגענע געפיהל האט מיך דענסטמאל אויך אנגענו־מען. עס האט פארטריבען פון מיר זארג, מרה-שחורה, אל-דאס בייז, בערוהיגט מיין געמיטה און ארויסגעבראכט מיר טיף פונ'ם הארצען זיס-טרייסטענדיגע טרערען אויף די אויגען... אך! — טראכט זיך מיר, צוגויפנעהמענדיג-זיך מיט אלע קרעפטען — ווי גוט ס'איז א גאט צו האבען! וואס פאר א גליק ס'איז צו האבען א דערבארמדיגען, א גנעדיגען פאטער אין הימעל!...

איך פארקוק מיך אויף דעם ים ווייט-ווייט ביז אהין, וואו

ער בעריהרט זיך מיט דעם הימעל, צונױפגיסענדיק זיך מיט איהם, גאַר אײן גוף, אײן נשמה. אַנקוקענדיק עס דאָרט װײט און װאָס טהוט זיך דאָ בײם אומרוהיגען ברעג, טראַכט זיך מיר: דאָרט, װאו עס פאַראײניגט זיך ברידערליך, קושענדיג זיך ליב־ליך, װאָלט איך אַצינד געװאָלט זײן. דאָרט װאָלט איך, מיטפיה־לענדיג, צוגעקליבען װערטער, אפשר טאַקי װי־עס־איז צוגעפּאַסטע צו די געמיטהליך־בעװעגליכע אַקאָרדען אינװײניג אין דיר. אמת טאַקי, אַקוראַט צופּאַסען איז זעהר אַ שװערע זאַך. דעם פּאָעטס אַ שיר, אַפילו גאַר דער בעסטער, איז אַ פאַלשע, אָדער, אין גוטען אופן, אַ שלעכטע איבערזעצונג פון אַ שטימונג. אַנ׳אַרױס־געריסענע דורך אױסערליכע צײ אינעװעניגסטע בעװעגונגען... ס׳איז שװער, װי װינד אין די הױפענס, דאָס גײסטיגע, אומבע־שרענקטע אין קערפּערליכע, װערטליכע בעשרענקטע פאָרמען אַרײנצוזעהמען. צום גרעסטען טהײל, כמעט טאַקי אינגאַנצען, פּאַסען כלל־וכלל נישט װערטער, שירים צו שטימונגען, צו קאָמ־פּאָזיציעס, װעלכע זײ װילען איבערגעבען. אָבער פאַר זיך אַלײן האָבען זײ דאָך, װעניג אָדער מעהר, אַ װערטה דערמיט, װאָס זײ דריקען מיט זיך אױס דעם איבערגעבערס שטימונג אױף־אַזױפיל, אױף װיפיל ער איז אין־שטאַנד צו פיהלען, צו פאַרשטעהן — און אין דער מינוט בין איך עפּיס אַזױ גע־שטימט, אַז עס װילט זיך מיר אַרומנעהמען אַ װעלט, אַלע גאָטס װערק אין דער שענער נאַטור, װאָס שפּילט אַזױ מײסטעריש אױף די נערװען, די פײנסטע סטרונעלעך פון מײן נשמה איצט, אין דער גוטער שעה מײנער, און אין דער בײזער שעה דײנער, װען די פּאַליעס דײנע געװאַלדעװען דאָ אַזױ, רײסענדיג זיך װי די װילדע חיות מיט אַכזריות צום ברעג, אײנצושלינגען די ערד — דאָ, איצט, ביסטו מיר נישט צום הארצען. פריקרע, פרעמד איז מיר דײן לשון! דו קומסט מיר פאָר, מחילה, װי אַ בײזער הונד אױף דער קײט, װאָס רײסט־זיך, װאַרפט־זיך, רעכטס־לינקס, נישט װעלענדיג װיסען, אַז ער איז בעשרענקט, אַז דער בעל־הבית זײנער האַלט איהם צוגעבונדען האָט פאַר איהם אָפּגעצױנט אַ געװיס שטיקעל אָרט און געזאָגט: „ביז דאַנען געה און נישט

ווייטער!"... ווי זאָל איך דיך פאַרשטעהן, אַלטער תּרח, שוטה איינער, אַז שוין טויזענטער יאָהרען ווילסטו אַלץ זיך-אָפּרייסען פון דער קייט, אַריבער די גרעניץ — און אומזיסט דיין מיה?! אַז טויזענטער יאָהרען שוין הויבסטו-אָן אַלץ אויף-דאָס-ניי צו מאַכען מרידות. שטורמען, שרייען, אויפהייבען גוואַלדען — און ווערדסט דערנאָך ווידער פאַרשטומט! נישטאָ קיין ערגערס ווי אומזיסטע, אומבעהילפליכע בייזקייט! „דער, וואָס אין הימעל זיטצט, לאַכט, שפּאָט אויס דיר." — שטום-זשע, שטום, אַלטער תּרח! תּמיד ביי דיר אַלץ דאָס אייגענע — געפּלאָפּעלט, געפלוידערט, געברומט, געשריגען, איבערגעקייט דאָס אַלטע. ניין, נישט דיין פּאָעט בין איך אַצינד.

מיט דעם נביא'ס הארבען וואָרט זאָג איך דיר אַצינד: „הסר מעלי המון שיריך, אַוועק פון מיר דיין ברומענדיג שפּילען, וזמרת נבליך, און דאָס געברויש פון דיינע באַסאָקעס, די פאַרשייטע, לא אשמע, וויל איך נישט הערען!"

אַצינד ווילט זיך מיר זיצען ביי יענעם לויפענדיגען טייכעל, דאָרט אין דעם פריש בעגראָזטען, לאַנגען טהאָל, איינגעפּאַסט, ווי אין רהאַמען, פון ביידע זייטען מיט הויכע גרינע בערג, פון אונטען ביז אַרויף בעוואָקסענע מיט ווילדליך ניסבוימער. דאָרט, וואו עס פאַרטראָגט זיך מיט'ן ווינטעל אַ מאָהלען פון ערגיץ אַ מיהלכעל; עס לאָזט זיך הערען ערגיץ פון דערווייטענס אַ קלינג-קלאַנג פון גלעקליך אויף די העלזער ביי די זיך-פיטערענדיגע בהמות; וואו עס בליהט אויבען, ערגיץ אין אַ גאָרטען, דער קירבּיס, צייטיגט זיך די מעלאָנע, און די שלאַנקע, הויכגעוויקסיגע זון-בלומע, פאַררייסט איהר געשפּריינקעלט, מיט יאָדערליך אָנגעזעצטען און מיט שפּיציגע געלע בלעטליך אַרומגעצוימטען פּנים אַקעגען דער העל-שטראַהלענדיגער זון; דאָרט, וואו פון ערגיץ אַ קוואַל טיף אין די בערג שלאָגט זיך דורך אַ וואַסעריל, רינט אַראָפּ פון דער הויך און פּליסט זורשענדיג, געגרייזעלט איבער גלאַט-פּאָלירטע, פילפאַרביגע קליינע שטיינדליך, ביז עס בולבעט זיך אַריין אין טייכעל. אָט דאָרט, אינ'ם טהאָל, וואָלט איך, נאָכ'ן אויסבאָ-

דענדיג-זיך, געוואַלט רוהען אונטער שמעקענדיגע, ביים וואַסער וואַקסענדיגע הושענות, ליגען אויסגעשטרעקט אויפ׳ן גריגעם, סאַמעט-ווייכען גראָז, פון צווישען וועלכען עס קוקען אַרויס פאַרליבט מיט קליינע, פייכטע, בלויענקע אויגעליך די שענע „פאַרגעסמיכניט״ — בלומעלע די ליבהאַרציגע! אָדער מיט׳ן תנכ׳ל אין דער האַנד, פאַרטיפענדיג זיך אינ׳ם לייענען „שיר-השירים״, שפּאַצירען אין-געדאַנק מיט דער געריהמטער „שולמית״, די שענע טאָכטער ציון׳ס, פאַרגעהענדיג דאָרט אויף אַ שמאָל שטעגעלע, צווישען הויכע אין הימעל אַריין טאָפּאָלעס, זיך-ציהענדיגע אין גלייכע שורות אַהין-אַהין ביז די פעלדער, פרוכט-גערטנער פון יענעם געוויסען דערפעל, וואו עס בליהט דער ווינשטאָק, עס וואַקסען קאַרשען, רויטע עפּעל!

ניין, אַלטער, בייזער, צאָרנדיגער ים, דיין פּאַעט בין איך נישט אַצינד. — אַ גוטען!...

די אָנגעקומענע אויף מיר גוטע לוינע פון די שענע נאַטור-בילדער און פון אַ פרעהליכס צושפּילען אינווענינ מיר אין דער נשמה — האָט מיך, ווי אַ צויבער געצויגען, געפיהרט ביי מיין צוריקגאַנג דורך שלענגלענדיגע שטעגעלעך, דורך ציהענדיגע-זיך צווישען פלייטען גלייך לאַנגע קאָרידאָרען שמאָלע געסליך, בעדעקט ערטערווייז אויבען ווי אַ סוכה מיט צווייגען, וואָס אַרויס׳גנבנדיג זיך פון זייערע בוימער און גערטנער ביי די זייטען, קריכען זיי אַריבער הויכע שטאַכעטען און קומען-זיך צונויף אויבען מיט די קעפּ. אַביסעל זיך געקיצעלט גע-פלאַפּעלט, גע׳סוד׳עט, ווי דער שטייגער פון נאָהענטע שכנים, לאָזען זיי מיט דרך-ארץ דורך די זונענשטראַהלען, וואָס אינ׳ם געוועב פון ליכט און שאָטען אויף דער ערד אונטען וואַרפען זיי זיך איבער צווישען זייערע שאָטירטע בלעטער, ווי גילדע-נע שטרייפעליך. אַ צוגאָב דערצו איז די לופט דאָרט געדעמפּפט מיט זיסע ריחות פון רויזען, נעגעליך, קימעל, רעזעדע און שמעקענדיגע קיפּאַריסען. פויגלעך שפּילען, שמעטערלינגע, גע-קליידעטע באַלאָווע, דרעהען-זיך, טאַנצען.

עס טראַכט זיך מיר אַ לעבען אין דאָרף מיט דעם

גאַנצען נוסח פון אַ אידיליע — אַ תמימות׳דיג לעבען, פּראָסט, אָהן חכמות. פויערן געזונטע אַקערן, זייהען, שניידען, ווי גאָט האָט געבאָטען, „טראָגען מיט געזאַנג די גאַרבען״. אַרבייטען און געניסען די פּרוכט פון זייער אַרבייט, זיצענדיג בשלוה „זיכערליכען״ אין זייערע הייזליך, ווי די נעסטען, אין קאַרשען, ווייַנשעל און עפּעלבוימער איינגעטונקטע. פול מיט תבואה זעגען די שייערס, מיט גאָרטענוואַרג — די קעלערס. הינער לייגען אייער, קוואָקען, זיטצען, פיהרען-אויס הינדעליך, געגנז און ענטליך פּליוסקען זיך אין רינעס, אין קאַלוזשעס רעגען-וואַסער. בהמות מעלקעדיגע, אָקסען, רינדער פיטערען זיך אויף פּעלדער, קעלבליך, זויגענדיגע אי אַנט-ווענדטע איינאיינעם מיט זייערע מאַמעס דאָרט, שפּרינגען, לויפען, פאַררייסענדיג דעם עק, די הינט, שומרים — ראַפּטאָם נאָך זיי. פאַסטוכער, געאָרעמט מיט זייערע געליבטע, און מיט פייפעליך אין מויל, זיצען זיך צווישען די געמאַרקען. אָדער געהן אין וואַלד נאָך שוועמליך, קלייבען יאַגעדעס! חי — געלעבט. מענשען, בהמות, עופות צוזאַמען, לוסטיג-פרעהליך, ווי זייערע אור-אור-עלטערן אין גן-עדן אַ-מאָל!

עס טראַכט זיך מיר מאָרגענדיגער טאָג ביים בעקאַנטען קאָלאָניסט. אָפּגעזונדערט פון אַנדערע שטעהט אין-מיטען פּעלד אָפּגעצוימט זיין הויפּעל מיט רויטליך-אָפּגעשמירטע ווענד פון-דרויסען. תבואה: גערשטען, ווייץ, קאָרן — אַרום איהם. אַקעגען ציהט-זיך אין דער לענג, אין דער ברייט אַ גאָרטען מיט פּילערליי מינים גאָרטענוואַרג. פאַר׳ן בריטען, אָפענעם אַריינ-גאַנג פון גאַס, ביי אַ בעגראָזטע קאַנאַווע — אַ היבשער פּלאַטץ, וואו עס געפינען זיך הייצונגס-מאַטעריאַלען אויפ׳ן ווינטער; אָפּגעלייגטע קופּעס קיה-מיסט אויף-צו מיסטיגען די פּעלדער, און בהמות, קעלבער רוהען דאָרט אויס און מעלה-גרה׳ן אונטער׳ן שאָטען פון בוימער, קומענדיג מיטאָגס-צייט, בשעת די ברענענ-דיגע זומער-היטץ, צוריק אויף אַ פּאָר שעה פונ׳ם פּעלד. עס מאָלט זיך מיר דאָס יונגע, בייגעבוירענע קעלביל מיט די דינע פיסעליך, שענע אויגעליך, רויטע-ווייסע הערעליך, וואָס פּאָריגע

וואָך האָב איך עס מיט ליבשאַפט אַזוי געגלעט; אויך די מוטער, אַ האָלענדערקע, וואָס איז מעהר פון אַלע אַנדערע בהמות בעליבט פאַר איהר מילך, קעז און פוטער. עס מאָלט זיך מיר די ברייטע, פרייע פעלדער, די שטעגעליך, געסעליך וואו איך האָב ליב צו שפּאַצירען, בעטראַכטען דעם זונענאויפ־גאַנג פריה און דעם זונענאונטערגאַנג פאַרנאַכט; וואו איך האָב ליב, בשעת אַרום־און־אַרום איז שטיל, אויסשטרעקען זיך אויפ׳ן גראָז און צולייגען אַ אויער, צוצוהערען זיך צום דפק פון דער נאַטור — האָרכען ווי עס שמוצערט צווישען תבואה די גריל ווי עס שפּרינגט דער היישרעק; ווי עס זשומען אין דער לופט די מיקען, זומשען די ביהנען, און ווי עס פאַרליהרט זיך דאָרט אַ ווידערקול פון אַ הונד, אַ קרעה פון אַ האָן, אַ הירזען פון אַ פערד!...

אָט אין אַזאַ גוטער לוינע, טראַכטענדיג דאָס בעסטע, דאָס שענסטע קום איך אַריין אין שטאָדט — אַ אַנדער לופט, אַ אַנדער וועלט, אַ טומעל, אַ דערשטיקעניש! הלא חכמה תקרא, די קולטור רופט, ותבונה און די ציוויליזאַציע תתן קולה, שרייעט אויף איהר קול! אַ פּאָהערעריי פונ׳ם טראַמוויי. אַ טאַ־ראַראַם. אַ גערודער פון רעדער איבער׳ן פּפלאַסטער פון שטיי־נער. גראַמאַפאָנען, פּאָרטאָפּיאַנעס לאָזען זיך הערען פון הייזער און קאַטערינקעס — אין דרויסען. הענדלער, טאַנדעטניקעס, גאַזעטענפאַרקויפער דרעהען זיך ווי די פליגען, רופען, שרייען פורע ליגען. לאַמטערניש־זיילען, טעלעגראַפישע, טעלעפאָנישע, עלעקטרישע סלופּעס שטעהען אויף דער וואָך אין די גאַסען. דאָ — קאָנטאָרען, באַנקען, בירזעס, קלובען, קאָפּענעס, מאַגאַ־זינען, מויערען, הויכע־רייכע הייזער, און דאָרט — „זאָרגבייניק", „מיאוסע ערטער", פייכטע קעלערס, פאַרדומפּפענע לעכער, פינסטערע דירות־חירעס, וויסטע חורבות, הקדשים, שמוציגע, נידעריגע־איינגעהויקערטע קבצנישע הייזליך... אַ פאַרגלייך אַ ביסעל שטאָדט און דאָרף! דאָרט — פּראָסט, נאַטירליך, דאָ — געמאַלאכה׳ט דאָרט נעהמט דער מענש צום לעבען אַלץ פון דער נאַטור, דאָ — אַלץ מפליא לעשות, סיור־בור; דאָרט

ליגט זיין מיה אין ערד, דאָ — ליגט אויף איהם די רד' דאָרט מעלקען זיך בהמות, דאָ — יודינעס, מילכטרעגערענס, דאָרט זענען פּרוכטען אויף בוימער, דאָ — אין קוישען, אַלע מינים הייסען „סחורה". דאָרט אַ אידיליע, דאָ — אַ טראַגעדיע, אַ טראַגיע-קאָמעדיע.

בידנע, אָרמזעליגע שטאָדט, דיין ערשטער ערפינדער איז דער פון-גאָט פאַרשאָלטענער קין! נאָך דעם „גרויש" פון דער דאָרפסווירטשאַפט אין זיין איינגעזעסענער, איינגעפונדעוועטער פערמע, אַרומצו-וואָגלען זיך, ווי יענע נע-ונד'ניקעס, אָפּגעריסענע פון דער ערד, האָט ער צום-ערשטען אויסגעבויעט אַ שטאָדט, זייענדיג פאַרבאָרגען פון גאָט, נישט אָנצוקוקען זיין נאַטור. און פון זיינע קינד'ער, קינדס-קינדער איז אַוועק אין דער וועלט אריין אַ ציוויליזאַציע — מוזיקאַנטען: כלי-זמר, פידעל-שפּילער; כל המיני קופּער און אייזען שמידער, שלייפער און וואָפען-שאַרפער!...

מיט פרייד טראַכט איך פונ'ם מאָרגעדיגען טאָג, ווי גוט איך וועל עס צובריינגען מאָרגען אין דאָרף, געניסען רוהען, עטהעמען פריי, אַרויסרייסען-זיך פון דיר, שטאָדט, חאָטש אויף איין טאָג!

אין איינער פון די גאַסען וואַרפט זיך מיר פונדערווייטענס אין די אויגען צווישען דעם עולם אויפ'ן טראָטואַר עמיצענס עפּיס אַ מין גאַנג, אַ הלבשה, ווי ניט קיין היגער. עפּיס שטעלט ער זיך צו-ווילען אָפּ, קוקט זיך אום. פונ'ם אַקסעל רעכטס ביז צו די לענדען ליינקס ציהט זיך איהם איבער דער ברוסט ווי עפּיס אַ ברייטע, אַ רויטע משונה'דיגע לענטע, ביי אַ עק קוואַרטאַל שלאָג איך מיך אין דער דעה, זאָל איך מיך פאַרנעהמען אין דער זייטיגער גאַס, אָדער ניין, און איידער דער קאָפּ איז זיך מישב, זענען שוין די פיס געגאַנגען מיט דער אייגענער גאַס טאַקי, מיך צוגעפיהרט נעהענטער צו דעם פאַרשוין. דאַכט-זיך קענטליך, האַ, אַ אַרבייטער ביי מיין בעקאַנטען אין דאָרף? — יאָ, ער! אוי, ניט גוט... די עקדה! דאָס איז יענע, יענע, מיט דעם ווייסען פלעק אויפ'ן שטערן — דאָס שענע,

דאָס יונגע קעלבעל!... דאָס האָט מען אַ קינד פון דער מוטער יונגערהייט אַוועקגענומען, עס געבונדען אויף אַלע פיער צו דער עקדה, און אויף זיך אַריבערגעוואָרפען אַזוי, מיט דעם עק אַרויף און מיט׳ן קעפּעלע אַראָפּ! די גליהענדע זון סמאַליעט, בּערנט גלייך איהם נעביך אין די פאַרגלייזטע, מיט בלוט פאַרלויפענע אויגען. אַרויסגעשטעקט איז איהם דאָס צינגעל, פאַרדאַרט, חלש׳ענדיג פאַר אַ טראָפּען מילך, חאָטש אַ לעק וואַסער!.. אָט-אָט איז ער, דער פויער מיט׳ן קרבּן, אַריין, דאָ אין גאַס טאַקי, אַהין-אַהין, וואו עס שטעהט אַ מזבּח, און דער קצב אין די בּגדים — אין דעם אוניפאָרם מיט׳ן פאַרטוך, האַקט און פאַר-קויפט פלייש!... עס טהוט מיר אַ האַק אין הארצען — אַ תּהו-ובוהו אין מיר, אַ אויסמישעניש: פירפיסיגע, צווייפיסיגע. קוה, קינפעטאָרען. קעלבעל, קינד, טרערען, געוויין און רעווען אינאיינעם. אַ קול אין הימעל אַריין הערט זיך, אַ געשריי, אַ רעווען ביטערליך — אַ בּהמה אין פעלד שרייעט עס. אַ מוטער רעוועט אויף איהר דערווייטערט קינד, וויל זיך ניט טרייסטען אויף איהר זויגענדיג קעלבעל, וואָס איז ניטאָ!... אַ דובּינקע און אַ חלף שפּרינגען אַרויס, צוויי שרעקליכע געשטאַלטען ראַנגלען זיך, שפּאַרען-זיך, ווער ווער וועמען טרעפט איבּער אין געפיהל פון רחמנות, בּאַרמהאַרציגקייט... עס זיפצט, שנאָרכט פאַרדומפּפען אַ אויסגעצויגען אויסגעפליקט העלזעל — אַ שנאָרך, אַ חאָרחעל און אַ שטראָם בּלוט, אַ צאַפּלען מיט קעלבּערנע... „קינדערשע, צום בּייכעל זיך ציהענדיגע פּיס-לין״!... עס בּעשלאָגען מיך אַנגסטען.

אויפ׳ן וועג, קוים וואָס איך געה, פאַרדולט, פאַרזאָרגט, שטעלען מיך צו-ווײלען אָפּ, אָרימע לייט, בּעטענדיג נדבות. אַ געדרעטעניש איז אויף אָרימע לייט היינט מער ווי תּמיד! פויערען מיט טאָרבּעס, שטעקענס אין די הענד, אָהן היטלען; פויערטעס בּאָרפיסע, האַלבּנאַקעטע, מיט בּלייכע פאַרשמאַכטע קליינע קינדער אויף די הענד, בּוקען זיך, בּעטלען, אָנחאַפּענ-דיג פּשוט פאַר די פּאָלעס. „פון דערפער אין טיף-רייסען זענען מיר — דערצעהלען זיי מיט טרערען — אַ הונגער, פון

נאָט אַ אָנשיקעניש, איז דאָרט אַ גרויסער. אַ טרוקענע היץ האָט אויסגעברענט אַלסדינג אין פעלדער, אין גערטנער, נישטאָ גאָרנישט. נישטאָ קיין לעק גראָז פאַר בהמות. אַ מגפה אויף זיי איז אויך געקומען און דאָס ביסעל איבערגעבליבענע האָט מען פאַרקויפט בחנם, מענשען געשוואָלען פאַר הונגער, און שטאַרבען פון אַ קרענק אויך, פון עפּיס אַזאַ אונטערגאַנג... אונזער יוגענד, די אַרבייטס-מענשען, די שפּייזער אונזערע, זענען אַ טהייל פון הונגער, פון מגפה אויסגעשטאָרבען, אַ טהייל אַוועק אין דער מלחמה, ערגיץ אין אַ פרעמד לאַנד די קעפּ אַנידערלייגען. פונ׳ם גאַנצען בעל-הבתישקייט געוואָרען אַ תל, און צלטע, אוי, מיר האָבען זיך, אַזוי ווי איהר זעהט, צושלעפּט!״...

עס האָט מיר אינוועניג זיך אָפּגעריסען ווי פון האַרצען! — אויס וועלט. אויס אידיליע, אויס דאָרף, אויס תמימות׳דיג-לעבען. אויס פאַנטאַזיעס אויף מאָרגען, אויס פאַרגניגונגען מיט דער נאַטור! אומעטום צרות, פורעניות, אכזריות, דלות, קבצנות טאָרבעס, געוויין, טרערען... ווידער דאָס קעלבעל, שוין אַ נאַקעט, אָפּגעשונדען קעלביל; ווידער אַ רעווען, אַ שרייען, אַ רוישען!... עס רוישט דער ים, עס שטורמען-גוואַלדעווען די פאַליעס — עס רוישט, שיכט אין די אויערען, אַ שרעק!

פּלוצים דערפיהל איך, ווי עס חאַפּט מיך אָן עמיצער ביים רעקיל, שפּרינגט, לעקט מיר די הענד, פלאָנטעט זיך מיר אונטער די פיס, שטערענדיג מיר צומאַכען אַ טריט ווייטער.

— אַך, העקטאָר! — רוף איך מיך אָן אַ-חאַפּ-געבענדיג זיך. דאָס איז געווען מיין געטרייער הונד, וואָס ביי מיין אַריינגאַנג צו מיר אין הויף שטאַרק צעטראָגען, האָט ער מיך פריינדליך אַזוי בעגעגענט — יאָ-יאָ, העקטאָר מיינער. טפו זאָל עס ווערען איינגאַנצן, דאָ און דאָרט!... שטורמען שטורמען מעג דער ים. אומעטום איין שוואַרציאָהר, איין שלימזל!...

— שאַ, געה שטילער, ניט מיט אַזאַ שטורם. דאָס קינד שלאָפט — מאַכט מיין ווייב, קומענדיג מיר אַקעגען ביים

אריינגעהן מיינעם אין שטוב אַ ביסעל האַסטיג, נאָך פאַרטומעלט מיט אַ שטיקעל ירגזון, און פיהרט מיך אַריין אינ׳ם עס-צימער — וואו ביסטו עס אַזוי לאַנג פאַרפאַלען געוואָרען?... אַ אַוועקגאַנג אַביסעל! שוין צייט, דאַכט זיך, צו עסען. מוזט שוין גוט הונגעריג זיין? אַ מיטאָג דערפאַר האָבען מיר היינט גאַר אַ גוטען, דאָס וואָס האָסט ליב — קאַלבענפלייש!

— וואָ-אָ-אָס?! — טהו איך אַ היק ניט מיט מיין קול, טרעסענדיג זיך מיט אַלע אברים.

— צי ביסטו משוגע, דול, חסד-דעה, צי וואָס? — בטל׳ט-אויס מיין ווייב צו מיר חלומות, אויסשטעלענדיג אויף מיר אַ פאָר אויגען. — קאַלבענפלייש איז דען שלעכט?!...

# שטריכען צו מיין ביאָגראַפיע

# שטריכען צו מיין ביאָגראַפיע.*)

מיין געבורט־שטעדטעל–קאַפולי, איז אַ קליין שטעדטעל, וואָס געפינט זיך אין סלוצקער קרייז, מינסקער גובערניע. גאָט האָט דאָס שטעדטעל נישט געבענטשט מיט רייכקייט און פערמעגען און האָט עס נישט מזכה געווען מיט האַנדעל און געשעפט, נאָר דערפאַר האָט ער עס געגעבען די שיינע נאַטור, שיינע וועלדער און אַ שטיל לעבען, טאָהלען און שיינע פעלדער אַרום. מיין געבורטסטאָג איז אין ערגעץ נישט פערשריבען געוואָרען, אַזעלכע זאַכען האָט מען אַמאָל ביי אונז יודען נישט אין זינען געהאַט, בפרט נאָך אין די קליינע שטעדטלעך. ס'איז אָבער ביי מיר אָנגענומען, אַז איך בין געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1836 און מיין פאַמיליע האָט בעשטימט מיין געבורטסטאָג דעם 20־טען דעצעמבער.

מיין טאַטע ז״ל, חיים־משה, איז געווען אַ זעהר בכבודיגער

*) איבערזעצט פון העברעאישען; געווען געדרוקט אין יאָהר תרמ״ט אין ספּאָקאָלאָווס „ספר זכרון“.

בעל-הבית אין זיין שטעדטעל און האָט געשמט אין אונזער־קאַנט מיט זיין תורה און דרך־ארץ, מיט זיין ברייט האַרץ און מיט זיינע ידיעות און וועלטזאַכען. זיין צייט האָט ער איינגעטיילט: אַ העלפט פאַר גאָט—צו זיצען און לערנען פאַר זיך און צו לערנען מיט אַנדערע אומזיסט. און אַ העלפט פאַר זיך—פאַר זיינע זאַכען און פאַר קהלישע ענינים אין וועלכע ער האָט עוסק געווען באמונה. דער איבערשטער האָט מיין פאָטער מזכה געווען מיט אַ כח הדבור און ער פלעגט צייטענווייז האַלטען שיינע דרשות און איז געווען אַ שטיק בעל מליצה אויף לשון קודש. זיינע דרשות און בריעף געפינען זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג ביי די איבערגעבליבענע פון זיינע פאַרערער און שע־צער. מיך האָט דער פאָטער זעהר ליעב געהאַט און האָט מיך אויסדערוועהלט פון אַלע קינדער מיך צו ערציהען אויף אַזאַ אופן, וואָס קיינעם אין אונזער שטעדטעל האָט דעמעלסט גאָר נישט געקענט איינפאַלען. ווען איך בין אַלט געווען זעקס יאָהר, און האָב שוין געקענט לייענען עברי, האָט ער פאַר מיר גע־דונגען איינעם פון די בעסטע מלמדים, ער זאָל מיט מיר לער־נען תנ״ך און אויסלערנען מיר פסוק מיטן תרגום כסדר, און דער מלמד יוסף ראובני (אַ ביסעל וועגען איהם וועט איהר גע־פינען אין מיין ביאָגראַפיע געשריבען פון ל. בינשטאָק—אין זשורנאַל „וואָסכאָד״ פון יאָר 1884) איז געזעסען און געקנעלט מיט מיר ביז צוועלף שעה אין מעת לעת, און נאָך דריי יאָהר לערנען האָב איך געקענט די גאַנצע פיראונצוואַנציג ספרים פון תנ״ך אויף אויסענווייניג און גאָטס תורה איז געווען ביי מיר אין בויך.

און אַזוי ווי איך לעק נאָך די פינגער פון די זיסע ווער־טער פון די געטלעכע נביאים, און געה אַרום מיט די גרויסע געטליכע פאַנטאַזיעס, מיט די פון אייביג אָן, הייליגע גרויסע בילדער האָט מיין מלמד מיך גענומען און מיך געבראַכט אין די גרענעצען פון תלמוד, וואָס איז פון אייביג אָן דער ריעז, דער עוג מלך הבשן אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. אַז איך בין אַהין אָנגעקומען, בין איך געווען ווי אַ מענש וואָס

קומט צום ערשטען מאָל אויף אַ גרויסען יריד, שטעהט ער פערגאַפט און קען זיך גאָר נישט אָפּוואונדערען זעהענדיג די אַלע מיני סחורות און אַ סך פערשידענע משונהדיגע זאַכען. און ער איז איבערראַשט הערענדיג דעם רעש און געטומעל און געשרעה פון אַלע זייטען. קויפער און פערקויפער, מעק־לערס און סוחרים איילען זיך מיט גרויס רעש און דער חשק און תאוה פון מסחר בעפאַלט זיי: אַלע לויפען פערחושט און צעדרעהט, דער מיט זיין קריגעל און דער מיט זיין פעסעל, איינער דעם אַנדערען שטופט, איינער דעם צַנדערען פּרעגט, איינער צום אַנדערען רעדט, ווינקען מיט די אויגען, אַלע טאַפּטשען מיט די פיס, האַנדלען און וואַנדלען, דינגען זיך און רייסען זיך און אַ געשרעה און געבּרום איז אין דער מחנה! מיט דעם כח־הדמיון מיינעם האָב איך צוגעגעבען אַ געשטאַלט אַלע זאַכען און אַ צורה צו אַלע וואָס האָבען זיך מיר בעווי־זען אין תלמוד: דער „תנא־קמא" און דער „מאן דאמר" האָ־בען מיר אויסגעזעהן ווי מענשען וואָס זענען גרויס ביי זיך, קפצנים מיט צעפלאַמטע פנימער; די „רישא" „סיפא" און „מציעתא" ווי ווייבער וואָס איינע די אַנדערע פערגינט נישט, איינע שפּאַרט איבער די אַנדערע, די זאָגט: אַזוי, און די זאָגט: נישט אַזוי: קריגען זיי זיך, שפּאַרען זיך און ס׳איז קיין נחת נישטאָ. און די—די „בוגרת" „איילונית" און „נערה שנתפתתה" און זיי—דער „חרש" „שוטה" און „קטן" און „זב" מיט דער זבה", אויך די „צוויי וואָס האַלטען דאָס קלייד" און „דער אָקס וואָס האָט געשטויסען די קוה". דער „שור המועד" און „שור תם", אַלע זענען געשטאַנען ווי לעבעדיג אין מיין פאַנטאַזיע, יעדער איינציגער מיט זיין געשטאַלט און משונה׳דיגען קאַליער. זייער אַלעמענס שפּראַך האָב איך טאַקי באַלד פערשטאַנען, ווי נאָר איך האָב זיך מיט זיי בעגעגענט, וואָרום פון דער יוגענד האָב איך זיך שוין אויסגעלערענט צו פערשטעהן דאָס תרגום־לשון, אָבער אַ סך פון זייערע רייד זיינען פון מיר געוועזן פאַרהוילען. דאָס אַלץ אָבער, איז נאָר געוועזן אין אָנפאַנג, ווי נאָר איך בין אַריינגעקומען אין „טויער" פון תלמוד, נאָר מיט דער צייט

האָב איך זיך צו איהם צוגעוויינט און האָב איהם ליעב בעקומען. האָב „גענעכטיקט״ אין דער טיפעניש פון „הלכה״ און האָב זיך מורא'דיג געוואונדערט פון די „טורעמס, וואָס פליהען אין לופטען״ און אויף די „בערג, וואָס הענגען אויף אַ האָר״ און נאָך אַזעלכע וואונדערליכע זאַכען אין שאַרפען פּלפול.

כ'האָב ליעב געהאַט צו שפּאַציערען אין גאָרטען פון אגדה. דער דאָזיגער גאָרטען איז נישט ווי אַ פרוכטען־גאָרטען, וואָס האָט אַרום זיך אַ פּלויט מיט טהירען און ריגלען און זייַנע ביימער זענען הויכע, געפּלאַנצט אויף זייערע בייטען יעדער מיט זיין מין, שטעהן אויסגעשטעלט אין גלייכע שורות און די נאַטור איז דאָרט אַרומגעצוימט מיט קונציגע שטאַכעטען. נאָר ווי אַ גרויס ברייט פעלד פון וואַלד און תבואות וואָס האָט נישט קיין סוף און קיין פּלויט, האָט נישט קיין סדר און ס'איז אַ געדיכט אויסמישעניש פון זיינע געוויקסען. דאָרט זענען פאַרהאַן בלומען אָהן אַ צאָהל, פערשידענע משונה'דיגע פּלאַנצונגען וואַקסען אין אויסמישונג און זענען פּראָסט ווי דאָס גראָז אין פעלד—די ליליע איז די ליליע פון טאָהל שרון, און די רויז—איז די רויז פון די טאָהלען אַרומגעוואַקסען מיט גרין גראָז. טויזענטער, מיליאָנען גראָזען און פאַר דיר איז אַ שלל פון פאַרבען, וואָס זענען צוזאַמענגעוועבט. די פאַנטאַזיע געהט זיך אַרום אין דעם גאָרטען פראַנק און פריי און באַווייזט וואונדער. אַמאָל נייגט ער דעם הימעל צו דער ערד און נידערט אַראָב גאָטס רייטוואָגען און אַמאָל הייבט ער אויף די ערד ביז צום הימעל, און מענשען מיט מלאכים קושען זיך.

ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָהר צוועלף, האָב איך פערלאָזט דעם חדר. אין דער צייט איז געווען דער סדר פון מיין לערנען אַזוי: נאָכן דאַווענען אין דער פריה, האָט מיין פאָטער געלערענט מיט מיר אין בית המדרש משניות לויטן סדר, בייטאָג בין איך דאָרט געזעסען און אַליין געלערענט. און אין אָוונד—אַז איך בין אַהיימגעקומען און מיין פאָטער איז שוין געווען פריי פון זיינע געשעפטען, האָט ער מיר געגעבען צו פערשטעהן אַ בלאַט גמרא מיט אַלע מפרשים. און אויב ער האָט

צו מיר קיין צייט נישט געהאַט אין אָוונד—איז ער אויפגע־שטאַנען בעגינען, האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף און מיט גרויס געפיהל זענען מיר ביידע געגאַנגען אין בית המדרש אַריין לערנען תורה.

אמת טאַקי, אַ גרויסער צער איז פאַר אַ יונג קינד אויפ־צושטעהן פון סאַמע געשמאַקען שלאָף, בפרט נאָך אין די ווינ־טער־טעג, אָבער בדיעבד, נאָכדעם ווי איך בין שוין אויפגע־שטאַנען און אַרויסגעגאַנגען פון שטוב האָב איך אין האַרצען גרויס הנאה געהאַט, און מיין שכר—דער שכר פאַרן געהן און פאַרן לערנען בעגינען, איז געווען זעהר גרויס: אַ געטליכע שטילקייט איז אין אַלע גאַסען פון שטאָדט, וואָס איז פערזונ־קען אין שלאָף; אויך די לבנה און די שטערען, וואָס שטעהן אויפן הימעל האָבען דערוועקט מיין פאַנטאַזיע און איך האָב אַ סך זאַכען געהערט און געזעהן. דעמעלטס האָב איך געזעהן אין דער פאַנטאַזיע גבריאלן, וואָס קרעהט ווי אַ האָן און זאָגט אָן אין די הימלען, אַז די נאַכט געהט אַוועק. די מלאכים אין הימעל הויבען אָן צו שפּרינגען און טאַנצען און הויבען אָן צו זאָגען שירה מיט אַ זיס געזאַנג. נאָך אַ ווײלע און די טויערען פון גן־עדן עפענען זיך מיט רעש און דער גרויסער גאָט געהט אַהין אַריין. די מלאכים האָבען דערזעהן ווי גאָט האָט זיך בעוויזען אין זיין הייליגקייט, און זיי זענען געבליבען שטעהן אין גרויס ציטערניש, יעדער אויף זיין אָרט, ביי זיין מחנה, קיינער בעוועגט זיך נישט מיט קיין פליגעל און קיינער לאָזט נישט אַרויס קיין הויך. און פּלוצלונג און גאָט דונערט אויס מיט שטאַרקייט און ער צעוויינט זיך, וויינען טוט ער אין דער נאַכט אויף זיין בית המקדש, וואָס איז וויסט; אויף ירושלים די שטאָדט, זיין קרוין, וואָס איז פערלאָזט; אויף זיין פאָלק, די טייערע קינדער פון ציון, וואָס וואָגלען אַרום צווישען פרעמ־דע פעלקער; און אויף דער שכינה, וואָס איז פערשעהמט, וואָ־געלט מיט מיט זיי אין גלות און לייד פון זייערע ליידען. פון זיינע אויגען רינען טרעהרען—און דאָס איז די טוי וואָס פאַלט אויף דער ערד און די נאַכט־טראָפּענס אויף לאָקען... און דער־

הערענדיג ,,גאָטס קול ווערען דערציטערט די צדיקים פון דער וועלט און צוזאַמען מיט די גוטע מלאכים ווייגען זיי ביטער. און איך — טראַכטענדיג די אַלע פאַנטאַזיעס הייב אָן צו לערנען מיטן גאַנצען האַרצען. איך זינג זיס און ברום ביים לערנען, שפּאַר אונטער די האַנט און זינג אויף אַ קול. מיין האַרץ גלוסט אין גאָטס תּורה צו וויסען אַלע סודות פון תּלמוד. און איך פאַרזינק אין איהם מיט לייב און לעבען.

דער אופן פון דעם לערנען האָט אויף מיר געווירקט אין צווייען: פון איין זייט, האָט ער געשאַרפט מיין שכל דורך טיעף איינטראַכטען זיך אין דינגע סברות און מיר געמאַכט פאַר אַ שאַרפזיניגען, וואָס גריבעלט זיך און דערגרינטעוועט זיך און יעדער זאַך, צו פערשטעהן זי פּשוט און אמת. און פון דער אַנדערער זייט, האָט ער דערוועקט מיינע געפיהלען און מיין פאַנטאַזיע מיט גרויסע, דערהויבענע פאָרשטעלונגען און האָט מיך צוגעגרייט אויפצונעמען בילדליכקייט און הייליג געפיהל. אין דער צייט האָב איך מעהר נישט פערמאָגט ווי נור די ד״ אמות פון דער הלכה און מעהר פון תּלמוד האָב איך גאָר נישט געוואוסט. די ספרים החיצונים האָב איך נישט געזעהן און האָב זיי אַפילו נישט געהערט און האָב נאָך נישט געוואוסט, אַז ס'איז פערהאַן אַ ליטעראַטור, אַ טעאַטער און נאָך אַזעלכעס. וואָרום מיין געבורט-שטעדטעל איז אָן איינזאַמע נעסט פער־וואָרפען אין איינעם פון די פערגעסענע ווינקלען וואו קיין פוס קומט נישט. און זייענדיג נאַאיוו האָב איך געמיינט, ווי דאָס יונגע הינדעלע אין איי, אַז די גאַנצע וועלט איז דאָ, פאַר מיר, און ווייטער פון קאַפּולי איז אַ וויסטע מדבר: דאָרט געפונען זיך שוין די הרי חושך און דער סמבטיון מיט מאָד־נע משונה'דיגע בעשעפעגישען. די קליינע הייזלעך אין מיין שטאָדט, זענען געווען אין מיינע אויגען ווי טייערע פאַלאַצען. און די שוהל מיטן קלויז — האָבען נישט זייער גלייכען אויף דער גאַנצער וועלט, נאָר דאָ רוהט די חכמה. און די שטאָדטלייט, זענען די אויסדערוועהלטע פון אַלע בעשעפענישען, אַלע חכמים מחוכמים, בפרט נאָך די דאָזיגע וואָס האָבען לאַנגע בערד און

זענען שוין אין די עלטערע יאָהרען. וואָרום איך האָב זיך דע־מאָלט געהאַלטען ביי דער שיטה: דאָרט ווי ס׳איז דאָ עלטער, דאָרט איז אויך דאָ חכמה און תורה. און דער, וועמען גאָט האָט געבענטשט מיט אַ קוה אָדער מיט אַ ציעג איז ער רייך ווי קרח און וואויל איז זיין חלק אויף דער וועלט. דער שופר, אויך די קאַטערינקע, וואָס איז צופעליג מגולגל געוואָרען צו אונז אין שטעדטעל אַריין ווי אַ וואונדערלעכע זאַך, און די פּראָסטע כלי זמר, וואָס האָבען געשפּיעלט ווען עס איז געווען אַ חתונה, דאָס איז די שענסטע מוזיק, אַז קיין שענערס איז גאָר נישטאָ, און וואויל איז דעם בעל תוקע וואָס קען בלאָזען אַז די הערצער ציטערען הערענדיג זיינע קולות.

תנ״ך האָב איך געקענט אָבער שרייבען האָב איך נאָך נישט געפּרובט. און אַז דאָס געטליכע געפיהל האָט זיך אין מיר דערוועקט, האָב איך דאָס נישט אויסגעגאָסען אין מליצה אויפן פּאַפּיער, נאָר בין דעריבער געבליבען זיצען שווייגענדיג, געברומט און געשטורעמט האָבען אין מיר די געפיהל־כוואַליעס און אין דער שטיל האָט מיין האַרץ געוויינט אויף דעם: וואָ־רום איך האָב גערעכענט, אַז דאָס איז מעשה שטן, דער יצר הרע פיהרט דאָס אָן מיט מיר און מיט די זינדיגע טראַכטונ־גען איז ער מיר מבטל פון תורה לערנען. און כדי נצול צו ווערען פון איהם, האָב איך נישט געפונען קיין אַנדער עצה ווי דאַוונען און בעטען צו גאָט. עס זענען געווען טעג, וואָס פּלוצלונג האָב איך זיך דערוועקט מיט אַ שטאַרק געפיהל, און זיך געטראַכט: בעט צו גאָט!...—און איך האָב מתפלל געווען.

מיט אַזעלכע תפלות האָב איך אויסגעדריקט מיין געפיהל, כ׳האָב אין דעם געפיהלט דאָס זיסקייט פון גן עדן—און ס׳איז מיר גוט געוואָרען. און דערנאָך, אויב דער מנוול, דער יצר הרע, האָט מיך אָנגעטראָפען האָב איך איהם געפיהרט אין די וועלדער, אויף די בערג און בערגלעך אין פעלד. דאָרט האָב איך פערברענגט די צייט אין נשמה-שטימונג און קוקענדיג אויף די שענע נאַטור און איהר גרויסער פראַכט, און מיט דער צייט האָט זי מיך צוגעצויגען מיט איהר קלאָרקייט און שייב־

קיים. איך האָב זיך פערליבט אין איהר און האָב זיך מיט איהר געפרייד ווי אַ חתן פרייד זיך מיט דער כלה. אַלע טאָג בין איך אַרויסגעגאַנגען אין פעלד אַריין צו זעהן מיין געליעבטע און פערברענגען אין ליעבשאַפט מיט דער דאָזיגער שענהייט. מיין ליעבע האָב איך געזוכט אין געדיכטען וואַלד און אין וועלדעל, אויפן גרינעם גראָז און ביי דעם טייכעל, און זי האָט מיר געוויזען אַלץ, וואָס זי פערמאָגט; האָט צו מיר גע־לאַכט אומעטום און איך בין געשפרונגען נאָך איהר אויף די בערג, געקלעטערט אויף די ביימער, בין אויך געזעסען צווישען די בייטען צו הערען דאָס שרייען פון די סטאַדעס, דער סאָלעוויי האָט פאַר מיר געזונגען און די שטים פון טורטעלטויב האָט זיך געהערט פון דער קאַפּעלע־פייגעל. אַלע האָבען שוין גע־זונגען דאָס ליעבעליד צו מיין שענהייט די הימלישע טאָכטער. און די ליעבע אין מיין האַרצען האָט דעמעלסט געברענט ווי פייער, אַ גייסטיגע ליעבע, אַ הייליגע ליעבע, וואָס האָט נישט קיין געשטאַלט פון קיין גוף, אַ פערבאָרגענע ליעבע צום גוטען, צום שענעם און דערהויבענעם—אַ ליעבע, וואָס דערפרייד דעם מענשען, קלייד איהם אָן מיט ענוה און מאַכט איהם פאַר פיין און גוט, פאַר אַ ליעבהאָבער פון מענשען און דערהויבט איהם איבער אַלע וואָכעדיגע זאַכען... דער סוד פון דער דאָזיגער ליעבע, און דאָס אויסגיעסען דאָס האַרץ דורך תפלה און גע־בעט, איז בעקאַנט צו די בעלי השיר די מענשען פון געפיהל. דאָס זענען געטליכע נאָטען, די צייכענס פון גאָט פון געזאַנג אין האַרץ פון זיינע אויסדערוועהלטע...

אַזוי בין איך מיר געזעסען רוהיג אין מיין נעסט, ביז איך בין אַלט געוואָרען דרייצעהן יאָהר. און איך האָב געמיינט אַז אייביג וועל איך בלייבען אין מיין שטעדטעל. אָבער נישט ווי איך האָב געמיינט איז געשעהן. פּלוצלונג איז מיין פאָטער געשטאָרבען, געשטאָרבען איז ער אין עלטער פון איינאונפער־ציג יאָהר און האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט קינדער אין גרויס אָרימקייט. פון גרויס נויט בין איך פערוואָגלט גע־וואָרען פון מיין היים און בין אַוועק וואַלגערן זיך איבער די

ישיבות אין די ליטווישע שטעדט, אין די נאָענטע און ווייטע. אַלץ וואָס מיט מיר האָט דאָרט פּאַסירט, וועל איך דאָ נישט דערציילן, וואָרום די פּאַסירונגען זענען זעהר פיל, און איך האָב בדעה צו שרייבען וועגען דעם אַ בעזונדער בוך, יפאַר יודען אַנ׳אָנדענק פון זייערע ישיבות אין יענע צייטען. איצט וועל איך זאָגען נאָר דאָס, אַז איך האָב מקיים געווען אַלע זאַכען, וואָס זענען פאַרבונדען מיט תורה לערנען און געלעבט אין צער ווי תלמידי חכמים, מיט עסן טעג און מיט אַלע פּי־טשעווקעס. אין סלוצקער ישיבה האָב איך געלערענט ביים בע־וואוסטען רב ר׳ אברהם ברוך אין דער ערשטער מחלקה. פון דאָרט בין איך אַריבער אין דער עלטסטער מחלקה און בין געווען פון די תלמידים פון ראש ישיבה דעם חריף און למדן ר׳ מיכל מ״ס, דערנאָך בין איך אַריבערגעגאַנגען לערנען אין בית המדרש פון גביר ר׳ יונה און זיך געלערענט ביים גרוי־סען רב ר׳ אברהמ׳לע. אין סלוצק האָב איך געלערענט ביי די צוויי יאָהר. ס׳זענען געווען סבות וואָס האָבען גורם געווען און איך בין אַוועק קיין ווילנע און דאָרט האָב איך געלערנט ביים בעריהמטען ר׳ סנדרל, אין דער ישיבה פון ר׳ מעלה און אויך אין בית המדרש פון ווילנער גאון ר׳ אליהו ז״ל. דאָרט בין איך געזעסען און געלערענט יומם ולילה און בין אויף געווען אַ משמר אַלע נאַכט. קיין ווילנע בין איך געפאָרען, ווייל אַהין האָט מיך גערופען מיין קרוב דער גביר נחום־חיים ברוידע, וואָס האָט מיר מבטיח געווען צו זיין צו מיר ווי אַנ׳אייגענער טאַטע און מיך אויסהאַלטען. אָבער איך האָב דאָרט נישט לאַנג פערבראַכט און בין צוריקגעפאָהרען אַהיים.

אין דער צייט האָט מיין מוטער חתונה געהאַט צו איי־נעם אַ מילנער אין דאָרף מעלניקי, אַ וויאָרסט צען פון קאַפּו־ליע. איז מיין מוטער מיט איהרע יונגערע קינדער אַוועק אין דאָרף אַריין צו איהר מאַן, און איך בין געבליבען אין שטאָדט עלענד און אַליין. אַ טרויריגער בין איך דעמעלסט אַרומגעגאַנ־גען און ס׳איז מיר מיאוס געוואָרען דאָס לעבען פון גרויס ווייטאָג און דערשלאָגענקייט, וואָרום איך בין נאָך אַ יונגעל,

האָב נאָך ווייניג יאָהרען און האָב צרות אָהן אַ שיעור. אַזוי בין איך אַרומגעגאַנגען דערשלאָגען און געפּאַלען ביי זיך, ביז מיין שטיפפאָטער האָט מיך געגומען צו זיך, און כּדי איך זאָל נישט עסען אומזיסט, האָב איך אַ פּאָר שעה אין טאָג געלערענט מיט זיינע קינדער.

דאָס הויז וואו מיין שטיפפאָטער האָט געוואוינט האָט געהאַט אַרום זיך וועלדער, גרויסע גאָר אַלטע וועלדער, אין זיי האָבען זיך געפינען ווילדע חיות. די וועלף שרייען דאָרט צו פערצוקונג איבער די נעכט און אויך דער בער קומט אַהין צייטענווייז. דאָרט געפונען זיך געסטען פון פערשידענע פייגעל, וואָס צווישערען פון צווישען די צווייגען; דאָרט געפינען זיך ווילדע געגנז און אַלע וואַסער־פייגעל, און זיי שרייען פון צווישען די גראָזען אויף די זומפען. און אַ גרויסער טייך ציהט זיך אויסגעקרומט און שניידט זיך דורך צווישען די ביימער פון וואַלד, פלייצט און שטראָמט ביז צו דער מיהל, דאָרט גיסט ער זיך אין וואַסערפאַל און טרייבט די רעדער מיט געברום און רעש, און פון רוישען פון דער מיהל און פון שטורמען פון וואַסער ווערען פערטויבט די אויערען.

אויף דעם איינזאַמען פערלאָזטען אָרט, האָט זיך צו מיר בעוויזען מיין מוזע, מיין געליעבטע פון דער יוגענד, ווען איך בין געזעסען אין די ישיבות מיט די ארים־בחורים, און האָב שוין נישט געהאַפט איהר צו זעהן. זי האָט זיך צו מיר אַנטפּלעקט אין איהר גאַנצער פּראַכט און האָט מיך איבערגערעדט מיטן חן פון איהרע לעפצען צו געהן נאָך איהר אין וואַלד אַריין אונטער אַ פרישען בוים און זיסע רוהיגקייט, און זי האָט מיר געשלאָסען אַ בונד מיט די ביימער אין פעלד, מיט די פייגעל און די פּרוכפּערונגען פון דער ערד, און זי האָט מיך געלערענט צו פערשטעהן זייער שפּראַך און זיך צו צוקוקען צום אָרט לעבען זייערען. מיין האַרץ האָט געלעכצט צו די דאָזיגע חברים מיינע, וואָס האָבען מיר דערצעהלט זייערע אייביגע רעטענישען און אַ סך זאַכען וואָס געשען אין זייער וועלט, און זיי האָבען מיר דערצעהלט די גרויסקייט פון גאָט

וואָס האָט זיי בעשאַפען און טוט מיט זיי פיל גוטס. אויך איך האָב פאַר זיי אויסדערצעהלט מיינע געפיהלען. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב גענומען אַ פען אין האַנט אַריין אויף אויסצוגיעסען מיין האַרץ, און אויפן פּאַפּיער האָב איך פאַר זיי אויסגעזונגען אַ ניים „הללויה". דער טייך האָט מיך אַפּלאָדירט און די עכאָ פון די בערג האָט צו מיר הויך גע־רופען. מיין ערשטע פּאָעזיע געפינט זיך ביי מיר ביז היינטיגען טאָג און וועט קיינמאָל נישט זעהן די ליכטיגע וועלט, ווייל דאָס איז נאָך נישט קיין צייטיגע פרוכט און ס׳האָט אַ טעם ווי וואַלד־עפּעלעך. און אַ וואונדערליכע זאַך: ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבען צו שרייבען און די ערשטע זאַך אויפגעשריבען — איז צו מיר געקומען דער שטן, דאָס איז דער אָבשפּעטער, וואָס געוועלטיגט איצט אין מיר אין געשטאַלט פון מענדעלע מוכר ספרים, און האָט מיך אָנגערעדט אָבצושפּעטען פון מענשען און אַראָברייסען די מאַסקע פון זיי. און איך האָב דעמעלסט אָנגע־שריבען אַ דראַמע און גראַמען אויפ׳ן שטייגער פון ספר „לישרים תהלה" פון רמ״ח לוצאַטו, כ׳האָב אַפּילו נישט געוואוסט, וואָס ס׳איז אַזוינס אַ דראַמע און האָב נאָך קיינמאָל נישט געלייענט קיין ביכער פון דעם מין. אויך דער בוך מיינער איז בלויז אַ שטיפעריי און פול מיט פעהלערען אָהן אַ שיעור. דאָס איז דאָס אָבשפּעטען פון מיין יוגענד־שטן, וואָס האָט פון מיר געשפּעט. און אויב עס טרעפט אַמאָל און איך רייץ זיך מיט מיין שטן און שפּעט פון איהם אויף זיינע יוגענד פעהלערען, ענטפערט ער מיר אויך מיט שפּעטעריי און מיט עזות: צי ווייסטו דען נאָך נישט, אַז דער „עתיק־יומין" אַליין האָט נישט אַרויסגע־בראַכט קיין פערטיגע זאַך פון זיין האַנד און אַלץ וואָס ער האָט בעשאַפען אויף זיין וועלט דאַרף נאָך בעאַרבייט ווערען? דאָס ענטוויקלען זיך איז אַן־אייביג געזעץ אויף דער וועלט. אַזוי איז עס און ווייס.

און דאָס רוהיגע פערברענגען מיינס איז אויך נישט גע־ווען אויף לאַנג. ווי ס׳זעהט אויס, אין אין הימעל אויף מיר נגזר געוואָרען, נאָך איידער איך בין געבוירען געוואָרען, צו

זיין אַ שרייבער פאַר מיין פאָלק, פאַר אָרימען אומגליקליכען פאָלק, און גאָט האָט געוואָלט איך זאָל זיך בעקאָנען מיט די מנהגים פון מיין פאָלק און זיך צוקוקען צו זייערע מעשים, דעריבער האָט ער צו מיר געזאָגט: וואָגל פייגעלע איבער מיין וועלט, דער אומגליקליכער פון די אומגליקליכע און אַ יוד פון יודען וועסטו זיין אויף דער ערד! און דער ווינד האָט מיך אַ טראָג געטהון, האָט מיר שטאַרק געטרייסעלט און געטראָגען אויף די שטאַפּלען פון לעבען, געטראָגען און געטרייסעלט און אַ מלאך פון גאָט שטויסט אונטער. ער האָט מיר אַראָבגענידערט הינטען צו מיינע ליידענדע ברידער און דער נידעריגסטער מדרגה, איך זאָל לעבען מיט זיי אַ לעבען פון צער און פיהלען זייערע וועהטאָגען, און פון זייער פיין האָב איך בעקומען פאַר מיר אַ דאָפּעלטע פּאָרציע. צייטענווייז האָט ער מיר אַרויפגעבראַכט גאָר אין דער הויך פון לעבען און מיר געמאַכט אַנ׳אָרט צווישען אונזערע עשירים, די שטענדיג רוהיגע און צופרידענע, עלסטע לייט פון יודען, כדי צו זעהן זייערע פירעכצען און זייערע טועכצען, זייער האַנדלען און וואַנדלען—צו זעהן נאָר און נישט הנאה צו האָבען פון זייער גוטס.

פון דעמעלסט אָן, זינט גאָט האָט מיך פערבלאָנזשעט פון מיין שטיף-פאָטערס הויז, הויבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטעל אין בוך פון מיין לעבען, אַ קאַפּיטעל פון וואָגלענישען, נסיונות און גרויסע ליידען, און נאָכדעם נאָך אַ סך קאַפּיטלען פון מיינע לעבענס-פעפירונגען וואָס זענען איינגעוועבט אין יודישען לעבען און וועלען בעשריבען ווערען אין בעזונדערע ביכער און וועלען זיין לזכרון אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק און ליטעראַטור. איצט קענט איהר זעהן נאָר אַ ביסעל פון זיי: אַ רמז פון זיי קענט איהר געפונען אין מיין דערמאָהנטער ביאָגראַפיע פון ד״ר בינשטאָק, זעהט דאָרט.

איך היפּער איבער די קאַפּיטלען, שפּרינג איבער די געשעהענישען, וואָס האָבען פּאַסירט אין מיין לעבען און איך וויל איצט נאָר דערצעהלען, ווי אַזוי איך בין געוואָרען אַ יודישער שרייבער און וואָס פאַר אַ ציעל איך האָב פאַר מיר געהאַט, צו

וועלכע איך האָב געווידמעט מיין געדאַנק און פען, און וואָס פאַר אַ ביכער און אַרטיקלען איך האָב אָנגעשריבען.

די העברעאישע ליטעראַטור איז געווען אַ זעלטענע זאַך אין דער צייט פון מיין יוגענד, קיין ביכער און צייטונגען טעג-ליכע, וואָכענטליכע, חודש'דיגע און יעהרליכע ווי עס ערשינען היינט, זענען דעמעלסט נישט ערשינען אויף צו דערוועקען דאָס געפיהל פון יודען און דערוועקען אין זייערע הערצער ליעבע צו אונזער הייליגער שפראַך. און ס'איז נישט געווען קיין ווע-קער און ס'איז נישט געווען קיין קנאת-סופרים, זענען דערפאַר געווען ווייניג שרייבער. ווען איך האָב געוואוינט אין קאַמעניץ-ביי מיין שווער אין הויז און אויך דערנאָך ווען איך חאָב גע'גט מיין ווייב און געוואָרען אַ לערער אין אַ קאַזיאָנער שולע, האָב איך זיך אָבגעגעבען מיט פאָרשען און לערנען וויסענשאַפט און מיט גרויס מאַטערניש זיך עווערבען די ידיעות, וואָס האָבען מיר געפעהלט. ווען עמיצער זאָל מיר דעמעלסט געווען זאָגען, אַז איך וועל ווערען אַ מחבר ביי יודען וואָלט איך געמיינט, אַז דאָס לאַכט ער פון מיר. איך פלעג דאָך נאאיוו מיינען, אַז די סופרים זענען אַלע געטליכע לייט און ווער בין איך וואָס איך זאָל אַזוי ווייט דערגרייכען? נאָר דער צופאַל האָט מיך געמאַכט פאַר אַ מחבר און פלוצלונג, אומגעריכט איז עס גע-שעהען.

אין איינער אַ ווינטער נאַכט, אַ פערוואָלקענטע, נעפעלדיגע פינסטערע נאַכט, ווען דער ווינד האָט געריסען, בין איך געזע-סען איינזאַם אין מיין צימער און בין געווען זעהר טרויעריג און נידערגעשלאָגען. און כדי זיך מיט עפעס צו פערנעמען און בערוהיגען מיין געמיטה, האָב איך גענומען די פען אין האַנד צו ענטפערען אַ בריעף איינעם אַ מלמד. און איך האָב מיט איין מאָל אָנגעשריבען זעהר אַ סך וועגען ערציהונג און פערשריבען אַ גאַנצען בויגען פאַפיער פון ביידע זייטען. צומאָרגענס האָב איך פון דאָרט אַ ביסעל איבערגעשריבען פאַר יענעם מלמד און דעם בויגן אַליין האָב איך אַוועקגעוואָרפען אין אַ ווינקעל ווי אַ אומנוצלעכע זאַך. אַ לאַנגע צייט איז זיך דער פערשריבענער

בויגען געלעגען אין ווינקעל, ביז ער איז געקומען אויף עמי־צענס הענד און ער האט זיך געוואלגערט אין שטוב פון איין ארט אויפ'ן אנדערען, און איך האב איהם שוין גאר ארויסגע־לאזט פון זינען און האב איהם פערגעסען.

איינמאל און דער בריעף־טרעגער האט מיר געבראכט א פערמאכטען בריעף פון אויסלאנד. און אז איך האב געעפענט דעם בריעף און געוועז זעהר טשיקאווע צו וויסען, ווער עס שרייבט דאס צו מיר פון א פרעמד לאנד וואו איך האב נישט קיין שום בעקאנטען, און פאר מיינע אויגען איז דער נומער 31 פון דער צייטונג „המגיד", ערשטער יאהרגאנג, און עפעס ווי בעקאנטע ווערטער שיינען מיר ארויס פון די שורות פון לייט ארטיקעל אונטער'ן נאמען—„מכתב על דבר החנוך"—וואס איז געדרוקט מיט גרויסע אותיות. און ווי איבערראשט בין איך גע־ווארען דערזעהענדיג אין סוף מאמר מיין נאמען אונטערגעשריבען, און הינטען געפינט אן אנמערקונג, וואס לויבט שטארק דעם מאמר און זינגט אויף איהם דעם „הלל הגדול" בעטענדיג ביי די געלעהרטע זיי זאלען איהם איבערזעצען אויף אנדערע שפרא־כען. איך בין געוועזן אינגאנצען צעטומעלט. און דער בריעף פון „המגיד" אייגענטימער, ר' אליעזר ליפמאן־זילבערמאן, וואס האט מיר שטארק געלויבט און געפאדערט פון מיר צו בעשענקען איהם מיט מיין שרייבען אויך ווייטער און שליסען מיט איהם און מיט זיין „מגיד" א „פריידליכען בונד",—האט מיך נאך מעהר פערוואונדערט, אבער אין גיכען איז מיר די גאנצע זאך קלאר געווארען: מיין פריינד און בעקאנטער, דער געלעהרטער מ"מ לע־ווין סעקרעטאר ביי יהושע גינזבורג, וועמען דער אויבענדער־מאהנטער בויגען איז שטארק געפעלען, האט איהם אוועקגעשיקט צו א"ב גאטלאבער ער זאל אויף איהם זאגען זיין מבינות, און אויף אזא אופן איז ער אנגעקומען צו אייגענטימער פון „המגיד" און ער איז אבגעדריקט געווארען.ביידע אויבענדערמאהנטע געלעהרטע האבען מיין דאזיגען מאמר אין יענער צייט אריינ־געשלאגען ווי א טשוואק אין דער העברעאישער ליטעראטור און

—

איז געוואָרען דער אָנפאַנג פאַר אַלע מיינע וויטערדיגע אַרביי־טען אין דער דאָזיגער ליטעראַטור.

כ׳האָב זיר גענומען פערטראַכטען איבער דער העבּרעאישער ליטעראַטור ביי אונז, צו וויסען ווי זי זעהט אויס און וואָס עס געשעהט מיט איהר. כ׳האָב געזוכט צו געפונען נוצליכעס, ווי־סענשאַפט און קלוגשאַפט, פיינעס און שיינס, און נאָר זעהר ווייניג פון דעם אַלעם האָב איך אין איהר געפונען. אַ פוסטער גאָרטען איז געוועזען די ליטעראַטור אין יענער צייט. אַ פערלאָזי־טער גאָרטען אין הערבסט-צייט, נישטאָ קיין פרוכט, נישטאָ קיין שמעקענדיגע בלומען און שיינע פלאַנצונגען, די בלעטער פער־וויאַנעט און די ביימער שטעהן נאַקעטע. וואו נישט וואו גע־פינען זיך נאָכגעוויקסען און ווילדגעוויקסען און אַלץ איז פער־לאָזט דאָרט. און די מחברים? די דאָזיגע וועכטער פון גאָרטען ליגען דאָרט אין איהם, שטיל און רוהיג, שפילען זיך אַרום ווי נאַאיווע קינדער און טרייבען קאַטאָוועס, איינער לויבט דעם אַנדערען און איינער פון אַנדערען האָט נחת.

אמת טאַקע יענער און יענער (הח׳ אַ. צווייפעל) האָט זיך אויסגעדריקט: „פאַר די יודישע סופרים זענען געקומען שטילע רוהיגע צייטען, גוטע גליקליכע צייטען, ס׳האָבען זיך אויסגע־לאָזט די קריטיקער און ס׳איז אַוועקגעקומען דער מענשליכער פערשטאַנד זיי צו שטערען די רוה, צו שענדען זייער כבוד אין רום, פון יעדעס בוך און זיין קדושה איז געוואָרען ווי אַ צווילינג, דער נאָמען פון מחבר אין זיין חבור — ווי אַ טאַטע מיט אַ קינד״.

אָבער ער האָט גערעדט וועגען די פערגאַנגענע צייטען און מיט זיין נישט איבערגעשפיצטקייט האָט ער עס אויסגעטייטשט לשבח. און איך האָב איינגעפינען אַז זיינע רייד פאַסטען אויך פאַר די יודישע שרייבער אין מיין יוגענד און דאָס געטייטשט לגנאי—וואָרום אַזעלכע צייטען, וואָס דער מענשליכער פערשטאַנד איז אַוועקגעקומען—זענען נישט קיין גוטע גליקליכע צייטען, און די ליטעראַטור, וואָס האָט נישט קיין קריטיקער און יעדעס בוך און זיין קדושה איז אַ צווילינג, אַזאַ ליטעראַטור איז אַ גאָרטען

אָהן אַ בעל־הבית. דאָרט פּאַשעט זיך דאָס קעלבעל און מאַכט אַ תּל פון די זריעות, דער חזיר צוגראָבט איהם און קליינע פּיקסעלעך פערדאַרבען די פּאַרזעצטע בייטען. און אַז איהר וועט קומען אין אַזאַ גאָרטען און דאָרט אַלץ צוברעכען און צושטע־רען און נאָך לייגען אין די קעשענעס, אין קיין אומגליק נישט: וואָרום ער איז הפקר און איהר ווייסט, אַז איהר געפינט זיך צווישען יודען. קיינער זעהט נישט, קיינער איז דערביי נישטאָ. לית דין ולית דיין אַחוץ גאָט אין הימעל און קיינער וועט אייך קיין בייז וואָרט נישט זאָגען... וועגען די אַלע זאַכען האָב איך שטאַרק געטראַכט און דערפון איז אַרויסגעקומען מיין ספר:

משפּט שלום (געדרוקט אין יאָהר תר״כ אין ווילנע), דאָס ספר וואָס טרעט שטאַרק אַרויס בעזונדערס קעגען מחבר פון ספר „מינים ועוגב״ און איז אגב מרמז בכלל אויף אונזע־רע שרייבער, איז געקומען ווי אַ קויל אין דער מחנה רוהיגע שרייבער, וואָס זענען זיך געזעסען ווי ווייך אויף זיין הייוועו, און איך בין ביי זיי געוועזען, ווי אַ מענש, וואָס איז געקומען שטערען זייער רוה „צו שענדען זייער כבוד און רוהם״. און ס'איז געוואָרען אַ גרויס געשרעה אין דער עדה. אַ קריגעריי און אַ מלחמת סופרים אין די צייטונגען „המליץ״ און „הכרמל״, וואָס האָבען דעמעלסט אָנגעהויבען צו ערשיינען. און איך האָב נאָך מעהר אָנגעהויבען רעדען שטירדישע רייד און פון צייט צו צייט אַרויסגעטרעטען קעגען זיי מיט מיינע מאמרים, און אַ סך האָבען מיט מיר געהאַלטען און מיר צוגעגעבען מוט. צי בין איך גערעכט געוועזען און שטענדיג געטראָפען אין ציעל— וועגען דעם זאָלען אַנדערע משפּטן, איך אָבער ווייס, אַז איך האָב אַריינגעבראַכט אַ גרויסע בעוועגונג אין אונזער ליטעראַטור: נאָך מיר האָבען זיך פון די יונגעלייט בעוויזען נייע קריטי־קער, וואָס האָבען אַרויסגעטרעטען קעגען די שרייבער, אַ סך פון די שרייבער האָבען זיך אַראָפּגענומען אַ מוסר און זענען אַנדערש געוואָרען און די פּאָלעמיק צווישען די שרייבער איז געוואָרען דער לעבעדיגער גייסט אין דער ליטעראַטור און האָט צוגעצויגען אַ סך לעזער פון פאָלק.

צו לערנען דאָס פאָלק געשמאַק און וויסענשאַפט, אַרייַנצוברענגען דאָס פאָלקס־לעבען אין דער ליטעראַטור, כדי זי דערמיט בעליבט מאַכען ביים פאָלק, צו אַנטוויקלען און ברענגען נוצען—די דאָזיגע דריי זאַכען זענען ביי מיר געווען דער ריכטיגער ציעל, וועלכען עס דאַרפען שטרעבען די שרייבער.

כ׳האָב געוואָלט מיטן גאַנצען האַרצען, אַז די שרייבער און דיכטער זאָלען נישט קלעטערען אין די הימלען מיט פוסטע פאַנטאַזיעס און זיך נישט באַנוצען צו זייערע טעמעס מיט די בנות לוט, פוטיפרע׳ס וויב און נאָך אַזעלכע נפשות און נאַרישקייטען, וואָס זענען שוין אויף דער וועלט נישטאָ. זיי זאָלען פאַר די לעבעדיגע דערצעהלען פון די טויטע; נאָר זיי זאָלען זיך אַראָפּלאָזען אויף דער ערד, זיך צוקוקען צום לעבען פון פאָלק און וואָס עס טוט זיך ביי איהם אין שטוב און אין דער געזעלשאַפט און דאָס אַלץ איהם בעווייזען. זיי זאָלען זיך בעמיהען צו פערפיינערען זיין געשמאַק צו רעדען מיט אַ פיינער שיינער שפּראַכע, זיי זאָלען איהם אויך געבען אַ גוטע לעקציע אין וויסענשאַפט כדי איהם צו מאַכען פערשטענדליך.

דערפאַר טאַקי האָב איך מיין ליטעראַרישע אַרבייט איינגעטיילט אין דריי טהיילען און מיין ערשטע אַרבייט איז געווען:

ספר תולדות הטבע, מדבר על שלושה דברים שעליהם העולם קים: על החי ועל הצומח ועל הדומם. כלם פקודים למשפחותם למיניהם במספר שמותם וסגולותיהם ותועלתם. נעתק מספר החוקר הטבעי לענץ לשפת עבר. (וואָס רעדט אַרום די דריי זאַכען אויף וועלכע די וועלט איז געשטעלט: וועגען חי, צומח און דומם. אַלע צונויפגעשטעלט לויט זייערע מינים און משפחות מיט דער צאָהל פון זייערע נעמען, אייגענשאַפטען און נאַטורען איבערזעצט פון נאַטורפאָרשער לענץ אויף לשון קודש.)

דאָס ערשטע העפט:

בעלי החיים היונקים (זויג חיות) מיט אַכט זייטען צייכענונגען לייפּציג תרכ״ב (1862)

און צוזאַמען מיט דעם האָב איך געפּרובט פערפאַסען אַ

ספור אויף אַ קלאָרען לשון־קודש, געשטיצט אויפן פאָלקס־גייסט און פאָלקס־לעבען פון מיין צייט, און פון דעם ספור האָב איך אַרויסגענומען אייניגע קאַפּיטלען און דאָס אָבגעדרוקט מיט אַ איינפיהר־וואָרט אין אַ בעזונדער בוך אונטערן נאָמען

למדו היטב. ספור אהבים, וואַרשוי 1862. (?)

דעמעלסט האָב איך זיך אַזוי געטראַכט: איך קוק זיך צו צום לעבען פון מיין פאָלק און איך וויל איהם געבען ספורים פון יודישען קוואַל אויף דער הייליגער שפּראַכע, דער רוב אָבער פערשטעהט דאָך נישט די דאָזיגע שפּראַך און זיי ריידען אויף עברי־טייטש, און וואָס קומט אַרויס דעם שרייבער פון זיין גאַנצער אַרבעט און פון זיין דענקען אויב ער ברענגט דערמיט נישט קיין נוצען זיין פאָלק? די דאָזיגע פראַגע: פאַר וועמען אַרבעט איך? האָט מיך נישט געלאָזט רוהען און האָט מיך געבראַכט אין גרויס פערלעגענהייט: וואָרום די יודישע שפּראַך אין מיין צייט איז דאָך געווען אַ פּוסטע כּלי, נישט געווען אין איהר קיין שום גוטע שיינע זאַך אַחוץ שפּעטעריי, נאַרישקייטען און פּלאַפּלערייען די אַרבעט פון נאַרישע לייט, וואָס האָבען נישט געקענט רעדען ווי מענשען און האָבען קיין שום נאָמען נישט געהאַט. און די ווייבער און די פּראָסטאַקעס האָבען דאָס געלייענט און נישט פערשטאַנען וואָס זיי לייענען, און די איבעריגע פון פאָלק—כאָטש זיי האָבען נישט געקענט קיין אַנדער שפּראַך, האָבען זיך שטאַרק געשעמט צו לייענען זי כּדי נישט אַרויסצווייזען זייער אָבגעשטאַנענקייט. און אויב איינער האָט נישט געקענטביישטעהן דעם יצר הרע און עפּעס געלייענט אויף יודיש, האָט ער אַליין געלאַכט און זיך פערענטפערט: אָט קוק איך אַריין אין די „ווייבערישע ביכלעך" וואָס עס לייענען די נאַרישע נקבות, אָט מאַך איך מיר אַ שפּאַס. און אונזערע שרייבער, די בעלי הלשון וואָס האָבען נאָר

---

*) אומעטום וואו עס געפינט זיך אַזאַ פראַגע צייכען, הייסט עס, אַז דאָס בוך האָב איך נישט ביי זיך און איך בין מסופק אין דער צייט פון ערשיינען, און פערלאָז זיך נאָר אויף מיין זכרון.

אין זינען געהאַט די הייליגע שפּראַך און זיך נישט אינטערעסירט מיט׳ן פאָלק־האָבען געקוקט אויף יודיש פון אויבען אַראָב און מיט גרויס שפּאָט. און אויב איינער פון צעהן האָט זיך אַמאָל דערמאָנט אָן דער „פערשאָלטענער" און האָט עפּעס וואָס אָנגעשריבען, האָבען זיי דאָס בעהאַלטען אונטער זיבען שלעסער, האָבען דאָס בעהאַלטען אונטער זייער הייליגען טלית, כדי זייער שאַנד זאָל נישט ענטפּלעקט ווערען און עס זאָל נישט שאָדען זייער גוטען נאָמען. און ווי גרויס איז דעריבער געוואָרען מיין פערלעגענהייט, אַז איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אויב איך וועל מיר אַריינלאָזען אין דער „אומווירדיגער" וועט מיין כבוד זיך בעדעקען מיט שאַנד. איך האָב אויך אויסגעהערט די שטראָף־רייד פון מיינע פערעהרער די „חובבי הלשון העברית" אויף דעם, וואָס איך וועל פערשוועכען מיין נאָמען און כבוד צווישען יודען, אָבגעבענדיג מיינע כחות דער דאָזיגער פרעמדער. אָבער די ליבשאַפט צום נוצליכען האָט אין מיר מנצח געווען דעם פוסטען כבוד און איך האָב זיך בעשלאָסען: זאָל זיין וואָס עס וויל זיך־ איך וועל זיך דערבאַרמען אויף יודיש, די פערשטויסענע טאָכטער, און ס׳איז צייט צו טהון פאַר׳ן פאָלק, אויך איינער פון מיינע גוטע פריינד (יהושע מרדכי ליפשיץ) איז צו מיר צוגעשטאַנען און ביי אונז ביידע איז געבליבען צו אַגיטירען און איבעררעדען דעם בעל „המליץ" ער זאָל אַרויסגעבען אַ צייטונג אויף דער פאָלקס־שפּראַך. זאָל עס איהם, דעם בעל „המליץ" גאָט געדענקען צום גוטען, וואָס ער איז געקומען צו הילף זיין פאָלק מיט זיין צייטונג „קול מבשר" און האָט געהאַט גרויס ערפאָלג. און איך בין געוואָרען בעגייסטערט און אָנגעשריבען מיין ערשטע ערציילונג —

ד אָ ס ק ל יי נ ע מ ע נ ש ע ל י אָדער אַ לעבענס־בעשרייבונג פון אברהם יצחק תקיף. געדרוקט בהשתדלות מענדעלי מוכר ספרים, אָדעססאַ 1864 (?) אין דער צייטונג „קול מבשר" און נאָך דעם אַ סך מאָהל אין בעזונדערע ביכער.

די דאָזיגע ערצעהלונג האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם צווישען יודען, אַזוי אַז אין גיכען איז זי געדרוקט געוואָרען אַ

דריטע אויפלאַגע, ווילנא 1865 (?) און נאָך אַמאָל אַ פֿיערטע אויפלאַגע (נאָר אין גאַנצען אויף דאָס ניי איבערגעמאַכט) ווילנא 1879. דער דאָזיגער העפט מיינער איז געוואָרען דער פונדאַמענט-שטיין אין דער נייער יודישער ליטעראַטור. פון דע־מעלסט אָן האָב איך זיך פעליבט אין יודיש און האָב די שפּראַך צו מיר פערקנסט אויף אייביג, און האָב איהר געגעבען די בשמים און קרייטעכצער, וואָס איהר קומט און זי איז געוואָ־רען אַ שעהנע בעחנטע פריצה'עטע און האָט מיר געווינען אַ סך זיהן:

דאָס ווינש־פינגעריל, וואָס מיט דעם קען איטלי־כער מענש דערגרייכען אַלסדינג, וואָס זיין האַרץ ווינשט און בעגעהרט און דורכדעם ניטצליך זיין זיך און דער וועלט. גע־דרוקט אין וואַרשע (אָהן דעם נאָמען פון דרוק און יאָהר פון ערשינען) און דאַכט מיר אין יאָהר 1865 (?) דאָס דאָזיגע בוך ליגט איצט פאַר מיר אויפ'ן טיש און איך האָב בדעה דאָס צו פערגרעסערען און אַרויסגעבען אויף דאָס ניי מיט אַלע מיינע שריפטען אויף יודיש, וואָס איך הייב איצט אָן צודריקען אויפסניי אין זעהר אַ שענע אויסגאַבע.

די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָדט בעלי־טובות (משוד עניים מאנקת אביונים עתה אקום) זיטאָמיר 1869, געדרוקט צום צווייטען מאָהל: ווילנא 1872. און איז איבעזעצט געוואָרען אויף רוסיש דורך י. מ. פעטריקאָווסקי, ביעלא־צערקאָוו 1884. די דאָזיגע איבערזעצונג איז מיר נישט געפעלען.

פישקע דער קרומער, אַ מעשה פון יודישע אָרעמע לייט. זיטאָמיר 1869, און איצט האָב איך איהם איבערגעמאַכט פאַר אַ ניי בעשעפעניש און וועט זיין דער ערשטער פון אַלע מיינע ביכער אין אַ נייער אויסגאַבע, גאָר אין גיכען.

דער לופט באַלאָן, זיטאָמיר 1869, אַ שענער ספור, פערפאַסט מיט דער הילף פון מיין פריינד הר"ל בינשטאָק, און איז איצט אַ יקר־המציאות. איך האָב איהם געזוכט און נישט נעקענט געפונען *)

*) ערשינען אין אַ נייער אויפלאַגע פון „מענדעלע פערלאַג".

דער פיש, װאָס האָט אײַנגעשלונגען יונה הנביא. פֿון די מחברים פֿונ׳ם לופֿט־באַלאָן א. ב. אַרױסגעגעבן פֿון דער רעדאַקציע פֿונ׳ם „קול מבשר״ אָדעססאַ 1870.

די קליאַטשקע אָדער צער בעלי החיים. לסוסתי ברכבי פרעה דמיתיך רעיתי, צו מײַן קליאַטשע אין פּרעה׳ס רײַטװאָגען פֿערגלײַך איך דיך כּנסת ישׂראל (שיר השירים א,ט׳). אַ מעשׂה, װאָס האָט זיך פֿערװאַלגערט צװישען די כּתבים פֿון ישׂראליק דעם משוגענעם, װילנא 1873, און איז איבערזעצט געװאָרען אױף פּױליש דורכ׳ן הער קלעמענס יונאָשע אַ קריסט מלדה ומבטן Warszaza 1886 און זײַן איבערזעצונג איז אַ גוטע.

דער אױסטאַװ איבער װאָינסקי פּאָװינאָסט פֿון א. ב. הנ״ל, זיטאָמיר 1874.

יודעל. אַ ספֿור המעשׂה אין שירים ע״מ י״א תּנועות. אַך יודעל מײַן קראַנקער, מײַן קראַנקער יודעל, דײַן לעבען איז זעהר אַ טרױעריג ליעדעל אין צװײ טהײל. װאַרשױ 1875.

זמירות ישׂראל לליל שבת, ליום שבת ולמוצאי שבת, שבת׳דיגע זמירות, פערטײַטשט אין שירים און גוט דערקלעהרט, בּכדי איטליכער יוד בעזונדער זאָל פערשטעהן זײער טהײערען װערט, װי שײן זײ זענען אַ גאָטס װאונדער. זיטאָמיר, 1875. די סבּה, װאָס האָט מיר געבראַכט איבערצוזעצען די זמירות איז אַזעלכע: װאָרום איך האָב געזעהן די תּפֿלות אין סידור „קרבן מנחה״ פאַר יודישע טעכטער און די איבערזעצונג איז אָהן אַ טעם און אָהן אַ ריח, מען קען עס מױל נישט נעמען, דעריבער האָב איך זיך בעשלאָסען אַז ס׳איז געקומען די צײַט צו טהון פאַר אונזערע שװעסטער די יודישע טעכטער און פראָס־טע מענשען אונזערע און זײ אונטערטראָגען אַ מתּנה אױף אַ רײַנער שפּראַך. װאָרום אױך זײ האָבען אַזאַ האַרץ װי מיר, װאָס לעכצט צו גאָטס זיסע װערטער און מיר קענען זײ נישט פּטרן פֿון דעם און זײ פערמײַדען פֿון גוטס, פֿון װיסען און מוסר און דאָס אַלץ בעהאַלטען נאָר פאַר אַ קלײַן ביסעל יחידי־סגולה. און אױך אונזערע הײליגע אבות האָבען איבערזעצט די

תורה אויף דער שפּראַך פון פאָלק, און אונזערע תּנאים האָבען פאַר זיי בעשטימט טאָלמאַטשעס, כּדי דעם המון פון פאָלק צו געבען צו פערשטעהן גאָטס רייד, פאַר וואָס זשע זאָלען אויך מיר נישט געהן אין זייערע וועגען צו געבען חכמה און מוסר צו זייערע קינדער פון הייליגען פאָלק אויף דער שפּראַך, וואָס זיי פערשטעהן, און פאַר וואָס זאָלען אויך מיר נישט זאָרגען פאַר אונזערע טעכטער און פאַרן גאַנצען המון און פון זיי פערמיידען די גוטע מתנות און שענע אוצרות, וואָס געפינען זיך אין אונזערע תּפלות און זיי לאָזען אַרומבלאָנקען אויף די פינסטערע וועגען, זיך צו פערנעהמען מיט נארישקייטען און פוסטע מעשיות וואָס פערנאַרישען און מיר זאָלען נאָר אין זי־נען האָבען נור אַ קליינעם טייל פון אונזער פאָלק?! צי זענען דען נישט אַלע יודען הייליג און צווישען זיי רוהט גאָט? מיט די זמירות האָב איך אָנגעהויבען די הייליגע אַרבעט פאַר אַ פּראָבע, דערנאָך האָב איך איבערזעצט דעם ספר תּהילים און שירים און ער געפינט זיך ביי מיר אין מאַנוסקריפּט, און נאָך איהם—

פּרק שירה איבערזעצט אויף יודיש און שירים ע״מ י״א תּנועות מיט אַ פּתיחה געשריבען אויף לשון קודש וועגען פּרק שירה און מיט אַ גוטען בעטעמטען פּירוש, וואָס גיט צו פערשטעהן לויט חכמת הטבע און לויט די רייד פון אונזערע חכמים ז״ל יעדען מאמר פון די שירה-זאָגער ווי עס פּאַסט פאַר איהם. זיטאָמיר 1875. ס׳טהוט מיר לייד אויף דעם, וואָס איך האָב אין זינען געהאַט אַרויסצוגעבען אַ נייעם „קרבן מנחה״ וואָס איך האָב איבער פערשידענע סבות נישט דורכגעפיהרט ביז איצט.

—קיצור מסעות בנימין השלישי, דאָס הייסט די נסיעה אָדער אַ רייזע בעשרייבונג פון בנימין דעם דריטען, וואָס איז אויף זיינע נסיעות פערגאַנגען העט ווייט אַזש אונטער די הרי חושך, און האָט זיך געזעהן און אָנגעהערט חידושים שיינע זאַכען, וואָס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען אין אַלע שבעים לשונות און היינט אויך אין אונזער לשון, בהשתדלות

מענדלי מוכר ספרים. ערשטער ספר ווילנא 1878. איבערזעצט געוואָרען אויף פויליש דורכן הער קלעמענס יונאָשע אונטערן נאָמען: Donkiszot Żydowski Warszawa. 1885 און פון פויליש איז ער איבערזעצט געוואָרען אויף טשעכיש (בעהעם).

דער פריזיוו. אַ דראַמע אין פינף אַקטען עם תמונת המחבר, פעטערבורג 1884.

דער נוצליכער קאַלענדאַר פאַר די רוסישע יודען. ער איז ערשינען פינף ביכער פאַר פינף יאָהר: תרל"ז, תרל"ח געדרוקט אין זיטאָמיר, תרל"ט, תר"מ געדרוקט אין ווילנא און תרמ"ג געדרוקט אין אָדעססא. אין זיי געפינען זיך נוצליכע מאמרים און אַ סך גוטע זאַכען.

און אַחוץ די אויסגערעכענטע האָב איך געשריבען נאָך אַ סך מאמרים, און איצט וועל איך אויסלאָזען מיט דעם, וואָס איך האָב אָנגעהויבען—

ספר תולדות הטבע ע"פ חוקרי הטבע החדשים והמצוינים. חוברת שניה:

העוף (געפליגעל) מיט אַכט זייטען צייכענונגען און מיט אַ סך הערות אין ספר און צום סוף צו ערקלעהרען די נעמען פון די עופות, וואָס געפינען זיך אין תנ"ך און תרגום, און תלמוד און מהרשים און צו ערקלעהרען אַ סך נישט פערשטענדליכע פסוקים און מאמרי-חז"ל. זיטאָמיר 1866.

עין משפט. ענטהאַלט צוויי מאמרים וואָס געהערען זיך אָן איינער מיטן אַנדערען און פאַרטיידיגען די יודען: דער ערשטער אַן אָפּשאַצונג וועגען דער איצטיגער העברעאישער ליטעראַטור, וועגען. מצב פון די שולען און געלערענטע רבנים און וועגען פערבעסערען דעם מצב פון די יודען. און דער צווייטער—איז אַנ'ענטפער אוי די שאלות פון דער ממשלה, וואָס זענען געפרעגט געוואָרען וועגען יודען אין דער צייטונג "קיעוולאַנין" און באַווייזט פאַר אַלע פעלקער די פיינקייט פון יודען און זייערע רעליגיעזע ספרים. געדרוקט געוואָרען צום ערשטען אין דער צייטונג „המליץ" און צום צווייטען מאָל ער־שינען מיט הערות און אַ סך הוספות פון מחבר זיטאָמיר 1867.

די דאָזיגע מאמרים האָב איך געשריבען און צוגעשיקט דער ממשלה נאָכדעם ווי איך בין פון איהר אויפגעפאָדערט געוואָרען אין אַ ספּעציעלען כתב פון 22 נאָוועמבער, יאָהר 1864 נמ. 99 און איך בין באַעהרט געוואָרען מיט אַ דאַנק־בריף פון דער ממשלה פון 12 מערץ יאָהר 1875 נמ. 805 און די דאָזיגע צוויי בריף זענען געדרוקט אין אָנפאַנג פון דעם דאָזיגען ספר.

**האבות והבנים** ספור אהבים. (ראָמאַן) אדעססא 1868 איז איבערזעצט געוואָרען אויף רוסיש דורך מיין פריינד הר״ל בינשטאָק. פעטערבורג 1868.

**ספר דברי הימים להרוסים** (געשיכטע פון די רוסען) איבערזעצט אין אַ קלאָרער און פשוטער שפּראַך פאַר אַלע יודען, וואָס זאָלען לייענען און וויסען, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די מענשען פון לאַנד אין וועלכען זיי וואוינען. פון זינט ווי זענען געוואָרען אַ פאָלק ביז דער לעצטער צייט. אָדעססא. יאָהר 1867. דאָס דאָזיגע בוך איז איבערזעצט געוואָרען דורך דעם פאָרשלאַג צו מיר פון דער פאַרוואַלטונג פון דער חברה „מפיצו השכלה בישראל״. און צוליב געוויסע סבות האָב איך זיך אָבגעזאָגט פון דער ווייטערדיגער אַרבעט און איז איבערגעזעצט געוואָרען נור בערך אַ דריטעל, זעה „עין משפט״ זייט 51 און דער הערה דאָרט.

**ספר תולדות הטבע** על די חוקרי הטבע החדשים והמצוינים. חוברת שלישית:

**הזוחלים** (קריכענדע בעשעפּענישען) מיט זיבען זייטען צייכענונגען און מיט אַ סך הערות אין ספר און אין סוף אויף צו ערקלעהרען די נעמען פון די קריכענדע באַשעפּענישען, וואָס געפינען זיך אין תנ״ך און אין תרגום, אין תלמוד און מדרשים און צו ערקלעהרען אַ סך נישט פערשטענדליכע פסוקים און מאמרי־חז״ל. ווילנא 1872.

דעם צווייטען און דריטען טייל האָב איך נישט איבערזעצט פון געלערנטען לענץ, ווי דעם ערשטען טייל, נאָר איך האָב צונויפגעזאַמעלט פון די ביכער פון די נייע אויף דער

גאַנצער וועלט בעריהמטע נאַטור־פאָרשער און האָב זיי צענויפ־געשטעלט צום נוצען און פערגעניגען פון די העברעאישע לע־זער... איך האָב אויסגעשטעלט אַלע בעלי-החיים און האָב פאַר זיי אויסגעפונען נעמען און זיי געגעבען אַן אָרט אין דער העב־רעאישער ליטעראַטור. און איך האָב געמאַכט נייע נעמען, איך האָב זיי בעשאַפען אין גייסט פון דער העברעאישער שפראַך, איך האָב אויך צענויפגעזאַמעלט ווי סנאָפעס אין שייער אַלע נעמען פון בעלי־החיים וואָס געפונען זיך אין פסוק, תלמוד און מדרשים און האָב זיי ערקלעהרט לויט די בעוואוסטע געלערנ־טע מפרשים (זעה חולדות הטבע, חוברת שניה, פון זייטע 3 און ווייטער און פתח דבר דאָרט).

לוח הסותרים. און דאָרט געפינען זיך פיינע מאמרים געשריבען אין משנה־לשון (איז איצט אַ יקר המציות). ווילנא 1879

און אויסער דעם האָב איך געשריבען זעהר אַ סך ווי־סענשאַפטליכע און קריטישע אַרטיקלען און זענען צעשפרייט אין די צייטונגען „הצפירה", „המליץ", „הכרמל" און נאָך און נאָך, און פון זיי וועל איך דאָ נאָר איינינע דערמאָהנען: חכמת הכעמיה (אין ערשטער „הצפירה") עמק יהושפט (המליץ) מה אני (השחר) על הדגים (הבוקר אור) און נאָך אַזעלכע און אַזעלכע, וואָס איך בין נישט אומשטאַנד אויסצו־רעכענען, וואָרום איך האָב איצט נישט די דאָזיגע צייטונגען. איך האָב נאָך געשריבען וועגען די חדרים און מלמדים, ווען איך בין געווען אין דער קאָמיסיע אונטער דער אויפזיכט פון וואָלינער גובערנאַטאָר גרעססער, אין יאָהר 1875. מיין אַרטי־קעל איז געפעלען די נאַטשאַלסטוואָ און האָט געהאָלפען לעזען די חדרים און מלמדים פראַגע אין יענער צייט. דער דאָזיגער מאמר איז געבליבען אין אַרכיוו פון דער קאָמיסיע און צום בעדויערען האָב איך נישט פון אים קיין שום קאָפיע.